# ספר

# מעשה הגדולים

## עם

# מילין דרבנן

## הונדערט אונ דרייסיג מעשיות

וואס גיפינן זיך אין דר גמרא גם אין מדרשים. אוך לעבענס בעשרייבונגן פון דיא תנאים ואמוראים:

דאס ספר מעשי הגדולים אויף לשון הקודש האט מחבר גיוועזין אגרוסר למדן. אונ איך האב עס שוין פיל מאל גידרוקט. יעצט האב איך אויך גידרוקט אויף עברי טייטש. אויך אפילו דער וואס פאר שטייט נישט לשון הקודש זאל אויך וויסן דיא שיינע מעשיות וואס גיפינען זיך אין דער גמרא ומדרשים:

פערלאג אונד אייגענטהום פאן ה' מונק אונד ראטה.

# לעמבערג

שנת תרס"ג לפ"ק

# פאררעדע

עס איז יעצט ענטשטאנדן אגאנצי „זשארגאן ליטראטור". אונ מען ליינט ראמאנען אונ מעשיות גאר אן אשיעור. עס איז אויך ווירקליך זייער אניצליכע זאך. דען מיט וואס קאן זיך אוים בילדן דר מענטש ווס קען ניט קיין לשון הקודש אונ קען אויך קיין לעבעדיגע שפראכן. פר דעם איז דאך זייער גוט אז ער ליינט געשיכטן אוף עברי טייטש קען ער דר פון באקומן עפעס אבעגריף וואס עס טוט זיך אין דר וועלט. עס זענן אבער אוף געשטאן אזו פיל מעשה שרייבערס וואס דארונטר איז דא שרבערס וואס אמעשה אן אליבע קען ביי אים נישט זיין. אונ פון אזעלכע מעשיות קען מען זיך קיין מדות טובות ניט אפ לערנן. אז עס איז שון יא גווארן אזשארגאן ליטראטור קען מען דאך דעם פאלק געבן פיינע זאכן ניט פאסקאטצווע. עס איז נאך דא איבר צו זעצן זייער שיינע מעשיות פו דר הייליגר גמרא אונ פון מדרשים. וואס די מעשיות זענן זעהר שיין. אונ מען קען זיך דר פון אוים לערנן גוטע מדות. אונ ביז יעצט הט עס קיינר ניט איבר גיזעצט. וויא איך האב גיזעהן אז דם ספר **מעשה הגדולים** אוף לשון הקודש איז שון פיל מאל געדרוקט גווארן אונ יעדר קופט עס ווייל עס געפינט זיך זייער שיינע מעשיות פון גאנץ ש"ס. האב איך מיר די מוהע גינומן דם איבר צו זעצן אוף עברי טייטש. אונ האב נאך צו גיזעצט פיל מעשיות פון מדרשים. איך האב צו גזעצט דעם מילין דרבנן דם איז ווערטלך פון דר הייליגר גמרא ווס עס שטעקט דארינן פיל חכמה אונ מדות. אלעס אוף ריין עברי טייטש אפילו אקינד זאל עס פרשטיין. אונ איך האפפע אז סייא קינדר סייא גרויסע מענטשען וועלן פון דעם פיל מעהר פרגעניגן האבן וויא אז זייא וועלין ליינען אנדרי נארעשע מעשיות אונ וועלין מיר דער פאר דאנקבאר זיין:

המעתיס

# פערצייכניש פון די מעשיות ווי זיי געפינען זיך אין דר גמרא


1 ברכות יח
2 ברכות לא
3 ברכות לד
4 ברכות סא
5 פאה ה״ז
6 שבת לא
7 שבת קיט
8 שבת קנו
9 שבת קנו
10 עירובין כא
11 יומא סט
12 תענית ח
13 תענית יט
14 תענית כד
15 תענית כא
16 תענית כא
17 תענית כד
18 תענית כד
19 תענית כג
20 תענית כד
21 מועד קטן
22 יבמות סג
23 כתובות סא
24 נדרים עט
25 גיטין מח
26 גיטין סח
27 קידושין לא
28 קידושין לא
29 ב״ק לו
30 ב״ק ם
31 ב״מ כד
32 ב״מ נט
33 ב״מ עח
34 ב״מ פג
35 ב״מ פג
36 ב״ב ו
37 ב״ב י
38 ב״ב נח
39 ב״ב נח
40 סנהדרין כז
41 סנהדרין לט
42 סנהדרין לט
43 סנהדרין מד
44 סנהדרין צא
45 סנהדרין צה
46 סנהדרין קט
47 מכות כד
48 ע״ז נד
49 ע״ז נד
50 מנחות לו
51 חולין ז
52 חולין ז
53 חולין ז
54 בכורות ח
55 מגלה ט
56 מגלה טז
57 מגלה טז
58 מגלה כד
59 מס׳ כלה
60 מס׳ כלה

לעבענס בשרייבונג

61 פון ר׳ אליעזר
62 פון בנימין הצדיק
63 בשרייבונג פון הלל
64 פון הילני
65 פון ר׳ יהושע
66 פון רבי
67 פון רבי יוחנן
68 פון ר׳ מאיר
69 פון עקילוס
70 פון ר׳ שמעון בן יוחאי

מעשיות פון מדרש און ילקוט

71 פון מדרש און ילקוט
72 פון תרח אברהם׳ פאטער
73 פון ישמעאל בן אברהם
74 פון ילקוט שמות
75 פון משה רבינו
76 מדרש איכה
77 פון. צוויי ברידר
78 סדר הדורות
79 ילקוט
80 בראשית רבה
81 מדרש קהלת
82 בראשית רבה
83 ראש השנה
84 במדבר רבה
85 ויקרא רבה
86 ויקרא רבה
87 ילקוט תהלים
88 מדרש שה״ש
89 ילקוט תהלים
90 בראשית רבה
91 ויקרא רבה
92 כתובות ו
93 ילקוט שמות
94 סוטה מא
95 שמות רבה
96 מדרש קהלת
97 ברכות סא
98 נדרים סו
99 הוריות י
100 מדרש אסתר
101 ערכין טו
102 גיטין פד
103 סנהדרין

# מעשה הגדולים

## דיא מעשיות וואס געפינען זיך אין מסכת ברכות:

1 אפרומער מאן הט געשענקט אין א הונגער יאהר איין ארום מאן א גולדען. זיין ווייב איז געוועזען זעהר אשלעכטע האט זיא איהם דער פאר פון שטוב ארויס גיאגט. אונ האט געמוזט דיא גאנצע נאכט נעכטיגען אופין בית עולם. ווייל ער האט ניט גיהאט ווי צו נעכטיגען. לוגענדיג צווישען דיא קברים האט ער גיהערט צוויא נשמות רעדין איינע מיט דר אנדערי איינע זאגט צו דר צווייטער קום מיר וועלין ביידע פלוהען אין הומעל אונ מיר וועלין ערפאהרין דורך אהינטער וועג וואס פר איאהר עס וועט זיין אבער דיא חברתרין הט איהר גיענטפערט איך קען מיט דיר ניט פלוהען ווייל איך בין ניט באגראבין אין תכריכים וויא עס דארף צו זיין נאר אין ארגאזשע דארום פלוה דוא אליין אונ דאס וואס דוא וועסט הערין וועסט דו מיר דער ציילין. יענע נשמה איז אליין גיפלויגען אונ איז באלד צוריק גיקומען אונ האט געבראכט דיא נאכרוכט אז דר וואס וועט זייען פרוה אין דר ערשטער זריעה צייט וועט זיין אומגלוקליך ווייל אהאגיל וועט צערשטערין. דער חסיד האט דאס גוט צו גהערט ער איז אויף מארגין אהיים גיגאנגען אונ מיט זיין אשה רעה גוט געווארין. זיינע פעלדער הט ער ניט געזייט אין דער ערשטי זריעה צייט הב ער גיהאט זייער אגליקליך יאהר אבער דם רוב מענשין האבין געזייט די ערשטי זריעה צייט זענען זיא גיווארין אומגליקליך ווייל דער האגיל הט דיא תבואה פון די פעלדער צערשטערט. אין צווייטין יאהר איז ער ווידער גיגאנגען נעכטיגען אופין בית עולם האט ער ווידער גיהערט די צוויא נשמות ריידין איינע מיט דר אנדרע די זעלבי דבורים ווי אין פאריגען יאר איינע פון זיי איז ווידער גיפלויגין אין הומעל אונ האט נייעס גיבראכט דר חברתרין דם דר וואס וועט זייען אין דר שפעטערי זריעה צייט וועט זיין אומגליקליך ווייל די תבואה וועט דורך הומץ אונ ברענדיגע ווינדין פר ברענט ווערין דר חסיד הט דם גיהערט הט ער שוין גיוויסט וואס צו טוהן אין דעם יאר ער האט זיין פעלד גיזייעט אין די ערשטע זריעה צייט זענין די תבואות גראטין גיוועזן. אבער דיא וואס האבין גיזייעט אין דער שפעטירי זריעה צייט זענין גיווארין אומגליקליך. דעם חסידס ווייב איז דם גיוועזען אווינדער אונ ווי די נאטור פון די ווייבער אויף אלץ נייגערונג צו זיין אונ טשיקאווע אלץ צו וויסען הט זיא דעם מאן גיבעטין ער זאל איר זאגין וואס די מעשה איז וואס ביי אים איז די תבואה מעהר גראטין ווי ביי דר גאנצער וועלט הט ער איר דר ציילט דיא גאנצע מעשה. איין מאל הט זיך דעם חסידס ווייב גיקרוגט מיט דר שכנתה וואס איר קינד איז גיוועזן אין דר ראגאזשע באגראבין אונ הט איר פאר גיווארפין דם איר קינד איז ניט באגראבין אזוי ווי אלע קינדער. אום דריטען יאר איז דר חסיד ווידער געגאנגין נעכטיגען אופין בית עולם אונ האט גיהערט ווי איינע רופט די אנדערע זיא זאל מיט איר פליען אין הומעל אבער די אנדערי הט איר גיענפערט לאז מיך אין רוה דם וואס מיר האבין דא גשפראכין איז שוין בעוויסט צווישען די לעבעדיגי מענטשין: (ברכות יח)

2 אפרומער יוד איז גישטאנין אונ גידאבונט איז פר ביי גיגאנגן אשר אונ הט אים גיגריסט דר יוד הט אים אבער ניט גיקענט ענפערין ווייל ער הט דאמאלס גידאבונט. דעם שר הט זייער פר דראסין הט ער גווארט ביז דער יוד האט אפ

גידאווינט און הט זיך אויף אים גיבייזערט און גזאגט וויא אזוי האסט דוא דיך גיקענט איינשטעלין און מיר ניט ענפערין וואס וואלסט דוא גיטאן ווען איך זאל דיר דו פאר גוועין דעם קאפ אפ האקין. הט אים דער יוד גיענפערט למשל איך זאל שטיין פר אקיסר און האבין אדיענץ און דו זאלסט מיך גריסען וואלט גוועין אדרך ארץ איך זאל ענפערין הט אים דר שר גיענפערט אודאי אז מען שטייט פר אקעניג טאר מען צו קיין אנדערין ניט רעדין. הט אים דר יוד גזאגט יעצט קענסט דו שוין פר שטיין אז איך בין גירעכט דעו איך בין דאך גשטאנען פאר גאט וואס ער איז דער מלך מלכי המלכים האט דאך אוודאי ניט גיפאסט איך זאל צו דיר רעדין. דעם שר איז דאס זייער גפעלין און האט זיך מיט אים פריינדליך גיזעגונט: (ברכות ל"א)

3 איין מאל און פרייטוג הט רבי חנינא גיזעהן ווי זיין טאכטר איז פר זארגט הט רבי חנינא זי גיפרעגט וואס הט זיך דיר גיטראפין דם דו ביסט אזוי פר זארגט. הט זי גיענפערט עס הט זיך מיר עפיס פאסורט איך האב אן גגאסין די לאמפ אויף שבת צו ברענין אבער אן שטאט אייל האב איך די לאמפ אן גיגאסין מיט עסיג. זיי רויג הט דר פאטער גיענפערט דר וואס הט גיהייסין אייל זאל ברענין וועט הייסין אז עסיג זאל אויך ברענין: ביי רבן גמליאל איז קראנק גיווארין אקינד הט ער גישיקט צוויי תלמידים צו רבי חנינא ער זאל פאר זיין קינד מתפלל זיין ווי רבי חנינא הט זיי דר זעהן איז ער ארויף אויף איין אייבער שטיבול און האט מתפלל גיוועין פר רבן גמליאל־ם קינד. אז ער איז ארונטער גיגאנגען האט ער גיזאגט צו דיא שלוחים גייט אהיים דעם קינד איז שוין בעסיר. האבין זייא אים גיפרעגט פון וואנין ער ווייסט דם האט ער זיי גזאגט איך בין ניט קיין נביא און ניט קיין בן נביא נאר אסימן האב איך ווען דיא תפלה גייט ארויס פון מיין מויל מיט ארדענונג איז זיא אן גענומען גיווארין ווען זי גייט ארויס מבולבל איז אסימן אז דיא תפלה איז ניט אן גינומען גיווארין. דיא שלוחים האבין פר שריבען דיא שעה און די רגע וואס ער האט גיזאגט און זענין אוועק גיגאנגען און גיקומען צו רבן גמליאל האט ער זייא גיזאגט אקראט אין דער זעלביגע מינוט וויא בייא אייך איז פאר שריבען איז דאס קינד געזונד גיווארין: (ברכות ל"ד)

4 אין אשטאט הט מען אפ גיווארט דעם קעניג וואס הט בעדארפט דורך צו פארין אין די גאסין זענין גיוועין זייער פיהל מענטשין וואס האבין זיך גפרייט באלד צו זעהן דעם מלך. רב ששת איז גוועין בלונד און איז אויך דארט גשטאנין איינער וואס איז געשטאנען נעבין איהם הט אן גהויבין צו שפעטין פון איהם. די גאנצע קרינליך גייען צום ברינגען וואסר שעפין אבער די צו בראכיגע ווי גייען הט ער גזאגט צו רב ששת. אבער רב ששת הט אים גיענפערט דו וועסט זעהן איך אין מיין בלונדהייט וועל בעסיר ווייסען ווי די זעהנ־דיגע. עס איז אן גפארין אלאנגר צאג מיט אגערעש דר קעניג קומט האט זיך אן גערופין דער וואס איז גישטאנען. ניין דם איז ניט דר קעניג הט רב ששת גיענפערט אזוי איז גיוועין מיט דעם צווייטין צאג דר דריטער צאג איז גאנץ שטיל גיפארין הט רב ששת גזאגט דא איז דער קעניג און האט גימאכט אברכה. האט יענער גיפרעגט פון וואנען ווייסט דוא דאס. האט רב ששת גיענפערט עס שטייט בייא אליהו הנביא ווען

נאט האט זיך צו אים בווייזען איז פריער געוועזען שטורעם און פייער דער נאך איז געווארין שטיל און די הערליכקייט פון גאט האט זיך בווייזען. אזוי איז אויך בייא א מלך בשר ודם: (ברכות ס"א)

5 עס זענין געוועזען צוויא ברידער אין אשקלון וואס האבין געוואהנט אין אגוישער גאס האבין זיך די גוים אפ געשמועסט ווען דיא צוויי ברידער וועלין גיין עולה רגל זיין קיין ירושלים וועלין זיי דיא שטוב זאכין ארויס נעמען. האט גאט אנס בווייזען ווען די צוויי ברידער זענין גיגאנגען עולה רגל זיין זענין ארוב גיגאנגען אין שטוב מלאכים וואס האבין אזוי אפנים גיהאט ווי די צוויי ברידער האבין דיא גוים גימיינט אז זייא זענין גאר ניט גיגאנגען קיין ירושלים: (פאה הל"ח ו)

דיא מעשיות וואס געפינען זיך אין מסכת שבת

6 רבי שמעון רבי יהודה און רבי יוסי זענין גיזעסין צו זאמען. האט זיך רבי יהודה אן גערופין די רעמיר זענין ווערט מען זאל זייא רומין ווייל זיי מאכין גוטע איינריכטונגין אין לאנד. זיי מאכין ברוקין איבר טייכין מאכין בעדיר זיך צו באדין מאכין מארקין צום פר גרעסערין די גישעפטין און נאך אזעלכע גוטע זאכין. רבי יוסי הט גיהערט און הט גישוויגען. אבער רבי שמעון האט זיך אן גירופען דיא אלע זאכין טוען זייא ניט פון אונזער טובה נאר ווענין זייער אייגינע טובה. זיי מאכין בריקין צו נעמין בריק געלד. זייא מאכין מארקין אנידער צו זעצין דארט זונות. זייא מאכין בעדיר זיך דארין צו פערגעניגען. דר בייא איז גיזעסין אמוסר ער הט גיהייסין יהודה בן גרים. הט ער דם אונטער האלטונג דר ציילט ווייטער ביז עס איז אן גיקומען קיין רוים פון דארט איז דר משפט אזו ארוס גיקומען רבי יהודה ווס הט גילובט דם רעמישי פאלק זאל הוך שטיין ביי דר רעגירונג און ביי יעדע פערזאמלונג זאל ער דר הויפט רעדנער זיין. רבי יוסי ווייל ער הט גישוויגין זאל ער נאך צפורי פר טריבען ווערין. און רבי שמעון ווייל ער הט די רעמיר גיטאדילט זאל גיטייט ווערין. רבי שמעון הט דר נאך ציימונג פון דעם דערקרעט גיוואר גיווארין און הט זיך פערבארגין מיט זיין זון רבי אליעזר אין אהייל. דורך אנס איז בייא דער הייל אוף גיוואקסין אבאקסורין בוים און אקוואל וואסער איז פון דר ערד ארוס גירינען דר פון האבין זיי גילעבט זיי זענין גיזעסין נאקיט אין זאמד נאר בעת התפלה האבין זייא דיא קליידער אן גיטון אזו האבין זיי צוועליף יאר אפ גילעבט. נאך דר צייט הט זיך בווייזין אליהו הנביא ביי דעם איין גאנג פון דר הייל און האט זייא גיזאגט אז דער רעמישיר קיסר איז גישטארבין און די גזירה איז בטל גיווארין. האבין זיי דיא הייל פערלאזט און זענין גיגאנגין אין דר שטאט גייענדיג האבין זיי גיזעהן ווי מענטשין בשעפטיגען זיך מיט אקערין און זייען. הט זיך ר' שמעון אן גירופען די מענטשין קומערין זיך וועגין דם אייביגע לעבין און באשעפטיגין זיך נאר מיט אזעלכי נארישקייטין נאר פון דעם לעבין פון דר וועלט. און ווי רבי שמעון הט זיין בלוק אנווארף גיטוהן איז גיווארין פר דארט און פר ברענט. איז ארוס א בת קול פון הימעל און הט גיזאגט איר זענט ארוס פון דר הייל די וועלט צו צערשטערין קערט אייך אין אייער הייל צוריק. האבין זיי זיך צוריק גיקערט אין דר הייל און זענין דארט נאך א יאר גיזעסין האבין זיי ווידער גיהערט א בת קול

אצונד קענט איר שוין ארום גיין זיי האבין די הייל פערלאזט. אונ ווי ר' שמעון
האט מיט זיין בלוק צערשטערט אונ שאדין אן גימאכט האט רבי אליעזר ווידער
אין ארדנונג גיבראכט. אונ רבי שמעון האט גיזאגט צו זיין זון איך אונ דו איז
גינוג צוא ערהאלטין די וועלט. אוף דעם מארק פלאץ האט ער גיטראפין דעם מוסר
ווי ד מוסר לעבט נאך אונ באלד איז פון אום גיווארין אהויפן ביינער: (שבת ל"א)

7 עס איז גיוועזן אפרומער יוד ר' יוסף האט מען אים גירופען מוקיר שבת
ווייל ער האט דעם שבת זייער מכבד גיוועזן ער האט קיין קאסטין ניט גיזאלעוועט
די בעסטי מאכלים אוף שבת אן צו גרייטען אונ גאנץ טייער צו צאלין. אין זיין
שכנות האט גיוואנט אהייד האבין אים די צוויבורר גיזאגט אז זיין גאנץ פערמעגין
וועט אן קומען צו יוסף מוקיר שבא ער האט זייער מורא בקומען אונ האט פר קויפט
זיין גאנץ פר מעגין אונ האט גיקויפט אטייערין עדול שטיין אונ האט אים איין גינייט
אין זיין היטיל כדי זיין פר מעגין שטענדיג ביי זיך צו טראגין. איין מאל איז ער
גיגאנגען איבער די בריק איז גיקומען אגרוסער ווינד אונ האט דם היטיל אין ים ארייין
גיווארפין אונ האט פערשלונגין דעם עדול שטיין וואס איז גיוועזן אין דעם היטיל.
פרייטיג האבין פושורים גיכאפט דעם פיש ווייל עס איז אבער גיוועזן אטייערור
פיש האבין זיי גיוויסט דם קיינער וועט דם ניט קויפין נאר יוסף מוקיר שבא. אזוי
איז גיוועזן יוסף מוקיר שבא האט דעם פיש גיקויפט אונ ווי ער האט אים גיעפינט האט
ער אין זים גיפונין דעם עדול שטיין אונ איז דער פון זייער רייך גיווארין איין
אלטער מאן האט אים גיטראפין האט ער צו אים גיזאגט דר שבת איז אנוטיר לוה
ער צאלט זייני חובות מיט גוטין פראצענט: (שבת קי"ט)

8 רבי עקיבא האט גיהאט אטייני אונ אפרומע טאכטער האבין די שטערין
זעהרם גיזאגט דם אין איר חופה טאג וועט זיא ווערין גיביסין פון אשלאנג אונ
וועט שטארבין. ווי עס איז גיקומין דר חופה טאג האט רבי עקיבא גימאכט
אגרוסי סעודה אונ עס זענין פיל געסט גיוועזן גילאדין צום מאל צייט איז איין
ארומאן אריין גיקומין אבער קיינער האט זיך צו אים ניט גיקערט אונ אים נאר
ניט מכבד גיוועזן איז די כלה אוף גישטאנין פון איר אורט אונ האט דעם ארומאן
גיבעטין זיצין אונ האט אים דר לאנגט וויין אונ די בעסטי שפייזין. ער האט איר
דר פר גידאנקט אונ גיבענשט. די כלה איז דר נאך אריין גיגאנגין אין גארטין
זיך אביסיל אפ קילין אונ האט זיך גיזעצט נעבין דעם צוים פון דעם גארטין די
קרוין וום זיא האט אויף זיך גיטראגין האט זי פון דעם קאפ אראפ גינומין אונ האט
אריין גישטעקט אין לאך פון דעם צוים די קרוין האט גיהאט שטעכידיגי שפיצין
דר נאך אז זי האט די קרוין ווידער אן גיטון אונ איז אריין אין שטוב צום פאטער
איז ער צו ציטערט גיווארין זעהענדיג דם אוף איין שפיץ פון דר קרוין איז אטויטע
שלאנג מיט דעם אויג אן גיצעפעט. האט זי דר פאטער גיפרעגט זאג מיר מיין
קינד וום פר אמצות האסטו נעכטין גיטאן. האט זי דעם פאטער דר ציילט וום זי
האט גיטאן מיט דעם ארומאן. האט רבי עקיבא גיזאגט איצט איז מיר שוין רעכט וום
עס שטייט צדקה תציל ממות אז צדקה ראטעוועט פון דעם טויט: (שבת קנ"ו)

9 שמואל אונ זיין פריינד אבלט זענין אמאל גיזעסין ביי זאמין אונ האבין
זיך אונטער גיהאלטין איבער פערשידינע זאכין. דער אבלט איז גיוועזן אשטערין

זעהער איז פר זיי פר ביי גיגאנגען א מאן וועלכער איז גיגאנגען אין פעלט. זאגט אבלט צו שמואל דר מאן וואס גייט אונז פר ביי וועט היינט ווערין געביסין פון אשלאנג אונ וועט שטארבין. אבער שמואל הט אים גיענפערט ווען דר מאן איז אנאטעס פורכטיגער וועט ער בלייבין לעבין. נאך אפאר שעה איז דר מאן גיגאנגין פון דעם פעלד איז אבלט אוף גישטאנין אונ הט אפ גיבונדין דס בינדיל גראז וואס דר מאן הט גיטראגין אויף דר פלייצע אונ עס איז ארוס גיפאלין פון אים אשלאנג צעריסין אויף שטיקער. הט שמואל גיזאגט צו דעם מענטש. זאג מיר וואס פר א גוטס האסטו גימאכט. הט דר מאן אים גיענפערט מיר האבין אחברה פון גוטע פריינד אונ אלע טעג ברענגין מיר אונזערי סעודות אונ מיר עסין צו זאמין. היינט הט איינער ניט גיהאט וואס צו ברענגין האב איך ניט גיוואלט ער זאל מבויש ווערין אונ איך האב די גאנצע חברה גינארט זיי זאלין מיינין אז ער הט אויך גיבראכט. הט שמואל צו דעם מאן גיזאגט. דו האסט א גרוסי מצוה גיטאן. אונ דס הט דיך גירעטעט פון דעם טויט: (שבת קנ"ו)

דיא מעשיות וואס געפינין זיך אין מסכת עירובין

10 די רעמישע רעגירונג הט אמאל ר' עקיבא איין גיזעצט אין די תפיסה. אויך דארט הט ער זיך גיהיטען ער זאל ניט עובר זיין אויף די גרינגסטע זאך וואס די חכמים האבין גיבאטין. זיין תלמיד ר' יהושע הגרסי האט אים שטענדיג וואסער גיברענגט די הענד צו וואשין אונ צום טרונקין אמאל הט דר וועכטיר פון דער תפיסה העלפט וואסער אוס גיגאסין וייל ער הט גיזאגט אז ר' עקיבא וויל מיט דעם וואסער אונטער גראבין די ווענט פון דר תפיסה. הט ר' עקיבא גיזאגט צו זיין תלמיד ר' יהושע גיב מיר וואסער די הענד צו וואשין. האט ר' יהושע צו אים גיזאגט רבי אז דו וועסט דיר מיט דעם וואסער וואשין די הענד וועסטו דאך ניט האבין וואס צו טרונקין. הט ר' עקיבא אים גיענפערט איך וויל בעסיר שטארבין פר דארשט אונ וויל ניט עובר זיין אויף דיא רייד פון די חכמים וואס זייא האבין גיזאגט אז דער וואס האלט ניט דיא מצוה פון נטילת ידים דעם קומט מיתה: (עירובין כ"א)

(אין דער לעבענס בעשרייבונג פון ר' עקיבא וואס עס איז גידרוקט אם ענדע. שטייען נאך וואונדערליכע מעשיות פון ר' עקיבא):

דיא מעשיות וואס גיפינין זיך אין מסכת יומא

11 אלכסנדר מוקדן איז גיוועזן פון גרוכין לאנד פון דער שטאט מוקדניא דארטין איז זיין פאטער גיוועזן קעניג דיא מלוכה איז גיוועזן איין גאנץ קליינע. אלכסנדר הט זיך ניט בעגנוגט מיט דר מלוכה אונ הט גיוואלט איין נעמין דיא גאנצע וועלט. די יודין זענין דעמאלט גיוועזן פאדאנעס צו דעם מלך פון פרס אונ האבין אים גיצאלט שטייער. ווי אלכסנדר איז גרוס גיווארין האט ער ארין גישיקט צום כהן גדול אין ירושלים שמעון הצדיק אונ הט אים גילאזט זאגין אז פין היינט אן זאל ער ברעכין זיין בונד מיט פרס אונ זאלין ווערין זיינע פאדאנעס. ער הט אויך פערלאנגט די יודין זאלין זיינע זעלנער פר זארגין מיט עסין אונ מיט אלעמין וואס זיי דארפין דער כהן גדול האט די שלוחים גיענפערט אז זיי זאלין זאגין זייער קעניג אלכסנדר אז די יודין קענין ניט ברעכין די שבועה וואס זיי

האבין

האבין גישווארין צו דינין דעם פראסישען קעניג אונ מוזין אים גיטריי בלייבין ווי אלכסנדר הט דס גיהערט איז ער זייער בייז גיווארין אונ הט אום גירופען מיט כעס איך וועל זיי שוין לערנין וועמין זיי האבין צו פאלגין מיך אדער די פערזער. אונ איז גיגאנגין מיט גרוס חיל צו באלעגירין די שטאט ירושלים. ווי דיא יודין האבין דס דר הערט איז גיווארין אגרויסי קלאג אונ אימאמור ווייל זיי האבין גיהערט פון זייני גבורות וואס ער הט באוויזין אבער אמלאך איז גיקומען אין חלום צו דעם כהן גדול אונ הט אים גיזאגט ער זאל ניט קיין מורא האבין. מען זאל אום קערין אלי גאסין פון ירושלים אונ ער זאל דעם אלכסנדר אקעגין גיין. דר כהן גדול הט אן גיטאן די בגדי כהונה דעם חשן ואפוד אונ די ציץ אונ איז ארוס מיט די כהנים אונ די שרים אקעגין אלכסנדר מיט שטארקארצין אין די הענד אונ אזו זענין זיי גיגאנגין די גאנצי נאכט. פר טאג הט זיי אלכסנדר גיטראפין אונ הט גיפרעגט זייני שרים ווער זענין די מענטשין. האבין זיי גיענטפערט דס זענין די יודין וועלכי האבין נעגין דיר מורד גיוועזן. ווי אלכסנדר הט דר זעהן דעם כהן גדול איז ער גלייך אראפ פון זיין קאטש אונ הט זיך גיביקט פר דעם כהן גדול. די שרים האבין זיך פר וואונדערט אונ האבין אלכסנדרין גיפרעגט וואס איז דס פר א מעשה וואס ער ביקט זיך פר איוד. האט אלכסנדר גיענפערט ניט פר אים ביק איך מיך נאר פר זיין גאט וואס ער טראגט זיין נאמין אויף זיין שטערין דען בשעת איך האב מיך ענטשלאסין צו גיין מלחמה האלטין נעגין אלע פעלקער הט מיר מיין הארץ אביסיל גיקלאפט פון פחד ווייל איך האב מורא גיהאט טאמער וועל איך ניט אום פירין אבער דר מאן איז מיר ערשאנין אין חלום אונ הט מיר מאטה גימאכט איך זאל קיין מורא ניט האבין אונ אין יעדיר מלחמה האב איך אים גיזעהן פארינט גיין אונ איך האב דורך אים שטענדיג מנצח גיוועזן נאך דעם הט ער גיפרעגט צו שמעון וואס ער פערלאנגט פון אים וועט ער אים געבין. הט שמעון צו אים גיזאגט מיר פערלאנגין ניט פון דיר נאר דו זאלסט אונז לאזין לעבין נאך אונזר אמונה דר קעניג הט אים דס צו גיזאגט. אוך הט ער איבער גיגעבין אין זיין האנד דיא שונאי ישראל דס זענין גיוועזן די כותים אדער שמרונים וואס האבין די יודין זייער שלעכטס גיטאן אונ דר טאג איז גיוועזן איום ששון ושמחה ביי די יודין: (יומא ס״א)

אלכסנדר הט פר לאנגט דאס מען זאל זיין בולד ארייין שטעלין אין בית המקדש אבער דער כהן גדול האט אים ערקלערט דאס לויהט דיא גיזעץ פון די יודעשע אמונה דארף קיין בולד ניט קומען אין בית המקדש. נאר דיא יודין וועלין אים איין אנדער אנדענקונג מאכין דיא אלע זכרים וואס וועלין אין דעם יאהר געבוירין ווערין וועלין הייסין אלכסנדר דער פון שטאמט ארוים ביי יודין דער נאמען אלכסנדר אודער סענדער:

דיא מעשיות וואס געפינען זיך אין מסכת תענית

12 איין יונגער מאן הט זיך גילובט מיט א מיידיל אונ הט איר צו גשווארין מיט איר חתונה צו האבין. אבער דאס מיידיל הט נוט געוויסט ווי מען קען אויף די ווערטער אונ נוטרייאשאפט פון די מענער בויען. הט זיא גיזאגט דאס זיא וויל האבין עדות וואס זאלן הערין זיין שבועה. אבער דארטין זענין קיין מענשין ניט


טוען

גוועזן הט דער יונגער מאן גיזאגט די ברונע וואס שטייט נעגין אונז אונ די קאטץ וואס לויפט דא ארום זאלין זיין צוויי עדות אז איך וועל מיין שבועה האלטין. אבער נאך אלאנגע צייט הט דער יונגער מאן פר געסין זיין שבועה אונ האט חתונה גיהאט מיט איין אנדער ווייב אונ הט מיט איר גיהאט צוויי שיינע קינדער אבער ביידי קינדער זענין געשטארבין מיט מיתות משונות איין קינד איז ארייין גיפאלין אין אברונע אריין אונ איז דער טרונקען גיווארין. דם צווייטע קינד איז ביבוסין גיווארין פון אקאטץ אונ איז דער פון גישטארבין. דיא אומגליקליכע מוטער הט גזאגט צו איר מאן אויף דיר מוז געווים לאסטין אגרויסער חטא דאס גאט האט אונז אזוי גישטראפט. ער האט איר מודה גיוועזן אונ האט איר דער ציילט די גאנצע מעשה: (תענית ח׳)

13 ווען די יודן האבען גוואונט אין ארץ ישראל פלעגין זיי דריי מאל אין יאהר אויף גיין קיין ירושלים מקריב צו זיין צו גאט קרבנות אונ זיך דארטין צו פרייען דם איז גוועזן אום פסח. שבועות. אונ סוכות. איין מאל האבין די יודען עולה רגל גיוועזן קיין ירושלים אונ עם האט גיפעלט וואסער אין ירושלים אונ דם פאלק הט ניט גיהאט וואס צו טרינקען דער דורשט הט זיי זייער גיברענט אונ האבין ניט געוויסט וואס צו טוהן. אין ירושלים הט דעמאלט גיוואהנט זעהר אריכער מאן ער האט גיהייסין נקדימון בן גוריון ער איז גיוועזן אגרויסער בעל צדקה אונ הט זייער פוהל טובות גיטאן איז ער גינאנגען צו אגרויסין שר וואס הט גוואנט אין ירושלים אונ הט גיהאט צוועלף ברינעם וואסער אונ הט צו אים גיזאגט בארג מיר דיא צוועלף ברינעם וואסער עם זאל זיין פר דעם פאלק צו טרינקען אונ איך וועל דיר אפ געבין אנדערי צוועלף ברינעם אבער אז איך וועל דיר ביז צום טערמין קיין וואסער ניט געבין וועל איך דיר געבין צוועלף צענטין זילבער. דער שר איז דר צו מרוצה גיווארין אונ האט אים גיגעבין דיא צוועלף ברינעם ווען דר טערמין איז געקומען אונ רעגין הט זיך נישט גוויזען הט דער שר זיך זייער גיפרייט ווייל ער הט גיזעהן דם נקדימון וועט נישט קענען האלטין טערמין אונ הט צו אים געשיקט זאגין גיב מיר אפ די צוועלף ברינעם וואסער אודר דיא צוועלף צענטין זילבער דען היינט איז דער טערמין. אבער נקדימון הט דעם שליח גיענפערט דר טאג איז נאך גרוים. צו מיטאג הט דער שר ווייטער געשיקט צו נקדימון מיט דיא זעלבינע רייד אבער נקדימון האט גיענפערט דר טאג הט זיך נאך ניט גיענדיגט. ווי עם איז געקומען פאר נאכט צו מנחה צייט הט דר שר נאך אמאל גישיקט זאגין צו נקדימון ער זאל אים דאס געלד אפ שיקען ווארום דער טאג הט זיך גיענדיגט אבער נקדימון האט דעם שליח גיענפערט עם זענין נאך דא עטליכע מינוטין אונ אין די פאר מינוט קען גאט העלפין. וויא דער שר הט דם גיהערט הט ער זיך גוט אוים גילאכט אונ איז גינאנגין אין באד אן צו טוהן זיך פערגינינגען. אבער נקדימון איז אריין אין בית המקדש אונ הט זיך גישטעלט מתפלל זיין צו גאט אונ האט אזוי גיזאגט איבער גאט דו ווייסט דאך מיין הארץ דם ניט וועגין מיין כבוד האב איך דם גימאכט נאר וועגין דיין גרויסען שטארקין אונ פורכט-בארין נאמען האב איך דם גיטאהן כדי דיינע קינדער ווס זענין גיקומען עולה רגל זיין זאלין ניט שטארבין

אין

אין דורשט. העלף מיר אונ אלע זאלין וויסען וואס פר אשטארקער גאט דו ביסט. באלד איז דער הימעל גיווארין פר פונצטערט מיט וואלקין אונ אגרויסער אונ אשטארקער רעגין איז גיגאנגן אונ די ברונם זענין ווידער פול גיווארין מיט וואסר. ווי נקדימון איז ארויס גיקומן פון דעם בית המקדש האט ער בגעגונט דעם שר ארוס גיין פון מרחץ אונ האט צו אים גיזאגט איך האב דיר שוין אפ גיגעבין דיינע בריגעס וואסער. אבער דער שר האט אים גיענטפערט ניין דו מוזט מיר בצאלין וויל די זון איז שוין אונטער גיגאנגין אונ דס איז שוין מיין גליק גיוועזן וואס איז גיקומן רעגין. ווי נקדימון האט דס גיהערט איז ער ווידער אריין אין בית המקדש אונ האט מתפלל גיוועזן אז די זון זאל ווידער אן הייבין צו שיינען. גאט האט זיין תפלה דר הערט דער ווינד האט צו טריבן די וואלקין אונ די זון האט ווידער גישיינט איבר דעם האט מען אים גערופין נקדימון וויל די זון איז פון זיינעט וועגין אויף גיגאנגן: (תענית דף י"ט)

14 איין מאל האט רבי חנינאס ווייב צו אים גיזאגט ווי לאנג וועלין מיר אינז אפ קוויילין מיט זארג אונ פיין אונ אזוי פיהל ליידין. זיי מתפלל צו גאט ער זאל אונז בעפרייען פון דעם נויט. ער האט אזוי גיטאן האט איהם אהאנד פון דעם הימעל דר לאנגט אפוס פון אגילדינעם טיש. ביי נאכט האט ער גזעהן אין חלום ווי אלע צדיקים זיצען ביי אטיש פון דריי פיס אונ זיין טיש האט נאר צוויי פיס. האט ער דס דר ציילט זיין ווייב האט זיא אים גיענטפערט איך וויל ניט דס דו זאלסט פר שעמט ווערין אויף יענער וועלט איך וועל בעסר ליידין הונגר נאר דיין כבוד זאל ניט גמינערט ווערין דו זאלסט מתפלל זיין דס מען זאל דעם פוס צוריק נעמין. ער האט מתפלל גוועזן אונ דר גילדענער פוס איז גיווארין צוריק גינומן. דס נס איז נאך גרעסער גוועזן ווי דס פריערדיגע נס דען דר הימעל גיבט אבער צוריק נעמט ער ניט: (תענית כ"ד)

15 די יודין האבין אמאל גיוואלט שיקן אטייערין פרזענט דעם קיסר פון רום האבין זיי אויס גקליבן פר אשליח אבארימטין מאן וואס האט גיהייסין נחום איש גם זו. דר פרעזענט איז גיוועזן אקעסטיל פעריל מיט טייערי דימאנטין. אויף דר רייזע האט ער גינעכטיגט אין אדארף די איין וואנער פון דעם דארף האבן דר שנאפט וואס ער פירט האבן זיי דס קעסטיל צו גיגנבעט אונ האבן ארוס גינומן די אלע טייערי זאכין אונ האבן דס קעסטיל אן גיפולט מיט ערד. נחום האט דס גאר ניט גיוויסט וואס מען האט אים דא גיטאן ער האט גינומן דס קעסטיל אונ האט ווייטער גירייזט ביז ער איז גיקומן קיין רום. ער האט דס קעסטיל דר לאנגט דעם קיסר אבער ווי ער האט דס קעסטיל גילאזט עפענין אונ האט דר זעהן די ערד איז ער זייער בייז גיווארין אונ האט גזאגט מען זאל אלע יודין בשטראפין וואס זיי האבן פון אים חוזק גימאכט. אבער אליהו הנביא האט זיך פר שטעלט פר אמיניסטר אונ האט גיזאגט צום קיסר אפשר איז דס טייערי ערד וואס איז זיי גבליבן בירושה פון אברהם זייער פאטר די ערד האט די וויכטיגע מעלות דס מען קען דר מיט איין נעמין די פיינד אין דר מלחמה מער ווי מיט שווערד אונ בויגן. גראד האט דר קיסר מלחמה גיפירט מיט אפיינד אונ האט אים ניט גיקענט איין נעמין. די קריגר האבין מיט גינומן די ערד מיט זיך אונ האבן ארויף גיווארפין אויף די פיינד אונ האבן באלד דעם פיינד מנצח גיוועזן. ווי דר קיסר האט דס גזעהן האט ער דעם נחום

גרוים

גרוס גימאכט ער הט גהייסן אן פילון דס קעסטיל מיט דימאנטין אונ הט אים גישענקט אונ הט אים אוועק גישיקט מיט גרוים כבוד. צוריק פארענדיג הט ער גינעכטיגט אין דעם זעלבין דארף וואס מען האט אים פריער ארוס גיגנבט דעם פרעזענט. האבין זיך דיא לייט זייער פר וואונדערט אז ער הט זיי גוויזען דיא בעלוינונג וואס ער הט גיקריגן פון דעם קיסר פר דעם ביסעל ערד וואס ער הט אים גיבראכט די חברה האבין זיך ענטשלאסין אגאנצע משא ערד דעם קיסר אוועק צו פירין אים אויך דר מיט אגישענק צו מאכין. אבער אז עס הט זיך דר נאך אוים געוויזין אז די ערד הט ניט די זעלביגי ווערקונג ווי די ערד וועלכי נחום הט גיבראכט הט דר קיסר גיהייסין מען זאל אלעס טייטין: (תענית כ״א)

16 נחום איש גם זו איז גיוועזן אגרויסער בעל יסורים ער איז גיוועזן בלינד אויףביידי אויגין אונ לאם אויף די פים די הענד הט מען אים אפ גיהאקט. אונ דר גאנציר גוף איז גוועזן פול קרעטין אונ גישוואלין. די יסורים הט ער אויף זיך אליין גיבראכט פר איין אפ קימעניש וועגין אחטא וואס ער הט גיטאן ער הט אמאל גימאכט אנסיעה אונ הט מיט גיפירט דריי איזלין בעפאקט מיט שפייז אונ וויין איז צו אים צו גיקומען איין ארומאן אונ האט אים גיבעטין ער זאל אים געבין אשטיקל ברויט. הט נחום צו אים גזאגט ווארט איין אויגין בליק ביז איך וועל אראפ נעמען פון די איזלין וועל איך דיר געבין אבער איידער ער הט נאך אראפ גינומען איז דר ארומאן פר הונגער גישטארבין. ווי נחום הט דס דר זעהן הט ער גקלאגט אונ גיוויינט אונ הט גזאגט מיינע אויגין וואס האבין ג׳זעהן דעם ארומאן אונ האבין אויף אים קיין רחמנות ניט גיהאט זאלין בלינד ווערין. די הענד וואס האבין דעם ארומאן ניט דר לאנגט קיין עסין זאלין אפ גיהאקט ווערין. די פים וואס האבען ניט גיוואלט צו טראגין דעם ארומאן ברויט זאלין ווערין לאם אונ נאך הט ער זיך ניט בערוהיגט אונ הט גזאגט מיין קערפער זאל ווערין פיל גישוואלין אונ קרעץ אונ פון דר צייט אן הט ער גליטין זיינע יסורים. די תלמידים האבין צו אים גיזאגט וויי איז אונז דיך צו זעהן אין אזא שטאנד הט ער זיך אן גירופין וויי וואלט מיר גוועזן ווען איר וואלט מיך ניט גזעהן אין אזא שטאנד: (תענית כ״א)

17 רבי חנינא איז זייער פרום גוועזן אונ ווער בערימט פר אגרויסין צדיק. די גרעסטי לייט האבין אים גיבעטין ער זאל פר זיי מתפלל זיין אויך ווען עס הט גיפעהלט רעגין פלעגט מען נאר צו קומען צו אים אונ אז ער הט נאר מתפלל גוועזן איז שוין גגאנגין גינוג רעגין. ער אליין איז אבער גוועזן אזא גרויסר ארומאן דס אפילו אום שבת הט ער כמעט גיהינגערט אונ הט זיך נאר גיזעטיגט מיט אקעסטיל באקסאר. זיין ווייב איז אויך גיוועזן אצדקת ווי ער. אונ האט אליין מקבל גיוועזן באהבה נאר זי הט זיך וועגין איר ארומקייט זייער גישעמט פר די שכנים. אונ הט ניט גוואלט זיי זאלין וויסין ווי ארום זי איז. הט זי אלע פרייטוג גהייצט דעם אויבין דר רויך איז גיגאנגן פון דעם קוימין האבין די שכנים גימיינט זי באקט חלה אויף שבת. איין שכנתה הט דס בעמערקט זי הט ניט גוויסט אז עס איז גאר ניט דא וואס אין אויבין אריין צו זעצין. איז זיא פלוצלונג אריין גיקומען אין רבי חנינס שטוב כדי דר מיט די אומגליקליכע בעל הבתטע צו פר שעהמין זי הט זיך נעבך כהאלטין פון חרפה. אונ די שכנתה הט אריין גיקוקט אין אויבין

צוּ זֶעהֶן וָואס דָארְטֶען גִיפִינְט זִיךְ . ווִי פַר וואוּנְדֶערְט אִיז זִיא גִיוָוארִין זֶעהֶענְדִיג
אַפּוּלִין אוֹיבִין חַלוֹת פוּן דֶעם שֶׁענְסְטִין מֶעהְל . הָאט זִיא זִיךְ אָן גִירוּפִין צוּ רַבִּי חנינס
ווַייבּ נֶעם גִישְׁווִינְד דִי לָאפִּיטֶע אוּנ נֶעם אַרוֹיס דִי חַלוֹת ווַייל זַייא הַייבִּין אָן צוּא
בְּרֶענִין . אִיךְ בִּין טַאקִי גִיגַאנְגֶען זוּכִין דִי לָאפִּיטֶע הָאט זִיךְ רבי חנינס ווַייבּ אָן
גִירוּפִין . זִיא אִיז שׁוֹין גִיוָואהְנְט גִוֶועהְן מִיט אַזֶעלְכֵי נִסִים : (תענית כ"ד)

18 אבא חלקיה אַיין אֵיינִיקֶיל פוּן דֶעם בֶּערוּמְטִין מַאן חוני המעגל אִיז גִיוֶוען אַגְרוֹיסֶער צַדִיק אוּנ דִי חֲכָמִים פְלֶעגִין שִׁיקִין צוּ אִים עֶר זָאל מִתְפַּלֵל זַיין אוֹיף רֶעגִין אוּנ זַיין תְּפִלָה פְלֶעגְט אַלֵי מָאל הֶעלְפִין דְרוּם אִיז עֶר אִין גְרוֹיס אַכְטוּנְג גִישְׁטַאנִין בַּיי דִי יוּדִין . עֶר אַלֵיין הָאט גִילֶעבְּט אִין אָרוּמְקַייט אוּנ אִיז גִיוֶוען אָפּ גִיזוּנְדֶערְט פוּן מֶענְטְשִׁין . אֵיין מָאל הָאט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל גִיפֶעלְט רֶעגִין הָאבִּין דִי חֲכָמִים גִישִׁיקְט עֶטְלִיכֶע פוּן זַייעֶרִי חֲבֵרִים צוּ אבא חלקיה עֶר זָאל מִתְפַּלֵל זַיין . זֶענִין זֵיי צוּ אִים גִיקוּמִין אִין פֶעלְד ווִי עֶר הָאט גִיאַקֶערְט זֵיי הָאבִּין אִים גִגְרִיסְט אָבֶּער עֶר הָאט זֵיי נִיט צוּרִיק גִגְרִיסְט . פַר נַאכְט הָאט עֶר צוּ זַאמִין גִנוּמִין אַבִּיסִיל הָאלְץ אוֹיפִין פֶעלְד אוּנ הָאט אוֹיף אֵיין אַקְסִיל דֶעם מַאנְטִיל אַרוֹיף גִילֵייגְט אוּנ אוֹיף דֶעם צְווֵייטִין דָס בִּינְטִיל הָאלְץ אוּנ אִיז גִיגַאנְגִין אַהֵיים . דִי חֲכָמִים זֶענִין אִים נָאךְ גִיגַאנְגִין . דֶעם גַאנְצִין וֶועג אִיז עֶר גִיגַאנְגִין בָּארְוֹויס וֶוען זֵיי זֶענִין גִיקוּמִין צוּ אַטַייךְ הָאט עֶר דִי שִׁיךְ אָן גִיטָאן אוּנ דוּרךְ גִיגַאנְגִין דֶעם טַייךְ . וֶוען עֶר אִיז אַרַיין גִיקוּמִין אִין שְׁטָאט אִיז זַיין ווַייבּ אִים אַקֶעגִין גִיגַאנְגִין . אַז עֶר אִיז אַרַיין גִיגַאנְגִין אִין זַיין שְׁטִיבּ הָאט עֶר זַיין ווַייבּ גִיהֵייסִין פְרִיר גֵיין דֶר נָאךְ אִיז עֶר נָאךְ אִים זֶענִין דִי חֲכָמִים נָאךְ גִיגַאנְגִין . עֶר הָאט זִיךְ גִיזֶעצְט עֶסִין הָאט עֶר דִי חֲכָמִים נִיט אֵיין גִילַאדִין צוּם עֶסִין . בַּיי דֶעם אוּם טֵיילִין דִי שְׁפַּייזִין הָאט עֶר דֶעם יוּנְגֶערִין זוּן גִיגֶעבִּין אַטָאפֶּעלְטֶע פָּארְצִיאָן ווִי דֶעם עֶלְטֶערִין . נָאךְ דֶעם עֶסִין הָאט עֶר גִיזָאגְט צוּ זַיין ווַייבּ שְׁטוּלְרְהֵייט אִיךְ ווַייס צוּ וָואס דִי חֲכָמִים זֶענִין צוּ מִיר גִיקוּמִין זֵיי ווִילִין אִיךְ זָאל מִתְפַּלֵל זַיין אוֹיף רֶעגִין . קוּם מִיט מִיר אַרוֹיף אוֹיף דֶעם בּוֹידִים מִיר וֶועלִין דָארְטִין בַּיי זַאמִין מִתְפַּלֵל זַיין אֶפְשַׁר וֶועט גָאט הֶערִין אוּנְזֶער תְּפִלָה אוּנ זֵיי וֶועלִין גָאר נִיט ווִיסִין דָס דוּרךְ אוּנְזֶער תְּפִלָה אִיז דֶר רֶעגִין גִיקוּמִין . ווַייל אִיךְ הָאבּ זֵיי נִיט גִיפְרֶעגְט צוּ וָואס זֵיי זֶענִין צוּ מִיר גִיקוּמִין . אבא חלקיה מִיט זַיין ווַייבּ זֶענִין אַרוֹיף אוֹיפִין בּוֹידִים עֶר הָאט זִיךְ גִישְׁטֶעלְט אִין אַיין ווִינְקֶעלֶע אוּנ זִי אִין אִיר ווִינְקֶעלֶע אוּנ הָאבִּין בֵּיידֶע מִתְפַּלֵל גִיוֶוען אַוָואלְקִין הָאט זִיךְ פְרִיר פוּן אִיר זַייט בֶּעווִיזִין דֶר נָאךְ אִיז גִיגַאנְגִין אַגְרוֹיסֶער רֶעגִין . זֵיי זֶענִין בֵּיידֶע אַרָאפּ פוּן בּוֹידִים הָאט אבא חלקיה גִיזָאגְט צוּ דִי חֲכָמִים צוּ וָואס זֶענְט אִיר צוּ מִיר גִיקוּמִין הָאבִּין זֵיי גִיעֶנְפֶערְט מֶען הָאט אוּנְז גִישִׁיקְט צוּ דִיר דוּ זָאלְסְט מִתְפַּלֵל זַיין אוֹיף רֶעגִין . הָאט אבא חלקיה צוּ זֵיי גִיזָאגְט גָאט זֵיי דַאנְק דָס אִיר בְּרוֹיכְט דֶעם אבא חלקיה נִיט מֶעהְר ווַייל דֶר רֶעגִין אִיז שׁוֹין אָן מַיין תְּפִלָה גִיגַאנְגִין הָאבִּין זֵיי אִים גִיעֶנְפֶערְט מִיר ווֵייסִין גַאנְץ גוּט אַז נָאר דִיר צוּ לִיבּ אִיז דֶער רֶעגִין גִיגַאנְגִין נָאר מִיר הָאבִּין צוּ דִיר אַבִּיטֶע דוּ זָאלְסְט אוּנְז עֶרְקְלֶערִין אִיבֶּער עֶטְלִיכֶע זַאכִין וָואס אוּנְז אִיז קָשֶׁה מִיר קֶענִין דָס נִיט פַר שְׁטֵיין . הָאט עֶר צוּ זֵיי גִיזָאגְט אִיר מֶעגְט פְרֶעגִין אַלְץ וָואס אִיר ווִילְט :

דִי חֲכָמִים . פַר וָואס הָאסְטוּ אוּנְז אוֹיפִין פֶעלְד נִיט צוּרִיק גֶעגְרִיסְט :

אבא חלקיה . ווַייל אִיךְ בִּין אַשְׂכִיר יוֹם . אִיךְ אַרְבֵּייט בַּיי אַפְרֶעמְדִין טָאר

אִיךְ

אִיךְ נִיט דִי צַייט פַר בְּרֶענְגֶען אִין אַנְדֶערֵי זַאכֶען אוּנ שְׁטֶערֶען מַיין אַרְבֵּייט :

ח׳ פַר וָוס טְרָאגְסְטוּ דָס הָאלְץ אוֹף אֵיין אַקְסִיל אוּנ דֶעם מַאנְטִיל אוֹף דֶעם צְווייטֶען אַקְסִיל . הָאסְטוּ דָאךְ גֶיקֶענְט דָאס הָאלְץ לֵייגֶען אוֹף דֶעם מַאנְטִיל וָואלְט דִיר דָאךְ לֵייכְטֶער גֶיוֶוען :

א״ח ווייל דֶר מַאנְטִיל אִיז אַ גֶעבָּארְגְטֶער אוּנ אִיךְ הָאבּ קֵיין רְשׁוּת פוּן דֶעם אֵייגֶענְטוּמֶער נִיט גֶינוּמֶען אִיךְ זָאל אוֹף אִים טְרָאגֶען הָאלְץ :

ח׳ פַר וָוס דֶעם גַאנְצֶען וֶועג בִּיסְטוּ גֶיגַאנְגֶען בָּארְוִויס אוּנ אִין טַייךְ הָאסְטוּ אָן גֶיטָאן דִי שִׁיךְ :

א״ח ווייל אוֹף דֶר יַבָּשָׁה קֶען אִיךְ זֶעהֶן וָוס אוּנְטֶער דִי פוּס לִיגְט אָבֶּער אִין טַייךְ קֶען אִיךְ נִיט זֶעהֶן וָוס דָארְטֶען לִיגְט . אֶפְשַׁר לִיגְט אַשְׁפִּיצִיגֶער שְׁטֵיין אָדֶער אַשְׁלַאנְג דְרוּם הָאבּ אִיךְ דִי שִׁיךְ אָן גֶיטָאן אִיךְ זָאל מִיךְ נִיט קַאלוּטְשֶׁען :

ח׳ פַר וָוס הָאסְטוּ גֶיהֵייסֶען דַיינֶע פְרוֹיא אִין שְׁטִיבּ אַרַיין גֵיין דֶר נָאךְ בִּיסְטוּ אַרַיין אוּנ אוּנְז הָאסְטוּ גֶילָאזְט פוּן הוֹיסֶען .

א״ח ווייל אִיךְ ווייס נִיט וֶוער אִיר זֶענְט אִיךְ קֶען נִיט אַייעֶר חַאראַקְטֶער הָאבּ אִיךְ אַייךְ נִיט גֶיוָואלְט לָאזֶען נֶעבֶּען מַיין פְרוֹיא :

ח׳ פַר וָוס הָאסְטוּ אוּנְז נִיט אֵיין גֶולַאדֶען צוּ מוֹטַאג :

א״ח ווייל דֶער מוֹטַאג אִיז נָאר גֶעוֶענִיג גֶיוֶוען פַר אוּנְז צוּ וָואס זָאל אִיךְ מִיט פַאלְשְׁקֵייט שְׁמֵייכְלֶען :

ח׳ פַר וָוס הָאסְטוּ דֶעם יוּנְגֶערֶען זוּן אַגְרֶעסֶערֶע פָּארְצְיָאן גֶיגֶעבֶּען :

א״ח ווייל דֶר עֶלְטֶערֶער זִיצְט אִין דֶר הֵיים קְרִיגְט עֶר אָפְט צוּ עֶסֶען אָבֶּער דֶר יוּנְגֶערֶער גֵייט אִין חֶדֶר אַרַיין מוּז עֶר אֵיין גְרֶעסֶערֶע פָּארְצְיָאן בַּאקוּמֶען :

ח׳ פַר וָוס הָט זִיךְ דֶר וָואלְקֶען פְרִיר בַּאווִיזֶען אִין דֶר זַייט פוּן דַיין ווייבּ :

א״ח ווייל זִיא זִיצְט אִין שְׁטִיבּ הָט זִיא מֶעהר גֶולֶעגֶענְהֵייט צוּ גֶעבֶּען צְדָקָה ווִי אִיךְ וָוס אִיךְ זַיין דֶעם גַאנְצֶען טָאג אוֹיפֶען פֶעלְד . אִיךְ קֶען נָאר גֶעבֶּען גֶעלְד אָבֶּער זִיא גִיט עֶסֶען : (תענית כ״ד)

19 חוני המעגל אִיז גֶיוֶוען אַגְרוֹיסֶער צַדִיק דֶר גְרוֹיס פָאטֶער פוּן אבא הלקיה . אִים אִיז גֶיוֶוען אוּנְפַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ דֶר פָּסוּק (בְּשׁוּב ה׳ אֶת שִׁיבַת צִיוֹן הָיִינוּ כְּחוֹלְמִים). ווֶען גָאט הָט אוּם גֶילֵייזְט דִי גִיפַאנְגִינֶע פוּן צִיוֹן זֶענֶען מִיר גֶיוֶוען אַזוֹי ווִי טְרֵיימֶער. עֶר הָט אַזוֹי גִיפְרֶעגְט דֶר גָלוּת בָּבֶל הָט דָאךְ גִידוֹיעֶרְט זִיבְּצִיג יָאר קֶען אַמֶענְטְשׁ חָלְמֶען זִיבְּצִיג יָאר וֶועלְכֶער מֶענְטְשׁ שְׁלָאפְט זִיבְּצִיג יָאר. פוּן גְרוֹיס קְרֶענְקוּנְג הָט עֶר פַר לָאזְט זַיין הוֹיז אוּנ זַיין פַאמִילְיֶע זַיין וָואהְן אָרְט אִיז גִיגַאנְגֶען פָארְט אִין אֵיינְזַאמְקֵייט . אוֹיפֶען וֶועג גֵייעֶנְדִיג הָט עֶר גִיזֶעהְן אֵיין מַאן פְלַאנְצְט אַבּוֹים וָוס זַיין פְּרוּכְט וֶועט עֶרְשְׁט וַואקְסֶען נָאךְ זִיבְּצִיג יָאר. דוּמֶער מֶענְטְשׁ הָט זִיךְ חוני המעגל אָן גִירוּפֶען צוּ וָוס פְלַאנְצְטוּ דִיךְ מִיט אַזַא אַרְבֵּייט וָוס דוּ וֶועסְט דִי פְּרוּכְט דֶר פוּן נִיט גִינִיסֶען קֶענֶען . אָבֶּער דֶר מַאן הָט אִים גִיעֶנְפֶערְט דָס קוּמֶערְט מִיךְ וֶוענִיג מַיינֶע עֶלְטֶערֶן הָאבֶּען פַר מִיר גִיזָארְגְט אוּנ אִיךְ הָאבּ גִיגֶעסֶען דִי פְּרוּכְט פוּן זֵייעֶרֵי אַרְבֵּייט זָא מוּז אִיךְ אַרְבֵּייטֶען פִיר דִי שְׁפֶּעטֶערֵי צַייט . אוּנ צוּ פְרִידֶען מִיט דֶר אַנְטְוָוארְט אִיז עֶר וַוייטֶער גִיגַאנְגֶען בִּיז עֶר אִיז מִיד גִיוָוארֶען אוּנ הָט זִיךְ גִיזֶעצְט אָן רוּהֶען אוּנ אִיז אַיין גִישְׁלָאפֶען אוּנ הָט גִישְׁלָאפֶען זִיבְּצִיג יָאר. חוני המעגל הָט

זִיךְ

זיך פון דעם שלאף אויף גיכאפט אבער ער הט די וועלט ניט מער דר קענט. דם ערשטי וואס ער הט דר בלוקט איז גיוועזן אמענטש וועלכיר זאמילט די ערשטי פרוכט פון זיין בוים וואס ער הט מיט זייני אויגן גיזעהן ווי דער בוים איז גיפלאנצט גיווארין דר כאן איז גיוועזן איין אייניקיל פון דעם פלאנצער. חוני הט זיך צוריק גיקערט אהיים אונ הט זיך גיגעבין צו ערקענין זייני אייניקליך וועלכי האבין גיוואנט אין זיין הויז אבער זיי האבין אים אויס גילאכט. ער איז גיגאנגין אין בית המדרש הט ער גיהערט גראדע ווי מען דר מאנט זיין נאמין מיט גרוס כבוד וועגין אדין וואס ער הט גיזאגט. דא טראכט ער זיך מען וועט מיך שון דר קענין אבער אז ער האט גיזאגט דאס ער איז חוני המעגל האט מען אים גיהאלטין פאר א משוגענים אונ מען הט אוס אים חוזק גימאכט מער האט ער שוין ניט גיקענט אוס האלטין. פרעמד ער פר שטייט קיינים ניט אונ קיינער פר שטייט אים ניט. האט ער גירופין דעם טויט אונ ער האט אים פון זיין פיין בעפרייט: (תענית כ"ג)

20 רבי אליעזר איש ברתותא איז גיוועזן א גרויסער בעל צדקה וואס ער הט גיהאט הט ער אוועק גיגעבין פר ארעמי לייט. אונ די גבאים פון צדקה ווען זייא פלעגין צו זאמין נעמין געלד פר ארעמי לייט האבין זיי זיך פר אים בהאלטין כדי ער זאל זיי ניט זעהן אונ זיי אוועק געבין אלין וואס ער הט. אמאל איז ער גיגאנגין איין קופין קליידער פר זיין טאכטער זי הט גידארפט החתונה צו האבין הט ער דר זעהן פון ווייטין די גבאים פון צדקה. זיי האבין זיך גיך בהאלטין פר אים אבער ער הט זיי אויף גיזיכט אונ הט זיי צו גיזאגט איך בשווער אייך איר זאלט מיר זאגין נאך וואס גייט איר געלד צו זאמין נעמין. האבין זיי אים גיזאגט מיר גייען נעמין אויף הכנסת כלה דר חתן אונ די כלה זענין ביידע יתומים הט ר' אליעזר ארוס גינומין דם גאנצי געלד וואס ער הט גיהאט אונ הט זיי אוועק גיגעבין ער הט גיזאגט די ארעמי יתומים זענין בעסער ווי מיין טאכטער אונ ער איז פון זיי אוועק גיגאנגין איין גילדין איז אים איבר גיבליבין הט ער די פר גיקופט תבואה אונ הט אהיים גיברענגט אונ האט אריין גיווארפין אין שפאכלער. ער אליין איז גיגאנגין אין בית המדרש לערנין די מוטער הט גיפרעגט די טאכטער וואס פר אקליידער הט דיר דר פאטער גיבראכט הט די טאכטער גיזאגט איך וויים ניט זענין זייא צו גיגאנגין צום שפאכליר אונ האבין גיזעהן אז דר שפאכליר איז אן גפולט מיט תבואה פון עק ביז עק. מיט גרוס שמחה איז די טאכטער גילאפין צום פאטער אונ הט אים דר ציילט פון דר ישועה וואס גאט הט זיי גיטאן. אבער דר פאטער הט איר גיענפערט דם אלעס גיהערט צו די ארעמי לייט די קענסט דר פון נאר איין חלק האבין גלייך מיט יעדין ארומאן: (תענית כ"ד)

אמעשה וואס געפינט זיך אין מ"כת מועד קטן

21 אמאל הט רבי שמעון בן יוחאי גישיקט זיין זון צו צווייא תלמידי חכמים וואס האבן דורך גירייזט די שטאט אז זיי זאלין אים בענטשין. זיי האבין אים אזא ברכה גיזאגט דו זאלסט זייען אונ זאלסט ניט שניידין. וואס דו האסט אין הויז גיבראכט זאלסטו ניט אוועק שאפען. אונ וואס דוא האסט אוועק גישאפט פון דיר זאל ניט ווידער אין דיין הויז צוריק קומין. דיין הויז זאל ווערין צערשטערט אונ דו זאלסט וואנין אין אגאסטהויז. דיין טיש זאל ווערין צו בראכין

און

אונ דו זאלסט דס נייע יאר ניט זעהן. מיט טרערין אין די אויגין איז דר זון גיקומין
צו ר' שמעון אונ הט אים גיזאגט אן שטאט מיך צו בענטשין האבין זייא מיך
גישאלטין אונ הט אים דר ציילט ווס זיי האבין צו אים גיזאגט. הט רבי שמעון
צו זיין זון גיזאגט דו פר שטייסט ניט ווס זיי האבין דיר גיזאגט זיי האבין דיך טאקי
גיבענשט. ווס זיי האבין גיזאגט דו זאלסט זייען אונ ניט שניידין האבין זיי גימיינט
דו זאלסט האבין קינדר אונ זאלסט זיי ניט בגראבין. דו זאלסט אריין ברענגין
אין הויז אונ ניט אוועק שאפין פון הויז מיינין זיי דו וועסט נעמין ווייבר פר דייני
קינדר אונ זאלין פון דיין הויז ניט ווידער חלילה אוועק דס הייסט זיי זאלין קיין
אלמנות ניט ווערין. ווס דו האסט אוועק גישאפט זאלסטו ניט ווידער אין דיין הויז
צוריק בקומין מיינין זיי ווען דו וועסט חתונה מאכין דייני טעכטער זאלין זיי צו
דיר ניט צוריק קערין דס הייסט זיי זאלין קיין אלמנות ניט ווערין. דיין הויז זאל
ווערין צערשטערט אונ דו זאלסט וואנין אין אנאסטהויז. מיינין זיי אזו דס קבר
הייסט דס ריכטיגי הויז פון מענטש די וועלט הייסט נאר אנאסטהויז. האבין זיי
דיך גיבענשט דו זאלסט לאנג לעבין. דיין טיש זאל ווערין צו שטערט דס הייסט
זאלסט פיל קינדער האבין ווס זיי מאכין אן אין שטוב פיל שאדין צו ברעכין די
טישין מיט די בענק. דו זאלסט דס נייע יאר ניט דר לעבין. הייסט דו זאלסט
ניט דארפין נאך אמאל חתונה האבין ווארום אז איינער נעמט א ווייב איז ער אין
דעם ערשטין יאר פרייא פון אלי זאכין: (מועד קטן ה').

אמעשה וואס גיפינט זיך אין מסכת יבמות

22 איידישור געלערטיר הט גיהייסין רב הט גיהאט אבייזע פרויא זיא הט
דעם מאן נאר צו להכעים גיטאן ווס ער הט גיזאגט הט זי גיטאן פר קערט. אז ער
הט פערלאנגט אז די פרויא זאל קאכין צו מוטאג ארבים הט זי גיקאכט בונים
אז ער הט פערלאנגט בונים הט זי גיקאכט ארבים. אז זיין זון חייא איז אויף
גיוואקסין הט ער גילאזט זיין ווייב זאגין דורך זיין זון ווס ער פערלאנגט הט ער
דעם פאטערס רייד איבר גידרייט. אז דר פאטר הט למשל פר לאנגט ארבעס
הט ער דר מוטער גיזאגט אז דר פאטר פערלאנגט בונים פלעגט זיא מסתמא
קאכין ארבים. פלעגט אויס קומין ווי דר פאטער הט פערלאנגט. איין מאל הט
רב גזאגט צו זיין זון מיר שיינט אז דיין מוטר איז בעסיר גיווארין ווייל זיא טוט
וויא איך פערלאנג. ניין ליבעד פאטער הט דר זון גיענפערט זי איז ניט בעסר
גווארין נאר איך האב דיינע ווערטר איבר גדרייט איז אויס גיקומין ווי דו פר לאנגסט.
דו ביסט זייער אגיטרייער זון הט רב צו אים גזאגט פון דעסט וועגין זאג איך דיר דס
נייטער זאלסטו דס ניט טאן ווייל דו גיוויינסט דיך דר מיט ליגענד צו זאגין: (יבמות ס"ג)

דיא מעשיות וואס געפינען זיך אין מסכת כתובות

23 ר' חנינא דר זון פון חכינאי איז אוועק גיגאנגן נאך זיין חתונה לערנע
אין אישיבה אריין. אונ הט דארט גילערנט צוועלף יאר דר נאך איז ער אהיים
גיגאנגן הט ער ניט גיקענט אפ זיכען זיין הויז ווייל דורך די צוועלף יאר איז די
גאנצע שטאט פר ענדערט גיווארין. הט ער זיך אנידער גיזעצט נעבין אבריגע
אפ רוען. הט ער גיהערט ווי די קינדער וואס שטייען ביי דר ברונע זאגין צו
אמיידיל חכינאים טאכטער שעפ שוין אן דיין קרוג וואסר אונ לאמיר צו זאמען

אהיים

אהיים גיין. הט ער פר שטאנען אז דס איז זיין מיידיל. איז ער דעם מיידיל נאך גינאנגען ביז אהיים וויא ער איז אהיים גיקומן און זיין ווייב האט אים פלוצלונג דר זעהן איז זיא פר שמחה אנידר גיפאלין און איז גישטארבין. הט ר' חנינא אן גיהויבין צו וויינען און הט גיזאגט רבונו של עולם פר דעם וואס זיא האט מיך גילאזט אוועק גיין לערנען זאל זי אזא שכר האבין. הט גאט זיין תפלה דר הערט און זיין ווייב איז לעבידוג גיווארין: (כתובות ס"א)

דיא מעשה געפינט זיך אין מסכת נדרים

24 ר' עקיבא הט אמאל בדארפט געלד איז ער גיגאנגען צו אקריסטליכע גראפין זיך צו לייען געלד הט אים די גראפין גילייגען און הט גיזאגט צו ר' עקיבא דו און גאט האפטין מיר פרן געלד ווי עס איז גיקומן דער טערמין צו צאלין איז ר' עקיבא קראנק גיוועזן און הט ניט גיהאט צו צאלין. איז די גראפין גיגאנגען אויף דער גאס געבין ים און הט גיזאגט רבונו של עולם דו ווייסט אז ר' עקיבא איז קראנק און הט מיר ניט מיין הוב אפ צו געבין. בעוויז אנס איך זאל מיין געלד אפ נעמין. הט זיך אנס גיטראפין דעם קיסר'ס טאכטער איז משוגע גיווארין און הט אריין גיווארפין אין ים אקעסטיל מיט געלד און דימאנטין איז דס קעסטיל צו גישווימען צו דעם אורט וויא די גראפין איז גישטאנין. הט די גראפין צו גינומען דס קעסטיל ווס איז פיהל מער ווערט גיוועזן פון דעם געלד ווס ר' עקיבא איז שולדיג גיוועזן. ווי ר' עקיבא איז געזונד גיווארין איז ער גיגאנגען צו דר גראפין און הט איר גזאגט איך בין געקומען צאלין ווס איך בין דיר שולדיג. הט אים די גראפין גיענפערט גאט הט מיר שוין גיצאלט דעם חוב נאך מער ווי מיר קומט ביי דיר וויל איך נישט נעמין און הט אים נאך צוריק גיגעבין זעהר אגרויס פארמעגין: (נדרים כ"ט)

מעשה פון מסכת גיטין

25 רב נחמן'ס טעכטער פלעגין אוים צו מישון און אפ שוימען קאכידיגי טעפ מיט די הענד. רב עילש הט דס גזעהן הט ער זיך פר וואונדערט און הט זיך אליין גיפרעגט קהלת הט גזאגט איין מאנס פערשוין האב איך גיפונען איינער פון טויזנד איין ארענטליכן מענטש און צווישען ווייבר האב איך אפילו אונטער טויזנד אויך איין ארענטליכע ניט גיפונען יעצט זעה איך רב נחמנס טעכטער ווס פר צדקניות זיי זענין אז דס פייער קען אן זיי ניט שולט זיין און זייערי איינגע הענד דינט זיי צו אקאכלעפיל. איין מאל זענין בעפאלין רויבער אויף די שטאט ווי רב נחמן הט גיוואנט און זיי האבין גינומען און גיפאנגען די טעכטער פון רב נחמן אויך רב עילש איז אין זייערי הענד אריין גיפאלין. די רויבער האבין זיי אוועק גיפורט אין איין אנדער ארט זיי צו פר קויפין פר קנעכט. איין מאל איז רב עילש גיזעסין אין גיפענקניש איז מיט אים נאך איינער גיזעסין איז גיקומן אפויגיל און הט זיך גישטעלט אין פענסטיר און הט געפישטשעט. יענער ווס איז גיזעסין מיט רב עילש הט זיך גערימט אז ער פר שטייט די פייגיל שפראכי הט רב עילש אים גיפרעגט ווס זאגט דר פויגיל הט דר מאן אים גיענפערט ער זאגט עילש אנטלויף. עילש אנטלויף. אבער עילש הט גיענפערט אויף אפויגיל קען מען זיך ניט פאר לאזין ווייל ער רעט פאלש און איז אליינער. אבער דר נאך איז גיקומן אטויב

און

און האט אויך אזוי גימאכט הט רב עיל"ש גזאגט יעצט מוז מען שוין פאלגין די
טויב זאגט אמת ווארום די כנסת ישראל זענין גיגליכין צו א טויב. און הט זיך
פר בעריטוט פלטה צו מאכין ער הט אויך גיוואלט ראטעווען מיט זיך רב נחמנס
טעכטר. נאר ער הט גיוואלט וויסען אויב זיי זענין ווירקליך צדקניותין אזו ווי זיי
האבין זיך פאר גישטעלט. הט ער זיך גישטעלט אונטער דר טור העריין חס זיי
רעדין. אבער ווי פר וואונדערט איז ער גיווארין אז ער הט גיהערט ווי איינע זאגט
צו דר אנדערי מיר וועלין זאגין אונזערי פאנגערס דם זיי זאלין אונז פון דאנען
נייט אוועק פורין כדי מען זאל אונז פון זייערי הענד ניט אויס לייזון. דען ווס
טויגין אונז אונזערי מענר מיר האבין דא אויך מענר ווס ליבען אונז. הט רב עיל"ש
פר שטאנין ווס זיי זענין און דם ווס זיי האבין גימושט די טעפ מיט די הענד איז
נאר גיוועזן מיט כישוף איז ער אליין אנטלאפין פון דארט: (גיטין מ"ח)

26 שלמה המלך ווי ער הט גיוואלט בויען דם בית המקדש איז ער גיוועזן
אין גרויס פערלעגענהייט. ווייל מען הט גידארפט ארום צו האקין די שטיינער
און מיט אייזין טאר מען דאך ניט בניצון אין בית המקדש. נאר איין עצה איז
גיוועזן צו קריגין דעם שטיין ווס ער הייסט שמיר. דען ווען מען הט דעם שמיר
ארויף גיליינט אויף א שטיין איז דר שטיין גלייך גיווארין צו שפאלטין אין צוויא
אבער שלמה הט ניט גיוויסט ווי מען קריגט דם שמיר איז אים אפלאן איין גפאלין
צו שיקען חאפין דעם אשמדאי דעם קעניג פון די שדים און ביי אים וועט ער
שוין גיוואר ווערין ווי דר שמיר גיפונט זיך. אבער צו חאפין דעם אשמדאי איז
גיוועזן זייער א שווערי זאך דען ער הט גיוואוינט אין א הייל אין א גרויסין בארג אלע
טאג הט ער פר לאזט זיין הייל די וועלט דורך צו שוועבין און די גיזעץ פון דר
נאטור צו שטודירין. איידער ער פלעגט זיך בעגעבין אויף דר רייזע הט ער נעבין
די הייל אן גיפולט א גריב מיט וואסער. דיא עפענונג צו גידעקט מיט א שטיין און
פר חתמית מיט זיין זיגול. חאפין הט מען אים גיקענט נאר אין שלאף אבער ער
הט ווייניג גישלאפין. שלמה הט גישיקט זיין טרייען דינער בניהו בן יהוידע דעם
אשמדאי אין קייטין צו ברענגין. ער הט אים מיט גיגעבין זיין רונג און א קייט
וואס אויף איר איז גיוועזן אויס גיקריצט גאטס נאמען. בניהו איז גיקומען צו
דר הייל. הט איין גיבראכין די וואנד פון דעם גריב און הט דם וואסער ארויס
גילאזט און הט פר שטאפט דם גריב מיט וואל. דר נאך הט ער גימאכט א לאך
פון אויבין. הט דעם גריב פול גימאכט מיט וויין און הט דאס לאך צוריק פאר
שטאפט און הט זיך גיזעצט אויף א בוים. דר אשמדאי איז גיקומען צו זיין הייל
זייער מוד און דארשטיג הט ער אפ גיזיגילט דעם גריב אבער שטאטס וואסער
הט ער גיפינען וויין ער איז אבער זעהר דארשטיג גיוועזן הט ער קיין ברירה ניט
גיהאט און הט דעם וויין גיטרונקין און איז איין גישלאפין. בניהו איז פון דעם
בוים ארונטער און הט אויף אים די קייט ארויף גיווארפין און הט אים גישלאסין.
דר אשמדאי הט זיך אויף גיהאפט און ער הט גיוואלט די קייט צו רייסין אבער
בניהו הט אים גיזאגט דר נאמען פון גאט איז אויף דר קייט אויף גיקריצט בניהו
הט אים אן גינומען ביי די קייט און הט אים גיפירט זיי זענין גיקומען צו א בוים הט
ער זיך אן גיריבען אן אים הט ער דעם בוים פון ווארציל אנידר גיווארפין. ער

אויף

איז געקומען צו אהויז און האט זיך אן געשפארט האט ער דם הויז אנידר געווארפין ער איז געקומען צו אבודקע פון איין ארומע אלמנה און האט זיך געוואלט אן איין שפארין איז די אלמנה ארויס און האט אן געהובין צו וויינען פר אים איז ער פון איר אוועק געגאנגען. וויא ער האט זיך אביינג געגעבין אויף דר אנדרער זייט האט ער זיך אביין צו בראכין דארויף האט ער געזאגט יעצט איז רעכט וואס אין משלי שטייט אוויכי צונג צו ברעכט אביין. דר נאך האט ער געטראפין אבלונדין בלאנדזענדיג פון וועג האט ער אים צוריק אויף דעם וועג ארויף גיפורט. האט געטראפין אשכורן בלאנדזענדיג האט ער אים ארויף געפורט אויפין וועג. ער האט געזעהן אחתונה וואס איז געווען מיט גרויס שמחה האט ער געוויינט. ער האט געהערט ווי איינר זאגט צו אשוסטר מאך מיר שוך אויף זיבן יאר האט ער געלאכט. ער האט געזעהן ווי אצויבערער זיצט אויף אבארג און צויבערט האט ער געלאכט:

ער איז אן געקומען קיין ירושלים האט ער געמוזט ווארטין דריי טעג איידער מען האט אים פאר געלאזט פר שלמה המלך. אין ערשטין טאג האט ער געפרעגט נאך דר סיבה דר פון. האט מען אים געזאגט דער קעניג האט צו פיל געטרונקען. האט ער גינומען איין ציגול און געלייגט אויף דעם אנדרין. מען האט דם דר ציילט דעם קעניג האט דר קעניג געזאגט ער מיינט דר מיט איך זאל נאך מער טרינקען. דעם צווייטען טאג האט מען אים געזאגט דר קעניג האט צו פיהל געגעסין. אשמדאי האט דעם ציגול אראפ גינומן פון דעם צווייטען. האט שלמה געזאגט ער מיינט איך זאל אויף הערין צו עסין. נאך דרייא טעג האט מען אים פאר געלאזט פר שלמה האט ער גינומען אשטעקין האט דר מיט אפ געמאסטין אויף דר פאדלאגע פיר איילין און האט דעם שטעקין פר דיא פוס פון שלמה אוועק געטאן. שלמה האט אים געפרעגט וואס ער האט דא געמיינט האט ער אים געענפערט אז דו וועסט שטארבין וועסטו נאר פיר איילין ערד בעקומען און יעצט איז דיר די גאנצע וועלט וויינוג ביז דו האסט מיך אויך געפאנגען גענומען. שלמה האט אים געזאגט איך פר לאנג פון דיר ניט מער נאר דו זאלסט מיר זאגין ווי דר שמיר געפינט זיך ווייל איך ווי דם בית המקדש בויען און אן דעם שמיר קען איך ניט אן הייבין צו בויען. האט אשמדאי אים געזאגט איך האב ניט דעם שמיר מען האט אים דעם שר של ים איבער געגעבין און דר שר של ים האט אים איבער געגעבין דעם ווילדין האן ווייל ער האט אים צו געשווארין ער זאל אים צוריק געבין ווען ער וועט פון אים פערלאנגען. האט מען נאך געפארשט ווי איז די נעסט פון דעם ווילדין האן ביז מען האט געפונען האט מען אויף זיין נעסט ארויף געלייגט אגלאז. ווי דר האן איז געקומען און האט ניט געקענט צו קומען צו דר נעסט האט ער ארויס גינומען דעם שמיר מיט אים דם גלאז צו צעשפאלטין אבער די שלוחים פון שלמה האבין אן געפאנגין שטארק צו שרייען האט זיך דר האן דערשראקין און האט דעם שמיר געלאזט פאלין זעג זיי צו געלאפין און האבין אים אהאפ געטאן. ווי דר האן האט דם געזעהן האט ער זיך דר ווארגין וועגין זיין שבועה וואס ער האט צו געשווארין דעם שר של ים. בניה האט דעם אשמדאי געפרעגט פר וואס אז דו האסט געזעהן דעם בלינדין האסטו אים אויף דעם וועג ארויף געפורט האט אשמדאי אים געענפערט אין הומעל האט מען אוי גערופין אז דר בלונדר איז אגרויסר צדיק און ווער עס וועט אים מאכין אנחת ר

דר וועט האבין עולם הבא. פר וואס אז דו האסט געזעהן דעם שכור באלאנזין האסטו אים אויפין וועג ארוף ניפורט האט בנידהו אים וייטר גיפרעגט האט ער אים גיענפערט וייל מען האט אויס גירופין אין הומל אז דר שכור איז ארשע גמור אונ ווער עס וועט אים טאן אנחת רוח וועט צו נעמין זיין עולם הבא. פר וואס האסטו גיוויינט ווי דו האסט געזעהן די חתונה. וייל דר חתן וועט אין דרייסיג טעג ארום שטארבין אונ די כלה וועט דארפין ווארטין דרייצין יאר אוף דעם שוואגער ער זאל איר געבין חליצה. פר וואס האסטו גילאכט ווי דו האסט גיהערט ווי איינר האט גיבעטין דעם שוסטער ער זאל אים מאכין אפאר שטיוויל אוף זיבין יאר. דער מאן וועט קיין זיבין טאג ניט לעבין אונ פערלאנגט שטיוויל אויף זיבין יאר. פאר וואס אז דו האסט גיזעהן דעם צובערער האסטו גילאכט. דר צובערער וויל אסאך וויסין אונ האט צום מאל ניט גיוויסט אז ער זיצט אוף אגרוכין אוצר געלד:

איין מאל איז דר אשמדאי גיווי״י מיט שלמה המלך אליין אין שטיב אונ קיינער איז ביי זיי ניט גיוועזן. האט אים שלמה גיפרעגט וואס איז דאס מיט אייך דס גרוסקייט אונ אין וואס בשטייט אייער מאכט. האט דר אשמדאי אים גיענפערט נעם נאר פון מיר אראפ די קייט אונ גיב מיר דיין רונג וועסטו שוין זעהן ווי גרויס מיין מאכט איז. שלמה האט פון אים די קייט אראפ גינומין אונ האט א(?) גיגעבין זיין רונג. האט דר אשמדאי אים איין גישלונגין אונ האט אים אוועק גישליידערט אוף פיר הונדערט מייל פון דאנין. שלמה האט יעצט גאר ניט גיהאט ביי זיך איז ער גיגאנגין אין די הייזיר אונ האט גיזאגט איך בין שלמה וואס ער איז גיוועזן קעניג אין ירושלים האט מען אים גיהאלטין פר אמשוגעגעם. אזו איז ער ארום גיגאנגין איין לאנגי צייט. די סנהדרין האבין דר פון גיהערט האבין זיי גיזאגט איין משוגענער האלט זיך ניט ביי איין זאך האבין זיי אן גיהויבין נאך צו פארשטין אונ האבין דר נאנגין אז דר אשמדאי האט זיך פר שטעלט פר דעם קעניג שלמה. האט מען דעם קעניג צוריק גיבראכט אין זיין פאליץ אונ ווי דר אשמדאי האט אים דר זעהן איז ער תיכף אוועק גיפלויגין: (גיטין ס״ח)

דיא מעשיות וואס געפינין זיך אין מסכת קידושין

27 אין אשקלון האט גיוואונט אגוי ער האט גיהייסין דמה בן נתינה ער האט זייני עלטרין כבוד באוויזין נאר איבער די מענטשליכע נאטור. איין מאל האבין די יודין גידארפט אטייערין שטיין צו דעם חשן ארייין צו זעצין ער האט גיהאט דעם שטיין צו פר קויפין האבין די יודין גישיקט צו אים שלוחים זיי זאלין ביי אים דעם שטיין אפ קויפין. זיין פאטר האט גישלאפין אונ זייני פוס זענין גלעגין אוף דעם קעסטיל אין וועלכין דר טייערער שטיין איז גיוועזן אונ דר שליסול פון דעם קעסטיל איז גילעגין צו קאפין האט דר זון ניט גיוואלט דעם פאטר אויף וועקין. די יודישע שלוחים האבין אבער ניט גיקענט ווארטין זיי האבין גימוזט ווייטער רייזין. אבער ביי דעם יונגן מאן איז דר כבוד פון זיין פאטר מער ווערט גיוועזן ווי דס גאנצי געלד וואס ער האט גיקענט באקומין פר דעם עדעל שטיין. אבער גאט האט אים דער פאר בלוינט. צווישין זייני בהמות איז גיבוירין גיווארין ארויטע קוה נאך דעם גיזעץ ווי די יודין האבין גידארפט האבין אפרה אדומה ער האט

פר

פַר דֶער רוֹיטֶע קוּה גִינוּמֶען דֶעם זֶעלְבֶּן פְּרֵייז ווִי עֶר הָאט גִיזָאלְט גֶעמֶען פַאר דֶעם עֶדֶעל שְׁטֵיין: (קידושין ל״א)

28 אִין דִי עֲשֶׂרֶת הַדִבְּרוֹת שְׁטֵייט זָאלְסְט כָּבוֹד אָן טָאן פָאטֶער אוּנ מוּטֶער. אִין ויקרא פ׳ קדושים שְׁטֵייט זָאלְסְט מוֹרָא הָאבִּין פַר מוּטֶער אוּנ פָאטֶער. פַאר ווָאס בַּייא כִּבּוּד שְׁטֵייט פְרִיר דֶער פָאטֶער ווַייל אֵיין קִינְד גִיט מֶער כָּבוֹד דֶער מוּטֶער דַארוּם שְׁטֵייט כבד את אביך ואת אמך זָאלְסְט אָן טָאן כָּבוֹד דֶעם פָאטֶער אַזוֹי ווִי דִי מוּטֶער. אָבֶּער מוֹרָא הָאבִּין הָאט אַקִינְד מֶעהְר פַר דֶעם פָאטֶער ווִיא פַר דֶער מוּטֶער דְרוּם שְׁטֵייט מֶען זָאל מוֹרָא הָאבִּין פַאר דֶער מוּטֶער ווִיא פַר דֶעם פָאטֶער: (קידושין ל״א)

מעשיות וואס געפינט זיך אין מסכת בבא קמא

29 חנן אִיז גִיוֶועְן אַשְׁלֶעכְטֶער אוּנ אַנִידֶער טְרֶעכְטִיגֶער מֶענְטְשׁ עֶר הָט אֵייןְ מָאל אֵיינֶעם אַפַּאטְשׁ גִינֶעבִּין. יֶענֶער הָט אִים אַיין גִיקְלָאגְט פַר רב הונא. הָט עֶר גִיפַּסְקִית ווִי דֶער דִין אִיז אַז חנן זָאל אִים פַר דִי שַׁאנְד אַהַאלְבִּין גוּלְדִין בַּצָאלִין. הָט חנן אַרוּם גִינוּמֶען אַגְלַאטִין גוּלְדֶען אוּנ הָט פֶערְלַאנְגְט אַהַאלְבִּין גוּלְדֶען אַרֶעשְׁט. יֶענֶער הָט אָבֶער נִיט גִיווָאלְט נֶעמֶען דֶעם גוּלְדֶען ווַייל עֶר אִיז גִיוֶועְן אָפּ גִירִיבִּין הָט אִים חנן גִינֶעבִּין נָאךְ אַפַּאטְשׁ אוּנ הָט צוּ אִים גְזָאגְט יֶעצְט נֶעם דִיר דֶעם גַאנְצִין גוּלְדֶען: (ב״ק ל״ז)

30 רב אמי אוּנ רב אסי זֶענֶען גִיוֶועְן אוֹיף בֶּעזוּךְ בַּיי זֵייעֶר רבי ר׳ יצחק אֵיינֶער הָט פוּן אִים פֶערְלַאנְגְט עֶר זָאל אִים זָאגִין אתורה אִין אהלכה דֶר אַנְדֶערֶר הָט פוּן אִים פֶערְלַאנְגְט עֶר זָאל אִים זָאגִין אתורה אִין אגדה. ווֶען עֶר הָט גִיווָאלְט זָאגִין אהלכה הָט דֶר נִיט צוּ גִילָאזְט. הָט עֶר גִיווָאלְט זָאגִין אגדה הָט דֶר צְווֵייטֶער נִיט צוּ גִילָאזְט. הָט ר׳ יצחק צוּ זֵיי גִיזָאגְט אִיךְ ווֶעל אַייךְ זָאגִין אַמָשָׁל אֵיין מַאן פוּן מִיטֶעלְ׳ עֶלְטֶער הָט גִיהַאט צְווֵיי ווַאבֶּער אֵיינֶע אַיוּנְגִי אוּנ דִי אַנְדֶערִי אֵיין אַלְטֶע. דִי יוּנְגִי הָט אִים שְׁטֶענְדִיג אוֹס גְצִיפְּט דִי גְרָאהֶע הָאר. דִי אַלְטֶע הָט אִים אוֹס גְצִיפְּט דִי שְׁווַארְצֶע אִיז עֶר אָן הָאר גִבְּלִיבִּין אַזוֹ אִיז מִיט מִיר אוֹיךְ. דַארוּם ווֶעל אִיךְ אַייךְ זָאגִין אֵיין זַאךְ פוּן הלכה אוּנ אגדה: (ב״ק ס׳)

דיא מעשיות ווא געפינען זיך אין מסכת בבא מציעא

31 מר זוטרא הָט גִירֵייזְט אוֹיפִין ווֶעג הָט עֶר גִינֶעכְטִיגְט אִין אַגַאסְט הוֹיז. דָארְטִין הָאבִּין נָאךְ פִיל מֶענְטְשִׁין גִינֶעכְטִיגְט אָבֶער פְּלִיצְלוּנְג הָט דֶר בַּעל אכסניא אָן גִיהוֹבִּין צוּ שְׁרַייעֶן דָס עֶס אִיז אִים גִינַנְבִית גִיווָארִין אֵיין זִילְבֶּערְנֶער בֶּעכֶער. מר זוטרא הָט דִי זַאךְ זֵייעֶר פֶערְדְרָאסִין הָט עֶר גִיזָאגְט צוּם בעל אכסניא הָאב גִדֵילְט אִיךְ ווֶעל שׁוֹין גִיפִינֶען דֶעם גַנָב. נָאר זַיי נִיט חושד אוּנְשׁוּלְדִיגִי מֶענְטְשִׁין. ווִי דִי אוֹרְחִים זֶענֶען אִין דֶר פרוּה אוֹיף גִישְׁטַאנִין אוּנ הָאבִּין זִיךְ גִיווַאשִׁין הָט מר זוטרא גִזֶעהֶן ווִי אֵיינֶער ווִישְׁט אָפּ זַיינִי הֶענְד מִיט אַפְרֶעמְד קְלֵייד. הָט עֶר גְזָאגְט צוּם בעל אכסניא דָס אִיז דֶער גַנָב. ווַייל עֶר שַׁאנֶעוֶועט נִיט דֶעם אַנְדֶערְנְס זַאךְ אִיז אַסִימָן אַז עֶר אִיז אַגַנָב. מֶען הָט בַּיי דֶעם זֶעלְבִּין גִיזִיכְט אוּנ מֶען הָט בַּיי אִים גִיפִינֶען דֶעם בֶּעכֶער: (ב״מ כ״ד)

32 רבי אליעזר בן הורקנוס הָט גִיהַאט אַגְרוֹיסֶע מחלוקת מִיט דִי אַנְדֶערִי תנאים ווֶעגִין אַוִויכְטִיגִין דִין. צוּ אֵיין אוֹבִין אִיז מקבל טומאה אָדֶר נִיט. דֶר אוֹבִין

הט

הט גיהייסן תנור של עכנאי . רבי אליעזר הט מטהר גיוועזן אונ די חכמים האבין מטמא גיוועזן . רבי אליעזר הט גיבראכט ראיות אויף ראיות צו זיינע רייד אבער עס הט ניט גיהאלפין . הט זיך רבי אליעזר אן גירופין דר באקסאר בוים וואס שטייט דא נעבין דעם בית המדרש זאל עדות זאגין דס איך האב רעכט . איז גיווארין דר בוים אויס גיווארצעלט אונ אוועק גישלאדערט גיווארין הונדערט איילין וייט . האבין די חכמים גיזאגט פון אבאקסר בוים ברענגט מען קיין ראיה ניט . הט זיך רבי אליעזר וייטער אן גירופין דס וואסער שטראם וועלכר דא פליסט זאל עדות זאגין דס איך האב רעכט . דר שטראם הט אן גיהויבין צו גיין צוריק . האבין די חכמים גיזאגט פון אוואסר שטראם ברענגט מען קיין ראיה ניט . הט זיך רבי אליעזר וייטער אן גירופין די ווענט פון דעם בית המדרש זאלין עדות זאגין דס איך האב רעכט . די ווענט האבין אן גיהויבין זיך צו נייגין אונ אנידר צו פאלין הט רבי יהושע אנשריי גיגעבין ווען תלמידי חכמים קריגין זיך אין אהלכה זאלין זיך די ווענט ניט אריין מושען צווישען אונז . זענין די ווענט ניט אנידר גיפאלין וועגין דעם כבוד פון רבי יהושע . אונ זענין ניט צוריק גיגאנגען וועגין דעם כבוד פון ר׳ אליעזר זענין זיי גיבליבין איין גיבויגין ביז דעם היינטיגן טאג . דר נאך הט רבי אליעזר גיזאגט דר הומיל זאל מיין רעכט בווייזין . איז ארויס אבת קול פון דעם הומיל אונ הט גיזאגט וואס הט איר צו שטרייטין מיט רבי אליעזר . ער הט שטענדיג רעכט ווי ער זאגט הט זיך רבי יהושע אן גירופין דיא תורה איז ניט מער אין הומיל גאט הט זיא אונז גיגעבין אויף דעם בארג סיני אונ אין איר שטייט ארויס גישריבין אחרי רבים להטות מען זאל נאך גיין נאך דר מערהייט . אונ מיר הערין קיין בת קול ניט . רבי אליעזר איז גיווארין אריין גילייגט אין חרם אונ האט פון דר צייט אן גילעבט גאנץ אפ גיזונדערט פון יעדין : (בבא מציעא נ״ט)

33 רב אסי הט איין מאל פרייטוג פר נאכט גישיקט צו רבינא ער זאל אים בארגין צעהן גולדין ווייל גאט הט אים צו גישיקט צו קויפין אשטיקעל פלאץ פר בילוג . הט רבינא אים גישיקט אזוי זאגין דו ווייסט דאך דעם דין אז דר וואס לייט דעם אנדרין געלד אן עדות אונ אן אוועקסיל איז ער עובר אויף לפני עור לא תתן מכשול פר אבלונדין זאל מען קיין שטרוכלונג ניט לייגין ווייל דר לוה קען דס געלד אפ לייקינען . האט רב אסי אים גישיקט פרעגין איז דען אויף אזעלכי מענטשין ווי איך אויך גיזאגט גיווארין די רייד . הט רבינא אים גילאזט ענפערין נאר אויף אזא מענטש ווי דוא איז דס גזאגט גיווארין ווייל דוא ביסט פערטופט אין לערנען קענסטו דס פערגעסין . צו וואס זאל איך טאן איין עבירה אומזוסט אונ נאכהער וועט מען מיך נאך שעלטין : (ב״מ ע״ח)

34 רבה בר רב הונא הט געדינגען טרעגערס זיי זאלין אים איבר טראגין אפאס וויין אבער אויפין וועג האבין זיי דס פאס צו בראכין . רבה הט זייערי מאנטול גינומען פר אמשכון פר דעם שאדין וואס זיי האבין אן גימאכט . די טרעגערס האבין אים פערקלאגט פר אבא אריכא . הט ער גיהייסין דעם רבה ער זאל זיי דעם מאנטול אפ געבין . הט רבה גיזאגט איז דען דר דין אזוי . הט אבא גיענפערט יוא עס שטייט דו זאלסט גיין דעם וועג פון די גרעכטע . די קרעגר זענין נאך ניט גיוועזן צו פרידין פון דעם משפט זיי האבין גיקלאגט אונ גיוויינט זייא זענין

ארומ־

ארומע לייט מיר האבין דעם גאנצין טאג גיארבעט אונ מיר האבין ניט פערדינט מיר האבין ניט צו עסין. הט אבא גיזאגט צו רבה בעצאל זייער לוין. הט רבה גיפרעגט איז דר דין אזוי. הט אים אבא גיענפערט יוא. עס שטייט זאלסט טוהן ווי די צדיקים. פון דאנען קען מען זיך אמוסר נעמין אז איין מענטש מוז טאהן לפנים משורת הדין: (ב"מ פ"ג)

35 רבי הקדוש דס איז רבינו יהודה הנשיא ווס הט מחבר גוועז די זעקס משניות איז גיוועז זייער אפרומער מאן. אבער ער האט דרייצן יאר גיליטין שרעקליכע יסורים. די יסורים הט ער בעקומען דורך אזא מעשה. מען הט גיבראכט אקאלב צו שעכטין דס קאלב הט פערשטאנין איר סוף ווס דא וועט זיין הט זיא דעם קאפ אריין גישטעקט אונטער דעם מאנטול פון רבי ביי אים שוטץ צו זוכין פר איר לעבין. אבער רבי הט דעם קאלב אשטויס גיגעבין אונ הט גזאגט גיי דו ביסט דר צו בשאפין גיווארין דר פר ווס ער הט זיך ניט ערבארומט אוף דר אונגליקליכע בהמה איז ער מיט יסורים גשטראפט גווארין. אבער אוועק זענין דיא יסורים פון אים אויך דורך אזא מעשה זיין דינסט הט גיפונען אין שטוב קעצליך זיא הט גוואלט דיא קעצליך אין וואסער אריין ווארפין אונ זייא דער טרענקין. רבי הט דס דר זעהן הט ער דר דינסט גזאגט לאז זייא לעבין. עס שטייט אין תהלים ורחמיו על כל מעשיו. גאט האט רחמנות אוף אלע זיינע בשעפינוש. וייל ער הט זיך דר בארימט אוף די קעצליך דרום הט זיך גאט אוך אוף אים דר בארומט אונ איז תיכף בעפרייט גיווארין פון די יסורים: (ב"מ פ"ז)

אמעשה וואס גיפינט זיך אין מסכת בבא בתרא

36 דר קעניג טורנוסרופוס הט גיפרעגט ר' עקיבא אז גאט הט ליב דיא ארומע לייט פר ווס זארגט ער ניט פר זיי. זייא זאלין האבין צו עסין. האט רבי עקיבא גיזאגט גאט שטראפט זיי כדי זיי זאלין שוין אפ קומן אויף דער וועלט. הט טורנוסרופוס גזאגט ווען אזוי טאר מען דאך ניט געבין קיין ארומאן צו עסין. איך וועל דיר זאגין אמשל אקנעכט הט זיך פר זינדיגט קעגין דעם קעניג הט דר קעניג באפוילין מען זאל אים נעמין אין גיפענקניש אריין אונ מען זאל אים קיין עסין ניט געבין ווען אייגער וועט ניט פאלגין דעם באפעל אונ הט דעם קנעכט גיגעבין צו עסין וועט ער דען ניט ווערין בשטראפט פון דעם קעניג. אונ איר הייסט דאך אויך קנעכט צו גאט אזוי ווי עס שטייט כי לי בני ישראל עבדים זוא מיר זענין דיא קינדער פון דיא ידין קנעכט. האט רבי עקיבא גיענפערט איך וועל דיר אויך זאגין אמשל אמאהל האט אקעניג גיצערינט אויף זיין זון אונ הט בפוילין מען זאל דעם זון אריין ווארפין אין גיפענקניש אונ מען זאל אים ניט געבין צו עסין. איז אייגער גיגאנגין אונ הט אים יוא גיגעבין צו עסין וועט ער דען בשטראפט ווערין פון קעניג גיוויס ניט ער וועט נאך בעלוינט ווערין דר פאר. מיר הייסין אויך קינדר צו גאט אזוי ווי עס שטייט בנים אתם לה' אלהיכם קינדר זענט איר צו אייער גאט: (ב"ב י')

37 ר' יוחנן בן זכאי הט מוצאי יום כפור גיזעהן אין חלום אז עס איז נגזר גיווארין זייני שוועסטורס קינדר זאלין דס יאר שאדין האבין זיבן הונדערט גילדין. הט ער איין עצה גיגעבין ער זאל דאס יאר ביי זיי נעמין צדקה זיבן

הונדערט

הונדערט גולדין וועלין זיי ניצול ווערין פון דעם שאדין . ער הט אגאנץ יאר ביי זיי גינומין צדקה עס הט אבער נאך גיפעלט זיבציג גולדין צו די זיבן הונדערט גולדין . ווי עס איז גיקומין ערב יום כפור איז מען גיקומין פון דעם קיסר אונ מען הט ביי זיי צו גינומין זיבציג גולדין האבין זיי זיך זייער גישראקין דען זייא האבין מורא גיהאט מען זאל ביי זיי ניט צו נעמין דאס גאנצי פערמעגין . האט זייא ר' יוחנן בן זכאי גיזאגט שרעקט אייך ניט עס איז נאך גיקומין פון אייך ארעשט פון זיבציג גולדין הט מען דס ביי אייך גינומין . אבער איר ווענט שוין פון דר גזירה ניצול גיווארין : (כ"ב י')

38 רבי בנאה איז גיוועזן בערומט אין חכמת המשפטים אונ דר צו איז ער זייער קלוג גיוועזן איין מאל הט אפאטער גילאזט אצוואה זייני קינדר איז אין דר צוואה אזו גישטאנין . מיין עלטרין זון לאז איך ירושה אפאס פול ערד . דעם צווייטין זון לאז איך אפאס פול ביינר דעם דריטין זון לאז איך אפאס פול פעדערין . די קינדר האבין ניט פערשטאנין ווס דר פאטר הט גימיינט . זענין זיי גיקומין צו רבי בנאה הט ער צו זיי גיזאגט אייער פאטר הט אייך איבער גילאזט פעלדיר בהמות אונ בעט גיוואנד דעם עלטרין זון גיהערט די פעלדיר דעם צווייטין זון די בהמות דעם דריטין זון דס בעט גיוואנד מיט די קליידער : (ב"ב נ"ח)

39 אין דר זעלביגי שטאט הט גיוואנד איינער ווס זיין ווייב איז גיוועזן אום גילאסין אונ הט איר עהרע פערקויפט . איר טאכטער איז ניט גיוועזן בעסער פר איר נאר די מוטר הט גיוויסט ווי זיך צו פערשטעלין אז מען זאל איר גימיינהייט ניט בעמערקין . אבער די טאכטר הט זיך פר מענטשין אוך ניט גישעמט הט די מוטר אמאל די טאכטר גישטראפט זעה מיין טאכטר דו ווייסט ניט ווי דיך צו פערשטעלין איך האב גיהאט צעהן קינדר אונ פון דיין פאטר האב איך נאר איינים גיבורין אונ פון דעסט וועגין ווייסט קיינער ניט אונ פון דיר ווייסין אלי . דר מאן הט דס גראד גיהערט דיא שיינע אונטר רעדונג צווישין דיא מוטר אונ טאכטער הט ער זיך צום הארץ גינומין אונ איז גישטארבין . פר זיין טוט הט ער גילאזט א צוואה אזו מיין גאנץ פערמעגין לאז איך נאר איבר מיין איינציגין זון . אונ איז גישטארבין דר נאך הט איטליכער פון די קינדר גיזאגט אז אים הט דר פאטר די גאנצי ירושה איבר גילאזט זענין זיי גיקומין צו ר' בנאה צו משפט הט ר' בנאה צו זיי גיזאגט אזא זאך קען קיינר ניט משפטין דען דר רוכטר איז קיין נביא ניט ער זאל וויסין ווען דר פאטר הט גימיינט . איין עצה האב איך פאר אייך איר זאלט אלי נעמין שטעקינים אונ זאלט גיין שלאגין אויף זיין קבר ביז ער וועט קומין צו חלום אונ זאגין וועכין ער הט אין דר צוואה גימיינט . די אלי קינדר האבין גינומין שטעקינים אונ זענין גיגאנגין שלאגין אויף דעם פאטערס קבר נאר איינר איז גיבליבין שטיין אונ איז ניט גיגאנגין הט ר' בנאה אים גיפרעגט פאר ווס גייסט דו ניט . הט דר יונגער מאן גיענפערט זיי מעגין אין גאנצין צו נעמין ווס מיין פאטר הט איבר גילאזט איך וויל ניט שענדין דעם כבוד פון מיין פאטער בפרט ער איז שון גישטארבין ווי רבי בנאה הט דס גיזעהן הט ער גיהייסין מען זאל די גאנצי ירושה אפ געבין דעם זון ווארום ער איז דר רעכטר זון . די אנדערי ברידער הט דס פר דראסין פר ווס זיי האבין גאר ניט בקומין פון דר ירושה זענין

זייא

זייא גיגאנגין אונ האבין פערקלאגט פאר דעם קעניג אז עס איז דא ביי יודין אגעוויסער ר' בנאה וואס ער הט זיך גימאכט פאר אשופט גאר אן ערלובענים. הט דר קעניג אבפעל גיגעבין מען זאל אים נעמין אין דר תפיסה אריין ער איז אין דער תפיסה גיזעסין אלאנגי צייט דער נאך איז גיקומין רבי בנאהס וויב צום קעניג אונ האט גישריגין וועגין הילף. דר קעניג הט זי גיפרעגט וואס זי פערלאנגט הט זי פאר אים גיזאגט איך בין איין ארומי פרויא איך האב גיהאט איין קנעכט הט מען פון מיר דעם קנעכט אוועק גירובט דעם קאפ האבין זיי אפ גישניטין די פעל אראפ גיצוגין דס פלייש אויף גיגעסין די הויט האבין זיי מיט וואסער אן גיפילט אונ האבין איעדין גיגעבין צום טרונקין אונ מיר האבין זייא דר פר קיין שכר ניט גיגעבין. דר קעניג הט די ווערטיר ניט פאר שטאנין הט ער גיהייסין מען זאל דעם גופאנגענים רבי בנאה ברענגין ער זאל זאגין וואס דיא פרויא מיינט מיט איר אנקלאגע. ער הט באלד ערקלערט איר מיינונג דאס מען הט פון איר אוועק גינומין אביק האבין אים גישאכטין אונ פון דר הויט האט מען גימאכט וואסער פלאשין. דר קעניג הט דא איין גיזעהן ווי ניצליך אזא מענטש קען זיין פר זיין לאנד הט ער אים בעפרייט אונ הט אים גימאכט צום אויבער רוכטער. אין גערוכט איז גיוועזן אויף גישריבין די ווערטיר יעדיר רוכטער וועלכיר עס ווערט אנגעקלאגט צום גערוכט איז ער קיין רוכטיר ניט אונ גייט אראפ פון זיין שטעלי. ווי רבי בנאה הט דס דר זעהן הט ער גיזאגט אז די אויף שריפט איז פאלש. דען יעדיר מענטש וועלכיר ער וועט בייז ווערין אויף דעם רוכטער וועט ער אים איין קלאגין אין גערוכט אונ ער וועט זיין שטעלע פר לירין. נאר אזוי מוז מען אויף שרייבין יעדיר רוכטער וואס ווערט איין גיקלאגט אין גערוכט אונ איז בעשולדיגט גיווארין דר גייט אוועק פון זיין שטעלע: (ב"ב ג"ח)

די מעשיות וואס געפינט זיך אין מסכת סנהדרין

40 אפילוסוף האט גיפרעגט רבן גמליאל איר זאגט דארט וויא צעהן מענטשין וואהנען איז דא די שכינה ווי פיל שכינות איז דא ביי אייך איר מוזט דאך פיהל געטער האבין. רבן גמליאל האט צוא גירופין דעם משרת פון דעם פילוסוף אונ הט זיך אויף אים גיבייזערט פר וואס ער לאזט אריין די זון אין זיין הערונס צימער הט דר משרת גיענטפערט וואס זאל איך טאן די זון שיינט אין דר גאנצער וועלט. הט רבן גמליאל גיזאגט צום פילוסוף זעה די זון איז דאך נאר איינער פון טויזענדר מיליאנען משרתים פון דעסט וועגין איז איר לעכטיקייט פול אויף די גאנצי ערד ווי אזוי איז נאך די לעכטיקייט פון גאט זעלבסט וואס די גאנצי בריאה איז פול מיט זיין כבוד: (סנהדרין כ"ז)

41 אפילוסוף הט גיזאגט צו רבן גמליאל אייער גאט איז אגנב ער האט גיווארפין אשלאף אויף אדם אונ הט פון אים אראפ גיגנבת אריפ. דר ביי איז די פרינצעסין אויך גיוועזן הט זיא גזאגט צו רבן גמליאל לאז מיך איך וועל אים ענפערין. זיא הט גיבעטין ביי איר פאטער ער זאל איר געבין אהויפט מאן מיט זעלנער. הט דר קעניג זיא גיפרעגט צו וואס בדארפסטו זעלנר. הט זיא גיענפערט עס הט זיך מיר איין אומגליק גיטראפין די נאכט זענין גנבים מיין הויז בעפאלין אונ האבין ארויס גיגנבת מיין זילבערנעם בעכר אונ האבין דער פאר איבער

גילאזט

גילאָזט אגילדענעם בעכער הט דר קעניג גיזאָגט הלואי וואָלטין אַלע גנבים אַזוי גיטאָן. הט די פּרונצעסין גיענפערט דס הט אויך גאָט גימאַכט זיר הט ביי דעם מענטש נאָר אַחת גינומען אונ הט אים גיגעבין אַגאַנץ ווייב. הט דר פילוסוף גיזאָגט איך מיין נאָר פר וואָס הט גאָט גידאַרפט די ריפּ צו נעמין אין שלאָף ער הט דאָך גיקענט אַזוי די ריפּ פון אים נעמין. הט די פּרונצעסין גיהייסין מען זאָל ברענגין פלייש פון דר יאַטקע מען הט גיבראַכט דס פלייש האָט זיא דס פלייש אַריין גילייגט אין הייסין אַש אָפּ צו בראָטין דר נאָך הט זיא דס דר לאַנגט דעם פילוסוף צו עסין. ער הט זיך אָבר גימיאוסת דס צו עסין אונ הט די פּרינצעסין גיבעטין אים פערצייהונג דס ער קען דס ניט עסין ווייל דס פלייש איז נמאס גיוואָרין פר זיינע אויגין ווען עס איז אַזוי הט די פּרינצעסין גיזאָגט אַז גאָט וואָלט פון דעם מענטש וואַכעדיגע הייט דעם ריפּ גינומען וואָלט זיא אים נמאס גוועןאונ ער וואָלט זיא ניט בערורט: (סנהדרין לט)

42 אַגעצענדינר אַגרויסר מאַן האָט אַמאָל גזאָגט צו רבי תנחום. לאָזין מיר ווערין צו איין פאָלק אונ אַן נעמין אַגלייכע אמונה. הט רבי תנחום צו אים גזאָגט מיר יודין קענין אייך ניט גלייך ווערין ווייל מיר זענין גימלט (בעשניטין) אָבער איר קענט דאָך אונז גלייך ווערין ווען איר זאָלט אייך לאָזין בעשניידין. דו האָסט רעכט גיזאָגט הט דר שר צו אים גזאָגט אָבר דו האָסט מיר דאָך מנצח גיוועןאונ דר וואָס איז מנצח אַהערשר וויא איך בין. איז זיין שטראָף אין אַלייבין גריב אַריין גיוואָרפין צו ווערין. דר משפט איז גיוואָרין אויס גיפירט אונ מען הט דעם ר' תנחום אַריין גוואָרפין אין דעם לייבין גריב אָבער דיא חיות האָבין אים גאָר ניט אָן גירירט אונ איז בשלום אַרוס. דאָרטין איז איינער גוועןוואָס האָט גיזאָגט די חיות זענין גוט דארום האָבין זייא אים ניט אָן גערירט. הט דער שר גיהייסין מען זאָל אים אַריין וואַרפין אין דעם לייבין גריב אונ דיא חיות האָבין אים באַלד אויף גיפרעסין: (סנהדרין ל"ט)

43 עס זענין אין איין טאָג צוויי מענטשין גישטאָרבין. איינר איז גוועןאַגרויסר תלמיד חכם וואָס נאָך אים האָבין אַלע גיטרויערט אונ גוויינט אונ דר אַנדערר איז גיוועןאמוכס אַרשע ער הט גיטאָן אַלעס בייז. נאָך דעם אָרון פון דעם תלמיד חכם זענין פיל מענטשין נאָך גיגאַנגין. די לויה איז גיוועןזייער גרויס אונ נאָך דעם מוכס איז קיינר ניט נאָך גיגאַנגין נאָר זיין אייגינע משפחה. ווי מען איז גיקומען אויף דעם בית עולם זענין בעפאַלין אויף די מענטשין אַבאַנדי מיט רויבער זענין זיי אַלע אַנטלאָפין אונ די צוויי ארונות האָבן זיי גילאָזט שטיין. נאָר איין טרייער תלמיד איז גיבליבין שטיין צו היטין דעם אָרון פון זיין רבי. דר נאָך אַז די מענטשין זענין צוריק גיקומען אוף דעם בית עולם דיא מתים צו טאָן זייער רעכט האָבין זיך די אַרונות פערביטין. אונ דעם אָרון פון דעם מוכס הט מען באַגראָבין מיט גרויס כבוד. אָבער דעם אָרון פון דעם תלמיד חכם הט מען נאָר פערשאַרט אין דר ערד אָן שום פּאַראַדע. דר תלמיד וואָס איז גיבליבין הוטין דעם אָרון הט גישריגן אַז דס איז ניט דר ארון פון זיין רבי. אָבער קיינר הט אים ניט גיהערט. דעם תלמיד הט דס פערדראָסין אונ הט זיך דאַריבר גיקרענקט דס זיין רבי דר צדיק זאָל באַגראָבין ווערין מיט אַזעלכי בזיונות אונ דר מוכס דר רשע זאָל ווערין באַגראָבין

מיט

מִיט אַזַא פַּארַאד. אִיז דֶער רבי אִים גִיקוּמֶען בַּיי נַאכְט צוּ חָלוֹם אוּנ הָט אִים גִזָאגְט דוּ זָאלְסְט דִיךְ נִיט מְצַעֵר זַיין דָא אִין גן עדן הָאבּ אִיךְ גְרוֹיס כָּבוֹד אוּנ דֶער מוכס וָועט גִיפַּיינִיגְט אוּנ פֶערְשְׁוַוארְצְט אִין גיהנם. נָאר אִיךְ הָאבּ גִידַארְפְט אָפּ צוּ קוּמֶען פַּארִין טוֹיט פַאר אֵיין עבירה וָוס אִיךְ הָאבּ גִיטָאן. אִיךְ הָאבּ אַמָאל גִיהֶערְט ווִיא מֶען הָט אַפְּרוּמֶען מֶענְטְשׁ מבייש גִיוֶועְן אוּנ אִיךְ בִּין גִישְׁטַאנֶען פוּן וַוייטִין אוּנ הָאבּ גִישְׁוִויגִין. דֶער פַאר בִּין אִיךְ גִישְׁטְרָאפְט גִיוָוארִין. אוּנ דֶער מוכס הָט אַמָאל גִיטָאן אדבר טוב. עֶר הָאט אַמָאל גִימַאכְט אַסְעוּדָה אוּנ דִי גֶעסְט הָאבִּין נִיט גִיקֶענְט קוּמֶען הָט עֶר דִי סְעוּדָה צוּ טֵיילְט פַאר אָרוּמֶע לַייט. הָט אִים דֶער תלמיד גִפְרֶעגְט ווִי לַאנְג וֶועט דֶער מוכס זִיצְוּן אִין גיהנם. הָאט דֶער גִישְׁטָארְבֶּענֶער אִים גִיזָאגְט בִּיז שמעון בן שטח פוּן דִי סנהדרין וֶועט שְׁטַארְבִּין אוּנ עֶר וֶועט קוּמֶען אוֹיף זַיין שְׁטֶעלִי דֶער תַּלְמִיד אִיז גִיוָוארִין דְרִיבֶּער זֵייעֶר פֶערְווּאוּנְדֶערְט דָס אַזַא צַדִיק ווִי שמעון בן שטח זָאל קוּמֶען אִין גיהנם. אוּנ הָט גִיפְרֶעגְט זַיין רֶבִּין פַאר וָוס הָט זִיךְ דֶער צַדִיק אַזוֹי פֶערְזִינְדִיגְט. הָט דֶער רבי צוּ אִים גִיזָאגְט וַוייל אִין אשקלון זִיצִין אַכְצִיג וַוייבֶּער וָוס טְרַייבִּין צוֹיבֶּעְרַיי אוּנ דֶעם ראש הסנהדרין אַרְט דָס גָאר נִיט. דֶער תלמיד הָט זִיךְ אוֹיף גִיחַאפְּט פוּן דֶעם שְׁלָאף אוּנ אִיז תֵּיכֶף גִיגַאנְגִין צוּ שמעון בן שטח אוּנ הָאט אִים דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצִי מעשה. שמעון בן שטח הָאט דִיא זַאךְ חוקר ודורש גִיוֶועְן אוּנ הָט גִיפוּנֶען אַז עֶס אִיז אמת מִיט דִי מכשפות. הָט עֶר מִיט זִיךְ גִינוּמֶען אַכְצִיג קְרֶעפְטִיגֶע יוּנְגֶע לַייט אוּנ הָט זֵייא גִיגֶעבִּין יֶעדִין אַקְרִיג אִין דֶער הַאנְד אוּנ אַקְלֵייד אִין יֶעדִין קְרִיג. דֶער טָאג אִיז גִיוֶועְן אַרֶעגִין וֶועטֶער שמעון בן שטח אִיז גִיקוּמֶען צוּ דִיא מכשפות דִי יוּנְגֶע לַייט הָט עֶר גִילָאזְט שְׁטֵיין אִין דְרוֹיסִין אוּנ עֶר אִיז צוּ זֵיי אַרֵיין אִין זַאל ווִי זֵיי זֶענִין גִזֶעסִין. דִיא מכשפות הָאבִּין אִים גִיפְרֶעגְט וָוס עֶר דַארְף צוּ זֵיי. הָט עֶר צוּ זֵיי גִיזָאגְט אִיךְ בִּין אוֹיךְ אמכשף אוּנ בִּין גִיקוּמֶען בַּיי אַייךְ צוּבֶּעְרַייא צוּ עֶרְלֶערְנֶען. הָאבִּין זֵיי צוּ אִים גִיזָאגְט בֶּעוַוייז עֶפֶּעס אַוואוּנְדֶער וֶועלִין מִיר ווִיסִין וָוס דוּ קֶענְסְט. הָאט עֶר צוּ זֵיי גִזָאגְט זֶעהְט הַיינְט אִיז אַרֶעגִין טָאג אוּנ אִיךְ שְׁטֶעל אַייךְ צוּ אַכְצִיג יוּנְגֶע לַייט מִיט טְרוּקֶענִי בגדים. עֶר הָט גִיגֶעבִּין אסימן הָאבִּין דִי יוּנְגֶע לַייט פוּן דְרוֹיסִין אַרוֹיס גִינוּמֶען פוּן דֶעם קְרִיג דִי בְּגָדִים הָאבִּין אָן גִיטָאן אוּנ זֶענִין אַרֵיין אַלֶע אִין זַאל אִיטְלִיכֶער פוּן זֵיי הָט גִיחַאפְּט אמכשפה אוּנ הָט זִיא אוֹיף גִיהוֹיבִּין הָאבִּין זֵיי דִי קְרַאפְט פֶערְלוֹירִין אוּנ מֶען הָט זֵיי אַלֶע אוֹיף גִיהָאנְגִין. דִי מכשפות הָאבִּין גִיהַאט אַגְרוֹסִי מִשְׁפָּחָה. דִי משפחה הָט גִיזִיכְט זִיךְ נוקם צוּ זַיין אִין דֶעם נשיא פוּן דִי סנהדרין. זֵיי הָאבִּין גִידִינְגֶען צְווֵיי פַאלְטְשִׁי עדות. דִי עדות זֶענִין גִיקוּמֶען צוּ דִיא סנהדרין אוּנ הָאבִּין גִזָאגְט אַז זֵיי הָאבִּין גִזֶעהֶן ווִי דֶער זוּן פוּן שמעון בן שטח הָט גִיטָאן אַזַא עֲבֵירָה וָוס עֶס קוּמְט אִים דֶער פַאר דֶעם טוֹיט. הָאבִּין דִי סנהדרין צוּ גִיפַּסֶקְנְט מֶען זָאל אִים פֶערְשְׁטֵיינִין דֶער אוּמְגְלִיקְלִיכֶער יוּנְגֶער מַאן אִיז גִוָוארִין אַרוֹיס גִיפוּרְט צוּ פֶערְשְׁטֵיינִין. הָט עֶר גִזָאגְט צוּ דִי עדות. הָאבּ אִיךְ גִיזִינְדִיגְט זָאל מַיין טוֹיט זַיין אכפרה פַאר מַיינֶע עבירות הָאבּ אִיךְ נִיט גִיזִינְדִיגְט זָאל מַיין אוּמְשׁוּלְדִיג בְּלוּט קוּמֶען אוֹיף דִי קֶעפּ פוּן דִי פַאלְטְשִׁי עדות. ווִי דִי עדות הָאבִּין דָס דֶער הֶערְט הָאבִּין זֵיי חרטה בַּקוּמֶען אוּנ הָאבִּין גִזָאגְט אַז זֵיי הָאבִּין פַאלְשׁ עדות גִזָאגְט אוּנ דֶער יוּנְגֶער מַאן אִיז אוּמְשׁוּלְדִיג. הָאבִּין דִי רִיכְטֶער שׁוֹן גִיוָואלְט אִים בֶּעפְרַייעֶן. אָבֶּער דֶער יוּנְגֶר מַאן

האט

האט זיך אן גירופין צו זיין פאטער. פאטער ווען דו ווילסט די גיזעצע פעסט שטעלין אין ישראל אז זיי זאלין פאר דעם גיזעץ אכטונג האבין זאלסט דו אן מיר מקיים פסק זיין. דער אומגליקליכר פאטער האט גיגעבין גיגעבין ענדליך גימוזט צו קוקין ווי זיין אומשילדיגר זון ווערט גיטייט פאר זייני אויגין דורך פאלטשי עדות: (סנהדרין מ"ד ברש"י)

44 דער רוימישר קיסר אנטונינוס האט גיזאגט צו זיין גוטין פריינד רבי יהודה הנשיא דר גוף אונ די נשמה קענין זיך פאטערין פון שטראף אויף יענער וועלט דער גוף קען זאגין וואס בין איך שולדיג. ווען ניט די נשמה וואלט איך ניט גיקענט טאן והראיה אז די נשמה איז פון מיר ארויס ליג איך אין קבר ווי א שטיין. די נשמה קען זיך זאגין נאר דער קערפער איז שולדיג דען פון דער צייט אן וואס איך בין ארויס פון דעם גוף האב איך קיין שום תאוה ניט אונ שוועב אין דער ליפט פריי ווי א פויגיל. האט אים רבי גיענטפערט איך וועל דיר זאגין א משל א קעניג האט גיהאט א שיינעם גארטין האט ער אריין גיזעצט צוויי שומרים צו היטין דעם גארטין איינער א בלינדער אונ דער צווייטער א קרימער דער קעניג האט גירעכינט דא יעצט איז ער זיכער אז די שומרים וועלין פון די טייערי פירות ניט עסין. איין מאל האט דער קרימער גיזאגט צום בלינדין אין גארטין זענין דא שיינע פירות צום עסין נאר איך קען ניט דר גרייכין. איך וועל מיך זעצין אויף דיינע פלייצים דו וועסט מיך צו טראגין צום בוים איך וועל אפ רייסין די פירות אונ מיר וועלין ביידי עסין אונ אזוי איז גישען. דר קעניג איז גיקומען איין מאל אין גארטין אונ האט אויף דעם בוים קיין פירות ניט גיפונען אבער די וועכטער האבין זיך באלד פאר ענטפערט. דר בלינדר האט גיזאגט ווי האב איך גיזעהן צו נעמין די פירות אז איך בין בלינד. דר קרימער האט גיזאגט ווי האב איך גיקענט נעמען פון די פירות אז איך בין קרים. וואס האט דער קעניג גיטאן ער האט ארויף גיזעצט דעם קרימען אויף דעם בלינדין אונ האט זיי ביידי צו זאמען גישטראפט. אזוי טוט גאט מיט דעם מענטש ביי דעם יום הדין ער זעצט די נשמה אריין אין דעם גוף אונ שטראפט זיי צו זאמען: (סנהדרין צ"א)

45 גאט האט גיזאגט צו דוד המלך דריי שטראפין לעג איך דיר פאר דיך צו בעשטראפין פאר דייני חטאים וואס דוא האסט גיטאן נאר דוא קענסט דיר אויס קלויבין איין שטראף פון די דריי. עס זאל זיין זיבין יאר הונגר אין דיין לאנד. אדער דו זאלסט פאלין אין דיא הענד פון דייני פיינד. אדער דריי טעג זאל זיין א מגפה אין לאנד. דוד האט זיך פריר אוס גיקליבין די שטראף ער זאל פאלין אין די הענד פון די פיינד. ווייל ער האט גירעכונט ער וועט פון היינט אן מער קיין מלחמה ניט פירין. איין מאל איז ער גיגאנגין אויף די גיעגד האט זיך דער שטן פאר שטעלט פאר א הירש ער האט גישאסין איין פייל נאך דר אנדערר אבער ער האט דעם הירש ניט גיטראפין. דער הירש איז ווייטער גלאפין אונ דוד האט אים אזו ווייט נאך גיעאגט ביז ער איז גיקומין אין דעם לאנד פלשתים. זייני גרעסטי פיינד. האט אים גיטראפין דער ריז ישבי דער ברודר פון גלית הפלשתי וואס דוד האט אים גהרגת אונ האט אים תיכף דר קענט. ישבי האט אים גינומין גיפאנגין אונ האט אים גיבונדין אין קייטין אונ האט אים אריין גיקוועטשט אין א מעהל פרעס. דוד וואלט גיוועזן דר קוועטשט גיווארין נאר עס איז אים א נס גישעהן דס די ערד איז אונטער אים גיווארין איין גידרוקט דס האט זיך גיטראפין אום פרייטוג. אבישי דער פעטר

דודם

דוד'ס דר גבור פון די יודין הט זיך דעמאלט אפ גיוואשין לכבוד שבת אבער ער הט דר זעהן בליטס-טראפין אין דר וואש-שיסיל הט ער דער פון בעמערקט אז דוד איז אין אגרוסי סכנה. איז ער באלד גילאפין אין דעם קעניגליכין פאליין אבער ער הט דוד המלך ניט גיטראפין. ער הט אבער פערשטאנין אז דוד הט גימוזט אריין פאלין אין דיא העגד פון די פלשתים. האט ער זיך באלד גיזעצט אויפין פערד אונ הט גירישין אויפין וועג ווס גיהערט צו דעם לאנד פלשתים. די ערשטי פערזאן ווס ער הט גיטראפין איז גיוועזין ערפה דיא מוטר פון די ריזין גלית אונ ישבי וועלכי איז גיזעסין ביי אשפינראד אונ הט גישפינין. ווי זיא הט דעם פרעמדין דר זעהן הט זיא דעם שפינדל גיווארפין נאך זיין קאפ אבער זיא הט אים ניט גיטראפין. אבישי הט גחאפט דעם שפינדל אונ הט זי דר מיט גטייט. ווי ישבי הט דר זעהן דעם אבישי הט ער פר שטאנין ווס זיין כונה איז אז ער איז גיקומין בעפרייען דוד המלך הט ער זיך גיטראכט בעסער צוויי וויא איינר נאר פריר מוז איך מיט דעם דוד אסוף מאכין. ער הט אריין גשטעקט זיין שפיז אין די ערד אונ הט דודין אשליידיר גיטאן אין דר הייך מיט דעם אופן ער זאל אראפ פאלין אוף דר שפיז. אבישי איז צו גילאפין אונ הט ארוס גירעט דעם שם המפורש אונ דוד איז גיבליבין העגגין אין דר לופטין. אבישי פרעגט אים ווי קומסטו אין דר לאגע הט אים דוד דער ציילט פון די דריי שטראפין ווס גאט הט אים פאר גילייגט אונ ער הט זיך אום גיקליבין. אבישי הט אים גיענפערט דו האסט נאך אברירה דיר אום צו קלויבין איין אנדר שטראף. אבישי הט ווידר ארוס גירעט דעם שם המפורש אונ דוד איז גליקליך אן שאדין אוף דר ערד אראפ גינודערט. אונ זיי קערטין נאך ירושלים צוריק אבער ישבי הט זיי נאך גיאגט. ווי זיי זענין גיקומין צום אורט ווס הט גיהייסין תרי הט זיך אבישי אן גירופין דאס איז דאס רעכטי אורט ווי צוויי קענין דעם אלטין לייב בעזוגין (תרי איז טייטש צווייא) זיי זענין גיבליבין שטיין אונ האבין גיזאגט צו ישבי דו קענסט יעצט דיין מוטר מאכין אהייזק אין קבר ווי ישבי הט דס גיהערט דס זיין מוטר איז שוין טויט איז אים ענטפאלין דר מוטה אונ איז באלד גלעגין טויט צו זייערי פוס. ווי דוד איז אהייב גיקומין הט ער גיזאגט נפלה נא ביד ה' וביד אדם אל אפולה. דאס איז טייטש איך וויל בעסר פאלין אין גאטס האנד אונ ניט אין די העגד פון מענטשין אונ עס איז גיקומין אוף דריי טאג אמגפה אין לאנד: (סנהדרין צ"ה)

46 די זינדיגי שטאט סדום הט גיהאט אזעלכי גיזעצע ווס האבין ניט אונטר גישטיצט די גרעכטיקייט נאר דיא פאלשקייט אונ די זינדע. דארט זענין גיוועזן פיר שופטים. איינר הט גיהייסין ליגנער. דר צווייטער פאלשער. דר דריטער בטרוגיר. דר פערדר שווינדלער. ווען איינר הט אפ גישנוטין די אורין פון זיין שכנס אייזיל הט דר ריכטר גפסקית אז דם אייזיל זאל אזו לאנג בלייבין ביי דעם אפ שניידיר ביז די אורין וועלין צוריק אוף וואקסין אונ ער מעג מיט אים אויך ארבייטין. ווען איינר הט דעם אנדערין גישלאגין אונ פערבלוטיגט. האבין דיא ריכטער גיהייסין אז דר גישלאגענער זאל דעם שלעגער בצאלין פר דעם בלוט לאזין. איבער אקליין טייכיל איז גיוועזן גיצויגין אבריק וועלכר עס איז איבר די בריק גיגאנגין הט בעצאלט פיר גולדין. אונ ווער עס הט זיך גיוואלט איין שפארין אונ

איז

איז גיגאנגען איבער דעם טייך האט גימוזט בצאלען אכט גולדען. זיי האבין גיהאט אבעט פר אורחים ווען דר פרעמדר איז לענגער גיוועזן ווי דס בעט האט מען אים די פוס אפ גשניטין. ווען ער איז קורצער גיוועזן האבין זיי אים די פוס גיצויגין אזו לאנג ביז ער איז אום גיצויגין גיווארין גלייך מיט דעם בעט. אליעזר דער קנעכט פון אברהם איז אמאל גיקומין קיין סדום האט זיך אים גיטראפין דם ער האט זיך מיט איינים גיקריגט אונ יענער האט אים צו בלוט זענין זיי גיגאנגין צום געריכט האט דר ריכטר גפסקית אז אליעזר זאל בצאלין דעם שלעגר פר בלוט לאזין. וס האט אליעזר גיטאן ער האט מיט זיין שטעקין דעם ריכטר אזעץ גיגעבין אין קאפ אונ דס בלוט האט אן גיהובין צו רינען אונ האט גיזאגט צום ריכטר דם געלד וס איר דארפט מיר בצאלין פר בלוט לאזין זאלט איר אזו גוט זיין צוא בצאלין דעם מענטש אונ איז אוועק גיגאנגין. דיא איין וואנער האבין גיוואלט אליעזר אין זייער בעט ארין לייגין אונ מיט אים די זעלבע אפעראציאן צו מאכין אזו ווי מיט אלעמין. ער האט אבער צו זיי גיזאגט צייט מיין מוטר איז גישטארבין האב איך אנדר גיטאן אין קיין בעט ניט מעהר צו שלאפין:

איין ארומאן פלעגין זיי קיין ברויט ניט געבין נאר איטליכר האט אים גיגעבין אמטבע וואס זיין נאמין איז גיוועזן דארויף גיצייכנט. דר ארומאן איז נאטירליך גישטארבין פר הונגר וייל קיינר האט אים קיין ברויט ניט גיוואלט פערקויפין. נאך דעם זענין אלי גיקומין אונ האבין זייערי מטבעות אפ גינומין. ווער עס האט אפרעמדין איין גלאדין צו אמאלצייט האט מען אים זיין מאנטיל צו גינומין. בשעת אליעזר איז גיוועזן אין סדום איז דעמאלט דארט גיוועזן אחתונה אונ וייל ער האט אין ערגיץ ניט גיקריגן צו עסין איז ער גיגאנגין אוף דער חתונה אונ האט זיך גיזעצט צום טיש עסין גלייך מיט אלי. האט אים גיפרעגט דער וואס איז גיזעסין נעבין אים ווער האט דיך דא איין גלאדין. האט אים אליעזר גיענפרט ענטשלאסין דו אליין האסט מיך דאך איין גילאדין. יענער האט מורא גיהאט מען זאל אים דעם מאנטול ניט צו נעמין האט ער גימאכט פליטה פון דר התונה אזו האט ער גיטאן מיט דעם צווייטין אונ מיט דעם דריטין ביז אלע זענין פון דארט אנטלאפין אונ ער איז אליין איבר גיבליבין אונ האט מיט אגוטין אפעטיט דיא סעודה גיגעסין:

אמיידיל האט דארטין אמאל אגרוסי זינד בעגאנגין. זי האט רחמנות גיהאט אוף איין ארומאן אונ ווען זי איז גיגאנגין שעפין וואסער האט זי ארין גילייגט אין קריגיל אשטיקיל ברויט אונ פלעגט דס דעם ארומאן צו דערלאנגין אין דר שטיל. האט מען זיא גיכאפט ביי דעם חטא. האט מען איר דעם קערפער פון דעם קאפ ביז די פוס בשמירט מיט האניג אונ זי גילייגט צווישין בינן. די בינן האבין זיא אזו לאנג גבוסין ביז זי איז גישטארבין. דס איז גיוועזן דיא ווירטשאפט פון סדום אונ עמורה אזו לאנג ביז גאט האט בשלאסין מיט שוועביל אונ פייער דיא שטאט צו פערטיליגין: (סנהדרין ק"ט)

47 עס שטייט אין תהלים ודובר אמת בלבבו דר וס רעט דעם אמת אין הארץ ערקלערין די הכמים אוף דעם אופן. רב ספרא איז אמאל גישטאנין אונ האט גידאווינט איז ארין גיקומין איינער ביי אים עפיס קויפין אונ האט גיבאטין פאר דער זאך אבשטומטע סומע. רב ספרא האט אבער ניט גיוואלט מפסיק זיין

אין

אין דאווינין הט ער גישוויגין הט יענער גימיינט אז רב ספרא איז ניט צו פרידין מיט דעם פרייז וואס ער האט אים גיבאטין האט ער גלייך גיבאטין אדאפעלטין פרייז. דר וייל הט רב ספרא אפ גידאווינט אונ הט אים פערקויפט די זאך מיט דעם פרייז וום דר מאן הט צום ערשטין מאל גיבאטין ווייל רב ספרא איז דאך אין הארץ צוא פרידין גיוועזן מיט דעם מקח נאר ער האט ניט גיקענט מפסיק זיין. אז ער וועט אבער נעמין דעם גרעסירין מקח הייסט ער רעט ניט דעם אמת אין הארץ:

דיא מעשיות וואס געפינין זיך אין מסכת עבודה זרה

48 א פילאזאף הט גיפרעגט צו רבן גמליאל ווס נעמט גאט נקמה פון די געצענדינר אונ נעמט ניט נקמה פון דיא געצין אליין. זאל ער זיי צערשטערין וועט קיין געצעדינסט ניט מער זיין אויף דיא וועלט. האט רבן גמליאל צו אים גיזאגט איך וועל דיר זאגין אמשל אקרוין פרונץ הט ערצויגין ביי זיך אהונד האט ער דעם הונד אנאמין גיגעבין ווי זיין פאטר הט גיהייסין אוף וועמין זאל דער קעניג זיין אין כעס צו אוף זיין זון אדער אוף דעם הונד. הט דר פילוסוף צו אים גיזאגט ווי קענסטו רופין די געצין הונד זיי האבין דאך עפיס אממשות דען איינמאל איז גיוועזן אשרפה אין אונזר שטאט איז די גאנצי שטאט פרברענט גיווארין אונ דם טעמפיל פון די געצין איז ניט פר ברענט גיווארין. הט רבן גמליאל צו אים גיזאגט איך וועל דיר זאגין נאך אמשל אמדינה הט מוריד גיוועזן קעגין זייער קעניג איז דר קעניג גיקומין מלחמה האלטין קעגין די שטאט מיט וועמין זאל ער פירין די מלחמה מיט די טויטע אדער מיט די לעבידיגי. דו האסט רעכט האט דער פילוסוף גיזאגט אבער ווי באלד די געצין ברענגין קיין נוצין ניט צו ווס האלט זיי גאט אוף די וועלט לאז ער זיי פערטילוגין. הט ר' גמליאל גיענפערט ווען זיי וואלטין גידינט צו אזאך ווס די וועלט ברויך זיי ניט וואלט זיי טאקי גאט פרטוליגט זיי דינין דאך אבער אויך צו די זון אונ צו די לבנה זאל גאט וועגין דיא נארין דיא וועלט אום ברענגין. ניין די וועלט פירט זיך נאך איר מנהג אונ דיא נארין וואס זינדיגין וועלין בשטראפט ווערין. אבער ער קען דאך ווענוסטענס די געטיר ווס ברענגין קיין ניצין ניט פרטוליגין הט דר פילוסוף וייטער גיפרעגט. אבער רבן גמליאל הט אים גיענפערט אז גאט זאל פערטוליגין נאר דיא דאזיגי געצין וועלין די דינער פון דער זון אונ דער לבנה נאך מעהר גישטארקט ווערין אין זייער גלויבין: (ע"ז נ"ד)

49 א פילוסוף הט גיפרעגט ר' עקיבא אזו ווי מיר ביידע ווייסין דאך אז די געצין האבין קיין ממשות ניט פר ווס זעהן מיר אז עס גיין אוועק מענטשין מיט צו בראכינע פוס צו די טעמפלען פון די געצין אונ קומין מיט גזונדע גיין אוועק בלונדי אונ קומין זעהענדיג. הט רבי עקיבא אים גיענפערט איך וועל דיר זאגין אמשל אין אשטאט איז גיוועזן איין זעהר בראווער אונ ערליכיר מאן ביא אים פלעגין אלי שטאט לייט זייער געלד צו בהאלטין אן עדות איינר הט אים ניט גיוואלט גיטרויען הט ער ביי אים בהאלטין פר עדות איין מאל הט ער אים גיגעבין געלד צו בהאלטין אונ קיין עדות זענין דר ביי ניט גיוועזן הט זיין וייב צו אים גיזאגט דם געלד וועלין מיר אפ לייקונין וייל קיינער הט ניט גיזעהן. הט

דר

דר מאן איר געענטפערט ווייל דר נאר הט געטאן אנארושקייט ער הט אונז דאס געלד געגעבן אן עדות דאדורך זאלין מיר בלייבן אום ערליכע לייט. אזוי איז דם אוך דם איינגע בשעת עס קומן יסורים אויף דעם מענטש זענין זייא בשווארין פון דעם הומעל אז דורך די מעדיצין און דורך דעם דאקטער און אין דעם טאג זאלין זיי פון דעם מענטש אפ טרעטין. ווען די צייט איז געקומן איז דר קראנקיר גיגאנגן צו דר עבודה זרה מתפלל זיין. זאלין דאריבר די יסורים זייער שבועה ניט האלטין ווייל דר נאר איז גיגאנגן צו דר עבודה זרה: (ע"ז נ"ד)

אמעשה וואס גיפינט זיך אין מסכת מנחות

50 עס האט איינער אמאל גיפרעגט צו רבי אז איינר האט צוויי קעפ אויף וועלכן קאפ לייגט ער תפילין. הט זיך רבי אויף אים גיבייזערט און אים גיזאגט די פרעגסט שאלות וואס עס איז צו לאכין. ווי רבי הט אזו גישמועסט איז איינר אריין גיקומן און הט גיפרעגט אשאלה עס איז ביי מיר גיבורין גיווארין אקינד מיט צוויי קעפ און דס קינד איז אבכור ווי פיל סלעים דארף איך געבין דעם כהן איך זאל עס אויס לייזין. איז דארט גיוועזן אזקן האט ער גיפסקנט אז מען דארף געבין צעהן סלעים ווייל דאס קינד האט צוויי קעפ הייסט עס וויא צווייא בכורים: (מנחות ל"ו)

(עס טרעפין זיך פערשידינע גיבורטין. אין יאהר 1870 זענין גיוועזן אין אמעריקא צוויי מענטשין צוזאמען גיוואקסין ביי דעם ריקן. איינר הט גיהייסין שאנג און באנג. ווען שאנג איז גישטארבין הט באנג נאך אים איין שעה גילעבט און דר נאך איז ער גישטארבין):

מעשיות פון מסכת חולין

51 רבי פנחס בן יאיר איז גוועזן איינר פון די מענטשין וואס האבין ניט גילעבט פר זיך נאר פר אנדרי. זיין גאנץ לעבין הט ער ארום גירייזט רייטענדיג אויף איין אייזיל אויף צו זוכען די אומגליקליכע מענטשין זיי צו העלפין פון דעם נויט. זיין פרומקייט איז גיוועזן אבער נאטורליך. ביז זיין אייזיל הט פיל נאך גיטאן דעם פרומען ר' פנחס. איין מאל איז ער גיקומן אין איין אכסניא הט ער גיהייסין מען זאל געבין דעם אייזיל עסין. דר בעל אכסניא הט דר לאנגט דעם אייזיל צו עסין גערשטין אבר דם אייזיל הט דעם גערשטין ניט אן גירורט. הט מען דיא תבואה גוט גיריינוגט און אויס גיקליבין דם פסולת אבר דם אייזיל האט ווייטר ניט גיוואלט עסין און מען הט ניט גיקענט פר שטיין די סבה דר פון. הט רבי פנחס בן יאיר גזאגט צו דעם בעל אכסניא אפשר הט איר דעם אייזיל גיגעבין אזעלכי תבואה וואס מען הט דר פון קיין מעשר ניט גינומען. האבין זיי גינומען פון דר תבואה מעשר הט דם אייזיל דר נאך גיגעסין. הט רבי פנחס צו זיי גיזאגט די ארעמי בהמה גייט טאן דעם ווילין פון איר באשעפר און איר הט גיוואלט איר געבין צוא עסין טבל (דאס הייסט תבואה וואס מען האט קיין מעשר ניט גינומען): (חולין ז)

52 רבי פנחס בן יאיר הט קייל מאל ניט גיוואלט די קלענסטי הנאה האבין פון דעם אנדערין אז מען הט אים איין גילאדין אויף איין מאלצייט הט ער ניט גיוואלט עסין. איין מאל איז ער גיקומן אין דר שטאט ווי רבי יהודה הנשיא

הט גיוואנט. רבי יהודה איז אים ארויס אקעגין גיגאנגן און הט צו אים גיזאגט אפשר וועסטו מיין איין לאדונג אן נעמין ביי מיר צו עסין מיטאג. הט ער אים גיענטפערט יוא איך נעם אן די איינלאדונג. איז רבי יהודה גיווארין איבר ראשט פון שמחה ווייל ער הט דאך גוויסט אז ביי קיינעם הט ער קיין איינלאדונג ניט אן גינומין. הט רבי פנחס צו אים גיזאגט וואס ביסטו אזוי איבר ראשט. מיינסטו דען אז איך האב אנדר גיטאן פון די בני ישראל קיין הנאה ניט צו האבין גיין ידין זענין אהיילוג פאלק מען מעג פון זיי הנאה האבין נאר עס זענין דא אזעלכי וואס האבין ניט און ווילין מהנה זיין דעם אנדערין. עס זענין ווידר דא אזעלכי וואס האבין אבר זיי זענין קארג און ווילין דעם צווייטין ניט מהנה זיין. פון אזעלכי וויל איך קיין הנאה ניט האבין. אבער דו האסט און ווילסט אויך דעם אנדרין מהנה זיין פר וואס זאל איך ביי דיר ניט עסין. נאר היינט קען איך די איין לאדונג ניט אן נעמין ווייל איך גייא טאן אגרויסי מצוה. די מצוה פון פדיון שבוים וויל איך ניט פערשפעטיגען. נאר ווען איך וועל צוריקגיין וועל איך ביי דיר איינקערין. אזוי איז גיוועין ביי זיין צוריק רייזע איז ער גיגאנגען צו רבי יהודה אהיים איז ער גראד אריין גיקומען אין אשטוב ווי ווילדי אייזלין זענין גישטאנען הט זיך רבי פנחס אן גירופין דר מלאך המות איז ביי אים אין הויז און איך וועל ביי אים שפייזין דען אז אזא אייזול בריקעט מיט דעם פוס ווערט די מכה ניט מער אויס גיהיילט. און הט שון גיוואלט צוריק גיין הט רבי יהודה דר הערט איז ער אים אקעגין גגאנגן הט רבי יהודה צו אים גיזאגט איך וועל זייא פר קויפין. הט רבי פנחס גיזאגט עס שטייט ולפני עור לא תתן מכשול. פר אבלינדין זאלסטו ניט לייגין אשטרויכלונג אז דו וועסט איינעם דיא אייזלין פאר קויפין ברענגסט דיא דעם קונה צו איין עבירה. הט רבי יהודה גזאגט איך וועל זיי מפקיר זיין אין וואלד. הט רבי פנחס גיזאגט דורך דעם וועסטו פיל שאדינס פערשאפין. דען ווען זיי וועלין זיין אן היטערס וועלין זיי טייטין מענטשין. הט ר' יהודה גזאגט איך וועל זיי די קלאען אויס רייסין זיי זאלין ניט קענין בריקען. הט רבי פנחס גיזאגט עס איז אצער בעלי חיים דאס צו טאן. הט רבי יהודה גזאגט איך וועל זיי אום ברענגין. הט רבי פנחס גיזאגט דם טאר מען אויך ניט ווארום דו וועסט עובר זיין אויף בל תשחית. רבי יהודה הט אים זייער שטארק גיבעטין ער זאל דארט צו אים אריין גיין הט זיך צווישען זיי אויף גיהובין אבארג און הט אפ גישייד צווישען רבי יהודה און רבי פנחס. הט רבי יהודה גיוויינט און הט גזאגט אז די צדיקים זענין אזוי גרויס ביי זייער לעבין ווי גרויס זענין זיי נאך זייער טויט: (חולין ז')

53 ר' פנחס בן יאיר איז אמאל גיגאנגן אויס לייזין יודען וואס מען הט זייא גינומען גיפאנגען. איז ער צו גיקומען צו דעם וואסער גינאי האט ער ניט גיקענט אריבר גיין דורך דעם וואסער. הט ער גיזאגט צו דעם וואסער עס זאל זיך צו טיילין כדי ער זאל קענין דורך גיין. הט אים דם וואסער גיענטפערט דו גייסט טאן דם באפעל פון גאט עס איז אבער נאך ניט זיכער אויב דו וועסט פוילין און דיא יודין בעפרייען פון דעם גיפענגניש. אבער איך טוא דאך זיכר דעם בעפעל פון גאט. האט רבי פנחס בן יאיר גיענטפערט דעם וואסער אזוי באלד דו וועסט מיר ניט מאכין קיין וועג איך זאל קענין דורך גיין וועל איך אויף דיר גוזר זיין עס

זאל

זאל קיין מאל קיין וואסר דורך דיר דורך גיין . הט זיך דס וואסר גיטיילט אונ ער איז דורך גינאנגען. דר נאך הט דארט בעדארפט דורך גיין איינר וואס הט גיטראגין ווייץ אוף מצות הט ר' פנחס צו דעם וואסר גיזאגט עס זאל זיך פון דעם מענטש וועגין אוך טיילין וייל ער טוט אוך אמצוה ער וועט פון דעם ווייץ באקין מצות הט זיך דס וואסר תיכף פון דעם מענטשינס וועגין אוך גיטיילט: (חולין ז)

די מעשה וואס געפינט זיך אין מסכת בכורות

54 רבי יהושע בן חנניא האט דעם רעמישון קיסר גיזאגט אז דיא חכמי היהודים שטייען פיל העכער אין הכמה ווי די חכמים פון גריכון לאנד. אונ הט זיך אונטער גינומען דיא אלי חכמי יון מנצח צו זיין אונ זיי קיין רום צו ברענגין. ער הט מיט ערלויבנעש פון דעם קיסר גילאזט בויען אשוף פון זעכציג צימער אונ אין יעדין צימער זעכציג שטילין צו זיצען. וייל די חכמי אתונא זענין גוועז זעכציג מיט דר שוף איז ער גיקומען קיין אטהען. אין שטאט אריין גייענדיג האט ער גיזעהן אקצב איז באשעפטיגט מיט אגשאכטענעם אקס. איז דיין קאפ צו פר קויפין הט אים ר' יהושע גיפרעגט געווים איז ער צו פערקויפין הט דר קצב אים גיענפערט וואס ווילסטו פר אים הט ר' יהושע גיפרעגט. איין האלבין גולדין הט דר קצב גיענפערט. רבי יהושע הט אים גלייך דס באצאלט אונ דר קצב הט אים גיוואלט דר לאנגין דעם אקסין קאפ. אבר רבי יהושע הט אים גיענטפערט ניט דעם אקסין קאפ האב איך גיקויפט נאר דיין קאפ. איך גיי ניט פון מיין גישעפט אוועק דו מוזט מיר דיין איינענעם קאפ געבין נאר אוף דעם אופן קען איך דיך בעפרייען פון דעם גישעפט אז דו וועסט מיר ווייזן וויא דאס פערזאמלונג ארט פון דעם קלוגין סענאט. דר קצב הט אבר מורא גיהאט אים דס ארט צו ווייזן וייל עס איז גיוועזן פר באטין מיט טויט שטראפע אז קיינר זאל אפרעמדין ניט ווייזן דס ארט ווי דיא פערזאמלונג זיצט. אבר רבי יהושע הט אים גזאגט עס איז דא אלייכטע עצה דר צו נעם אבינדעל האלץ אונ טראג דס ביז צו יענעם ארט דארטין וועסטו בלייבין שטיין אזו ווי איינער וויל זיך אפ רוען אוף דעם אופן וועל איך וויסין ווי דס ארט איז הט דר קצב אזו גיטאן. ווי רבי יהושע איז אהין גיקומען הט ער גיזעהן אז ביי דעם איין גאנג פון הוז שטייט אוואך איינעווייני' שטייט נאך אוואך. אונ אויף דר בריק איז גוועזן אויס גישפרייט זאמד. האבין זיי גיזעהן אטריט אין זאמד וואס ווייזט אז איינר איז ארויס גגאנגין האבין זיי גיטייט די וואך פון איינוויינינ. האבין זיי גיזעהן אטריט וואס ווייזט אז איינער איז אריין גיגאנגין הט מען גיטייט די וואך וואס שטייט אויסנווייננג. רבי יהושע הט איין שוך אן גיטוען פר קערט אונ הט זיך גישטעלט אויף דר שוועל הט אוים גיזעהן אזו ווי איינער איז אריין אונ איינר איז ארויס. הט מען אלי וועכטר אום גיבראכט אונ רבי יהושע הט גיקענט אריין גיין אין זאל ווי דר סאנאט איז גיזעסין. דארטין זענין די יונגע מענטשין אויבין אן גיזעסין אונ דיא אלטע זענין הונטין גיזעסין. ער הט ניט גוויסט וועמין פריר צו גריסין וועט ער גריסין וואס זיצין אובין אן וועלין די אלטי פר איבעל האבין. וועט ער גריסין די אלטי וועלין יענע פאר איבעל האבין וייל זיי זיצען אויף אהעכר ארט. דארום האט ער זיי גיגריסט אלי מיט איין מאל פריד מיט אייך. דער פון הט זיך אן גיהובין אגישפרעך צווישען רבי יושע אונ די חכמי אתונא:

חכמי אתונא. וואס איז דיין בגער:

ר' יהושע. איך בין אַיודישער גילערנטער איך בין גקומן ביי אייך חכמה צו לערנען:

חכמי אתונא. ווען אזו וועלין מיר פריער אייניגע פראגין אן דיר שטעלין:

ר' יהושע. איך בין דער מיט צו פרידין. נאר אז איר וועט מיך מנצח זיין קענט איר מיט מיר טוען וואס איר ווילט. ווען איך וועל אבער אייך מנצח זיין פערלאנג איך פון אייך נאר אקלייניקייט איר זאלט ביי מיר מיטאג עסין אויף דעם שיף וואס שטייט אין האפין ביי דער שטאט:

חכמי אתונא. עס זאל אזו בלייבין נאר ענטפער אונז אויף אונזרי פראגין. איינער מאן האט גוואלט חתונה האבין מיט אמיידיל אבער זיא האט אים ניט גוואלט האט ער זיך גילאזט רעדין אשידוך אפיינירי ווי די ערשטי ווי קען דאס זיין:

רבי יהושע האט גינומין אנאגיל אונ האט גיפרובט אריין צו שלאגין הונטין אין דער וואנד ביי דער בריק אבער עס איז ניט גיגאנגין ווייל דארט זענין גיוועזן שטיינער. דער נאך האט ער דעם נאגיל העכיר אין דער וואנד אריין גישלאגין אונ ער איז גוט אריין אין דער וואנד. זעהט איר האט ער צוא זייא גיזאגט אז אמאל אנידיריגי פרויא מאכט גרעסירע אנשפרוכי ווי אהעכירי פרויא:

חכמי אתונא. איינער בארגט דעם אנדערין געלד אונ יענער וויל ניט צאלין איז גיגאנגין דער מלוה אונ האט אים נאך געלד צו גיבארגט ווי אזו איז דאס:

ר' יהושע. איינער האקט אין וואלד האלץ אונ וויל דאס האלץ נאך הויזע טראגין אבער עס איז צו שווער פאר אים צו טראגין האט ער נאך האלץ צו גהאקט אונ האט גידונגין אטרעגיר דאס גאנצי האלץ אהיים צו טראגין אזו איז מיט דעם חוב אויך אז מען בארגט צו נאך געלד אונ יענער מאכט דער מיט גוטע גיעשעפטין ביז ער איז אים שטאנד די גאנצע סומע צו בעצאלין:

חכמי אתונא. וויא איז דער מיטיל פאנגט פון דער גאנצי ערד:

ר' יהושע. דא איז דער מיטיל פונקט אונ אז איר ווילט מיר ניט גלייבין גייט אונ מעסט אייך אום:

חכמי אתונא. מיר האבין אפאליץ אויסיר דער שטאט אונ וואלטין אים גערין אין דער שטאט אריין ברענגין:

ר' יהושע. האט גינומין אהופין קלייען אונ האט צו זיי גיזאגט מאכט מיר דער פון אשטריק וועל איך מיט דעם שטריק דעם פאליץ אין דער שטאט אריין ברענגין:

חכמי אתונא. מיר האבין אצובראכיני מוהל נעה זי אונז צו זאמין:

ר' יהושע. ציהט אויס פון דער מוהל עטליכי פעדים וועל איך זי צו זאמין נעהן:

חכמי אתונא. אפעלד וואס וואקסט אויף אים סיערפן מיט וואס קען מען אפ שניידין:

ר' יהושע. מיט די הערניר פון איין איזיל:

חכמי אתונא. האט דען איין איזיל הערניר:

ר' יהושע. וואקסין דען אויף דעם פעלד סיערפין:

זיי האבין אים גיבראכט צוויי אייער אונ פרעגין אים וועלכיס איי איז פון אשווארצי הין אונ וועלכיס פון אווייסי האט ער גינומין צוויי קעזין אונ האט זייא גיפרעגט וועלכיר קעז איז פון די מילך פון אשווארצן ציג אונ וועלכיר איז פון די מילך פון אווייסי ציג:

חכמי

חכמי אתונא. ווען איינג הינדערע שטארבט אין דעם איי פון וואנין גייט ארוס די נשמה:

ר' יהושע. דורך דעם זעלבין אורט ווי זי איז אריין גיגאנגין

חכמי אתונא. וועלכי כלי אין הויז איז ניט ווערט דעם שאדין וואס זי מאכט:

ר' יהושע. א מאטראץ פון שטעקולאך וואס מען קען ניט אריין טראגין ביז מען מוז אין ברעכין דיא מויער:

יעצט האבין שון די גרויסי פילאזאפין דערקענט אז רבי יהושע שטייט העכער פון זיי אונ האבין גימוזט אן נעמין דאס איין לאדונג ביי אים אין שוף מיטאג צו שפייזן. רבי יהושע האט איטליכין איינציג ווייס אריין גיפורט אין איין שטוב אין איטליכער שטוב איז גיוועזן זעכציג שטילין האט איטליכער גימיינט אז די אנדערי ניין אונ פופציג וועלין אויך קומין. אבער ווי זיי זענין אלי אין דר שוף גיוועזן האט דר קאפיטאן בעפעל בקומין אפ צו זעגלען. רבי יהושע האט מיט גינומין ערד פון דעם דארטיגן אורט. אונ אפאס וואסער פון דר שטעלי אין ים אן גיפוילט וואס דאס וואסער האט דאס איינגעזאפט אנדערי וואסערין צו פערשלונגין. רבי יהושע האט זיי גיבראכט נאך רוים צום קיסר זייא זענין גיוועזן שטאל אונ נודיר גישלאגין. האט רבי יהושע זיי בעשפרייט מיט די ערד פון זייער לאנד זענין זיי צוריק צו זיך גיקומין. אונ האבין אן גיפאנגין צו רעדין מיט עזות געגין דעם קיסר האט ער זייא איבער גיגעבין דעם רבי יהושע ער זאל מיט זיי טוען וואס ער וויל. האט ער אריין גיטוען אין אפאס אביסיל פון דעם גיבראכטין וואסער אונ האט זיי גיהייסין אן פילין דאס פאס מיט וואסער אבער וואס זיי האבין מער גיפילט האט דאס ביסיל וואסר אלין פר שלונגין ביז זיי האבין די גאנצי כוחות פר לורין אונ זענין אום גיגאנגין: (בכורות ח)

(השמטות) דיא מעשיות פון מסכת מגילה

55 דר קעניג תלמי פון מצרים האט גיהאט אגרויסין אוצר ספרים די גרעסטי בובליאטעק אין דר וועלט. דארטין האבין זיך גיפונין ספרים פון אלי חכמות אונ וויסין שאפטין. דר אויף זעהר פון דר בובליאטעק האט גיהייסין אריסטיא. ער האט אמאל דעם קעניג אויף מערקזאם גימאכט אז עס גיפונט זיך איין בוך דאס בעסטי בוך אין דר וועלט דאס איז תורת ישראל די יודישע לעהרי אונ דאס בוך פעלט אין דר בובליאטעק. האט דר קיניג גישוקט שלוחים צו אלעזר דר כהן גדול אין ירושלים אונ האט אים גיבעטין ער זאל אים שוקין זוביציג חכמים פון ירושלים זיי זאלין קומין קיין מצרים. אונ זאלין דארטין די תורה איבער זעצין אויף גרוכיש. דר כהן גדול האט אים גישוקט זוביציג חכמים זקנים זיי זענין גיקומין קיין מצרים. אונ דר קעניג האט זיי עמפפאנגין מיט גרוס כבוד האט זיי אוטליכין אין אבזונדיר צומיר אריין גיזעצט אין דעם פאליץ וועלכי ער האט פר זיי גיבוהעט אויף דער אונזיל פאנטים. אונ דארטין האט איטליכר בזונדיר איבר גיזעצט דיא תורה אין גרוכיש אונ דר נאך אז מען האט פערגליכין די איבער זעצונגין האבין אלי גלייך גישטומט. דר פון האט מען גיזעהן אז אנעטליכיר גייסט איז אין זיי גיוועזן. דר קעניג תלמי האט די זקנים אפ גישוקט אין זייער לאנד אונ האט נאך צו גשוקט דעם כהן גדול מתנות אונ קרבנות מקריב צו זיין אין בית המקדש: (מגילה ט)

56 בשעת אחשורוש האט גיהייסין אז המן זאל נעמין דעם קעניגס פערד אונ

זיין קלייד און זאל אן טוען מרדכי און אים פירן מיט פאראד דורך די גאנצי שטאט. איז דעמאלט מרדכי געזעסן אין אזאק מיט אש און האט געלערנט מיט זייני תלמידים. הט ער דער זעהן דורך דעם פענסטער דס המן גייט צו אים הט ער גיטראכט אין הארץ דס המן גייט אים נעמין אויף הענגין. הט ער גיזאגט צו זייני תלמידים דר רשע גייט געווים אונז אום צו ברענגין אנטלופט גישווינד פון דאנין. אבער די תלמידים האבין אים גיענפערט ניין מיר גייען פון דיר ניט אוועק אפילו ווען עס זאל גיין אין אונזר גאנצן לעבין. דר וויילי איז המן אריין גיקומין אין שטיב אריין און הט אים גיזאגט ווס אחשורוש הט בפולן. נאר מרדכי הט צו אים גיזאגט ווייסט דו דען ניט אז איין מאן ווי איך ווס זיצט אין אזאק מיט אש טאר ניט אן טוען אקעניגליכין אנצוג איידער ער וואשט זיך ארום און גאלט זיך אפ ווארום דס איז אבעליידיגונג פר דעם קעניג. הט המן גימוזט פירין מרדכין אין באד אריין און הט אים אליין אפ גיוואשין און אפ גישורין. ער הט גיקלאגט און גזופצט ביי דר ארבייט. אז דר גרעסטער מיניסטער זאל יעצט דינער ווערין. אבער מרדכי הט אים גיענפערט איך האב דאך דיין פאטער גיקענט ער איז אויך גיוועז א באדביירער. דר נאך אז מרדכי הט גידארפט ארויף צו גיין אויפין פערד הט מרדכי צו אים גיזאגט איך בין שוואך און קען ניט ארויף גיין. ווס זאל איך טוען הט המן גיענפערט אין בין אויך איין אלטער מאן. אבער ער הט קיין ברירה ניט גיהאט הט ער זיך געביך גימוזט איין בייגין מרדכי איז אויף אים ארויף גיטרעטין און איז ארויף גיגאנגין אויף דעם פערד: (מגילה טז)

57 די ישראל זענין גיגליכין צו שטערין און צו שטויב. אין איין אורט שטייט זיי וועלין זיין אזו פיל ווי די שטערין אין הימל. און אין איין אנדער אורט שטייט זיי וועלין זיין ווי דר שטויב אויף דר ערד ווען די ישראל שטיין הויך זענין זיי הויך ביז צו די שטערין און ווען די ישראל שטיין נודריג זענין זיי נודריג ביז צוא דעם שטויב: (מגילה טז)

58 עס שטייט אין דר תורה דו ווערסט טאפין אין העלין טאג אזו ווי דער בלונדער אין דר פונצטערניש. רבי יוסי הט ניט גיקענט פר שטיין. ווס איז דעם בלונדין איין אונטערשיד אוב עס איז לעכטיג אדער פונסטער. אדר דורך אצופאל איז אים דר פסוק ערקלערט גיווארין. ער הט גיזעהן ווי אבלונדר הט גיטראגין ביי נאכט אלאטערני. הט רבי יוסי אים גיפרעגט צוא וואס בדארפסטו איין לאטערני הט דר בלונדר גיענפערט צו רבי יוסי איך דארף די לאטערני ניט פאר מיר נאר פר אנדרי זיי זאלין מיך ניט אן שטוסין און אז איך קום צו אגריב וועלין זיי מיך ניט לאזין אריין פאלין. יעצט פר שטיי איך דעם פשט פון דעם פסוק ווי אבלונדר אין דר פונצטערניש: (מגילה כד)

מעשה פון מסכת כלה

59 רבי עקיבא איז אמאל גיגאנגין אויף דעם בית עולם. הט ער דארט גיטראפין אמענטש אין סאדזע איין גישמידט טראגט אויף זיך אבינטל האלץ און לויפט ווי אפערד. רבי עקיבא הט אגשריי גיגעבין צו אים ער זאל בלייבין שטיין. דר מאן איז גיבליבין שטיין. און רבי עקיבא הט אים גיפרעגט פר ווס מוזט דו אזו שווער און ביטער ארבייטין בוסט דוא אקנעכט זאג מיר ווער איז דיין הער

וועל

וועל איך דיך אום לייזען ביסטו איין ארומאן וועל איך דיך רייך מאכן הט דער מענטש צו אים גזאגט איך בין שון ניט קיין לעבדיגר. איך בין שון לאנג גשטארבן אלי טאג מוז איך אליין צו זאמן נעמען האלץ אונ מען פר ברענט מיך אין פייער הט רבי עקיבא צו אים גיזאגט זאג מיר ווס איז גיוועןדיין גישעפט אוף דר וועלט. הט אים דר מענטש גיענטפערט איך בין גיוועןן איין אקציז פאכטיר די רייכי האב איך גישאנעוויט אבר פון די ארומע האב איך דיא הויט אראפ גיצוגין אונ האב גרוסי עבירות גיטאן. הט רבי עקיבא אים גיפרעגט האסטו ניט אמאל גיהערט פון דייני שופטים אז עס איז נאך דא פר דיר אהאפענונג פון דייני שטראפן בעפרייט צו ווערין. האט דער מענטש גיענטפערט איך האב גיהערט אז עס איז דא איין האפענונג פר אזונדיגן פאטר ווען ער לאזט איבער אזון וואס לערונט תורה אונ זאגט אין שול יתגדל ויתקדש שמיה רבא. אזא זון קען דעם פאטר העלפין. הט רבי עקיבא אים גיפרעגט האסטו אוף דר וועלט איבר גילאזט אזון. האט דער מענטש גיענפערט בשעת איך בין גישטארבן איז מיין ווייב גיוועןן מעוברת איך ווייס נישט אוב זיא הט גיהאט איין זכר אדר אנקבה. אונ ווען אפילו אזכר וועט ווער מיט אים תורה לערנין. הט רבי עקיבא צו אים גיזאגט זאג מיר ווי הייסטו ווי הייסט דיין ווייב ווי הייסט די שטאט ווי דו האסט גיוואנט. הט דער מענטש גיענפערט מיין נאמין איז עקיבא מיין ווייב הייסט שושמירא אונ די שטאט הייסט אלדיקא. פון דר צייט הט רבי עקיבא גירייזט פון לאנד צו לאנד פון שטאט צו שטאט ביז ער איז גיקומין אין דר שטאט אלדיקא. הט רבי עקיבא זיך ביי דיא שטאט לייט ערקונדיגט ווענין דעם מענטש עקיבא האבין אלי אים גישאלטין. ער הט גיפרעגט ווי וואנד זיין ווייב האבין זיי אוך זיא גישאלטין ער איז קוים צו דעם ווייב פון דעם גישטארבענים גיקומין ער הט ביי איר גיטראפין אקינד נאך ניט גימלית הט רבי עקיבא אים מל גיוועןן אונ הט מיט אים גילערונט תורה. בענטשין לייענען קריאת שמע אונ דאווינין ביז ער איז גיגאנגין אין שול אריין אונ הט גזאגט פר אלי מענטשין ברכו את ה׳ המבורך. דער מאן איז צו אים גיקומין אין חלום אונ הט אים גיזאגט אז ער הט אים בעפרייט פון גיהנם דורך דעם וואס זיין זון לערונט תורה אונ זאגט קדיש אין שול; (מסכת כלה פ״י)

60 עס איז אמאל גשטארבין אקינד ביי ר׳ יוחנן בן זכאי זענין זייני תלמידים ר׳ אליעזר. ר׳ יהושע. ר׳ שמעון. אונ ר׳ אלעזר גיקומען אים טרייסטין. ר׳ אליעזר הט אים גיזאגט אוך ביי אדם הראשון איז דער זון גשטארבין אונ ער הט זיך גיטרייסט בדארפסט דו דיך אוך טרייסטין. האט אים ר׳ יוחנן גענטפערט ניט גינוג איך האב מייני צרות. דר מאנסט דו מיך די צרות פון אדם הראשון. ר׳ יהושע הט אים גזאגט איוב הט גיהאט זון אונ טעכטר אונ אלי זענין אים גשטארבין אין איין טאג. הט אים ר׳ יוחנן אוך דאס זעלבי גיענטפערט. ווי ר׳ אלעזר הט גיהערט די אנטווארטין פון ר׳ יוחנן. הט ער אים גזאגט איך וועל דיר זאגין אמשל אקעניג הט אמאל איינעם גיגעבין צו בעהאלטין אטייערי זאך דר מענטש הט דם שטארק גיהוטין אונ דארויף זייער אכטונג גגעבין עס זאל ניט פר דארבין ווערין ווי דר קעניג איז גיקומען אפ נעמין די זאך הט דר מענטש זייער הנאה גיהאט ווס מען נעמט שוין אפ ביי אים דם פקדון דען ער האט מורא גיהאט עס

קען

קען נאך פר דארבן ווערין. אזו איז אויך ביי דיר נאט האט דיר איבר גיגעבן אפקדון דיין זון דו האסט אים אפ גיהוט אונ האסט אים גוט ערצויגן ער זאל ניט זיין אפרדארבנר מענטש אונ ער איז גוועזן זייער גוט אונ פרום וואל איז דיר אז דו האסט איבר גיגעבן דעם קעניג נאט דם פקדון אן אפעלער גאנץ ריין:

## לעבענס בעשרייבונגען פון תנאים ואמוראים

### בעשרייבונג פון רבי אליעזר דער זון פון הורקנוס

61 הורקנוס איז גוועזן איינר פון די רייכסטי יודין. ער הט גיהאט עטליכי זון איינר פון זיי הט גיהייסן אליעזר. די אלי קינדר זענין גיוועזן ערד ארבייטר פראסטי פוירין. זייער גאנצר ציעל איז נאר גיוועזן זיך רייכונג צוא שאפין. פון דר תורה האבין זיי נאר ניט געוויסט אונ האבין אויך פיינד גיהאט אתלמיד חכם. נאר אליעזר חאטשי ער הט ניט גיהאט קיין גילעגענהייט ווי תורה צו לערנן וייל ער הט גימוזט ארבייטין אין פעלד גלייך מיט אלי ברידר פון דעסט וועגין פלעגט ער דאך מעהר מאל זיצין פערטראכט אונ קלערין. זיין גייסט האט שטענדיג גישוועבט אין אהעכירי וועלט ער איז ניט גוועזן בשאפין צו אזעלכי נידריגע ארבייט. דרום האבין די ברידר אים זייער פיינד גיהאט אונ פלעגין אים אן טאן גרויסי צרות זיי האבין אים גיגעבן צו ארבייטין אין די ערגסטי ערטער אונ פר זייער פאטר פלעגין זיי אים פר מאסערין דם ער וויל ניט ארבייטין ער איז פויל. איין מאל האבין די ברידר גיאקערט אין טאל אונ אים האבין זיי גיהייסן אקערין אוף דעם בארג אבר באייד הט זיך די קיה וואס ער הט מיט איר גיאקערט פערטשעפעט אין אשטיין אונ איז גיפאלין אונ הט זיך אפוס צו בראכין. דא הט ער שון גיזעהן זיין פסק וואס ער וועט האבין זיין פאטר וועט אים דאך געוויס גוט באשטראפין אונ זייני ברידר וועלין אים נאך גרויסי צרות אן טאן. האט ער זיך מיישב גייוען דם יעצט איז פר אים בעסער ער זאל איין מאל פראלי מאל אוועק וואריפין דם גימייני לעבין אונ זיך נעמין צום לערנין ער הט גילאזט שטיין די קיה מיט דעם אקער אונ איז אנטלאפין קיין ירושלים אונ איז אריין אין בית המקדש אין דר ישיבה פון רבי יוחנן בן זכאי. זייני ברידר האבין גזעהן אז זייער ברודר אליעזר איז ניט דא זענין זיי באלד גילאפין צום פאטר אונ האבין אים דר ציילט אז אליעזר איז גוואהרין אהולטייא אונ איז אנטלאפין צו טאן אלעס בייז הט דער פאטער אים מעביר נחלה גיוועזן ער זאל נאך זיין שטארבין קיין חלק ניט האבין אין זיין פארמעגין:

רבי אליעזר הט זיך גינומען מיט גרויס התמדה צום לערנען. ער איז גוועזן אזו פארטיפט אין תורה דם ער הט פר געסין צו עסין גאנצי טעג פלעגט ער ניט צו עסין ער הט גילעבט מיט דעם חיות פון דר תורה אבר דורך דעם איז זיין פנים גוואהרין אפ גימאגערט אונ אריח רע הט זיך גיהערט פון זיין מויל. רבי יוחנן זיין רבי הט זיך ערקינדיגט נאך דר סבה אז ער לייט הונגער. האט ר' יוחנן צו אים גיזאגט אזו ווי עס הערט זיך דר שלעכטר גראך פון דיין מויל וועגן דיין חשק אין דר תורה אזו זאל דער ריח התורה גיהערט ווערין וייט אונ בריט אונ דיין נאמען זאל קלינגען אין דר גאנצער וועלט:

רבי אליעזר איז אלי מאל גיווארין מער למדן אונ זיין פאטר הט ניט גיוויסט

ווי ער איז. איין מאל איז הורקנוס גיקומען קיין ירושלים אום גירעכט אן צו צייגין דס זיין זון אליעזר איז פון אים אנטלאפין אונ ער הט אים מעביר נחלה גוועזן אז ער הט קיין חלק ניט מעהר אין דר ירושה. רבי יוחנן בן זכאי הט דר פון גיוויסט הט ער ניט גוואלט דעם הורקנוס איבר ראשין מיט אשמחה ער זאל פליצלונג וויסין ווער זיין זון איז. הט ער גיהייסין זיין תלמיד רבי אליעזר ער זאל זיך אן גרייטין צו אדרשה. צו דר דרשה הט רבי יוחנן איין גילאדין אלי גרויסי לייט פון ירושלים אוך הורקנוס איז גוועזן צווישען זיי:

רבי אליעזר הט גיהאלטין זיין דרשה פר אלי גרוסי לייט אונ פינקין פייער הט גיפלויגין פון זיין מויל. ער הט בוויזין זיין גרויס חכמה אין דר תורה אונ אלי צו הערער האבין גיהאט פון זיינע רייד פערגניגן. הורקנוס איז גישטאנען ווי צו מישט אזו ווי אין חלום ער הט ניט גיגלייבט זיינע אייגינע אויגין. ער הט דר קענט זיין זון אליעזר אבר ער הט דאך ניט גוואלט גלייבין אז ער זאל אזו גרוס ווערין אין חכמת התורה אבר דר נאך הט ער מיט גיפאסט אונ איז צו גינאנגין צו רבי יוחנן בן זכאי אונ הט גזאגט איך בין גיקומען מיין זון אליעזר מעביר נחלה זיין. יעצט גיב איך אים אפ מיין גאנץ פרמעגין אונ זייני ברידר זאלין גאר ניט האבין אבר רבי אליעזר הט ניט גיוואלט דס אן נעמין אונ הט גזאגט צום פאטר איך וויל ניט אן רירין אפילו ווס אפאדים איז ווערט זייער חלק זאלין זיי נעמין ווס צו זיי גיהערט:

רבי אליעזר איז גיווארין זעהר באריםט אונ דר נשיא ר' שמעון בן גמליאל הט אים גיגעבן זיין טאכטר אימא שלום פר אווייב. נאך דעם חורבן בית המקדש איז ער גנאנגין מיט זיין רבי ר' יוחנן בן זכאי קיין יבנה. דארטין הט ר' יוחנן גיפירט זיין ישיבה אונ רבי אליעזר איז גיוועזן פון די גרעסטי תלמידים. אויף אים הט ר' יוחנן גיזאגט דאס ער איז בור סוד שאינו מאבד טפה. ער איז איין אום גיקאלעכטר גריב ווס עס ווערט ניט פאר לוירין פון אים קיין טראפין וואסער. וואס ר' אליעזר הט גילערנט הט ער אלץ גידענקט ער הט קיין ווארט ניט פאר געסין. נאך רבי יוחנ'ס טויט הט ער גיפירט איין אייגינע ישיבה אין דר שטאט לוד. נאר ער הט אוך גיהערט צו די סנהדרין ווס איז גיוועזן אין יבנה. זיין שוואגר רבי גמליאל איז דעמאלט גיוועזן דר נשיא פון די סנהדרין. באלד איז צווישין זיי גיווארין אגרוס מחלוקת. די חכמים האבין זיך גיקריגט וועגין אדין אין טומאה וטהרה אלי האבין גיזאגט טמא אונ ער הט גיזאגט טהור. אונ וויל דס גזעץ איז דס ביי אמחלוקת פון אדין מוז מען טאן וויא רוב דעות. אונ רוב דעות האבין גיזאגט טמא האט רבי אליעזר גידארפט נאך געבין. ער איז אבר גיוועזן איין גשפארט אונ הט ניט גיוואלט נאך געבין הט מען אים אין חרם ארין גילייגט. פון דר צייט אן האט ער גילעבט אפ גיזינדערט פון אלי חברים נאר אז ער איז קראנק גיווארין זענין זייא צו אים גיקומען מבקר חולה זיין ער הט גיהאט גרויסי יסורים הט ער גיזאגט צו זיי אגרויסר צארין פון גאט איז גיקומען אויף דר וועלט אונ דר צארין איז גיווארין אויף מיר אויס גיגאסין. האבין זיי אלי אן גיהויבין צו וויינען נאר רבי עקיבא הט זיך גיפרייט. האבין זיי גיזאגט צו רבי עקיבא די ספר תורה איז אין צער אונ דו פרייסט דיך הט רבי עקיבא גיענטפערט דריבר פרייא

איך

איך מיך. דען אז איך האב געזעהן אז אונזער רבי איז גליקליך האב איך גירעכנט אז מען הט אים שון זיין שכר אפ גיגעבין אויף דר וועלט. אבער יעצט אז איך זעה דס ער הט יסורים בין איך זיכער דס זיין שכר איז אן גבריים פר אים אין גן עדן. הט רבי אליעזר גיזאגט האב איך עפיס פר פעלט פון דר היילגע תורה וואס איך האב ניט גיהיטין. הט רבי עקיבא צו אים גיזאגט דו האסט אונז אליין גיזאגט אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא. עס איז ניט דא אצדיק אויף דר וועלט וואס ער זאל טאן גוטס אונ ניט זינדיגן. זייא האבין ביי אים גילערינט גאר זייער פיל הלכות אין טומאה וטהרה. אונ ווי ער הט גיזאגט אויף דר לעצטער שאלה טהור איז ארויס זיין היילגע נשמה. אלי האבין צו ריסין די קליידער אונ רבי אליעזר בן עזריה הט גזאגט ריין איז ער אונזער רבי ריין קומט ער אויף יענער וועלט זיין נשמה איז ארויס בטהרה. אונ רבי יהושע הט גיזאגט דר חרם איז אפ גשאפט. מער פון אלי הט גיקלאגט אונ גיוויינט רבי עקיבא אונ הט גזאגט אויף אים א גרויסין הספד. רבי אליעזר פלעגט צו זאגין טוא תשובה איין טאג פר דיין טויט. האבין די תלמידים אים גיפרעגט פון וואנען וויסט אמענטש ווען ער וועט שטארבין הט ער זיי גיענטפערט אז טאקי דורך דעם וייל אמענטש קען ניט וויסין ווען ער וועט שטארבין דרום זאל ער אלי טאג תשובה טאן:

בעשרייבונג פון בנימין הצדיק

62 בנימין הצדיק איז גיוועזן אגבאי פון צדקה. איין מאל איז גוועזן אגרויסער הונגער אין שטאט. איז גיקומן איין ארימע פרויא צו אים בעטין ער זאל זיא אונטער שטיצין. הט ער איר גיענטפערט אז אין דר צדקה איז קיין גראשין ניט דא. אבער די פרויא הט אן גיהויבין שטארק צו וויינען אז זיא וועט מיט זיבן קינדער שטארבין פר הונגער ווען ער וועט איר ניט אונטער שטיצין. הט ער אויף איר רחמנות בקומין אונ הט זיא אונטער גישטיצט פון זייני קעשינע ווי פיהל זיא הט נידארפט. איין מאל איז בנימין הצדיק קראנק גיווארין אונ איז גיווארין צום שטארבין איז גיקומען די ארומע פרויא אונ הט אן גיהויבין צו שרייען צו גאט. רבונו של עולם דר וואס איז מקיים איין נפש פון ישראל איז אזוי ווי מען האלט אויף די גאנצע וועלט אונ בנימין הצדיק הט מיך דערנערט מיט מייני זיבן קינדער פר וואס זאל ער שטארבין. הט גאט די תפלה צו גיהערט אונ בנימין הצדיק הט נאך גילעבט צוויי אונ צוואנציג יאר:

בעשרייבונג פון הלל הזקן

63 הלל איז גיוועזן פון בבל. גיקומין איז ער קיין ירושלים גאנץ ארום. אין דר צייט זענין גיוועזן די ראשי הסנהדרין שמעיה אונ אבטליון זיי האבין גימאכט אתקנה מען זאל האלטין צו גישלאסין דס בית המדרש איז גישטאנין אוועכטיר ביי דר טיר אונ הט קיינים ניט אריין גילאזט. הלל הט גימוזט ביי טאג ארבייטין איין העלפט הט ער גיהאט פר זיך צום עסין. די צווייטע העלפט הט ער גיגעבין דעם וועכטיר ער זאל אים אריין לאזין אין דעם בית המדרש. איין מאל הט הלל דעם טאג ניט פערדינט הט דר שומר אים ניט אריין גילאזט אין בית המדרש איז ער ארויף אויף דעם דאך אונ הט דעם קאפ אריין גילייגט אין פענסטיר צו הערין תורה פון שמעיה אונ אבטליון דס איז גיוועזן אין מיטין ווינטער. דריי איילין

שניי

שניי איז אוף אים אן גיפאלין ער איז שון כמעט גילעגין אן איין נשמה. אין דער פריא זענין גיקומין שמעיה אונ אבטליון האבין זיי גיזעהן אז עס איז טונקיל. הט איינער גיפרעגט דעם אנדרין וואס איז די מעשה וואס עס איז פונסטער האבין זיי גוט אן גיקוקט אונ האבין דר זעהן אמענטש גיזוכט האבין זיי גישוקט מענטשין מען הט אים אפ גירומט דעם שניי הט מען גיפונין דעם הלל ליגין האלב טוט. מען האט אים אריין גיברענגט אין דעם בית המדרש האט ער זיך אן גיווארומט ביז ער איז צו זיך גיקומין:

דאס עניוות אונ זיין געדולד אונ זיין הערצענסגוטע פון הלל איז גאר אן בעשרייבליך. ער איז אין זיין לעבין ניט גיוועזן אין כעס. איין מאל האבין זיך גיוועט צוויי מענטשין אז דר וואס וועט קענין הלל בייז מאכין וועט באקומין פיר הונדערט גולדין עס איז גיוועזן ערב שבת פר נאכט הלל האט זיך ארום גיוואשין לכבוד שבת. איז גיקומין דר מאן וואס הט זיך גיוועט אונ הט זיך גישטעלט ביי די טיר אונ הט גישרוגין ווער איז דס דא הלל. ווער איז דס דא הלל. הלל האט זיך איין גיהולט אין אמאנטיל אונ איז צו אים ארוס וואס פערלאנגסטו מיין קונד הט הלל דעם מאן גיפרעגט. איך האב דיך צו פרעגין אגרויסי שאלה האט יענער גיענפערט פר וואס זענין די קעפ פון די איין וואנער פון בבל קיילעכדיג. הט הלל גיענפערט אגרויסי שאלה האסטו גיפרעגט מיין זון וייל זיי האבין ניט קיין קלוגע אונ גישוקטע העבאמעס (באבים). דר מאן איז אוועק גינאנגין אין אפאר מינוט איז ער ווידער צוריק גיקומין אונ הט גירופין ווער איז דס דא הלל ווער איז דאס דא הלל. איז ער ווידר ארוס אונ הט אים גיזאגט וואס פערלאנגסטו מיין זון. הט יענער גיזאגט איך האב אגרוסע שאלה צו פרעגין פר וואס זענין די אוגין פון די תלמודים שוואך אונ קרוב. הט הלל אים גיענפערט וייל זיי וואנין אין זאמדיגע ערטער. דער מאן איז אוועק אונ איז אין אפאר מינוט ווידער גיקומען אונ האט גירופין ווער איז דא הלל ווער איז דא הלל. הלל איז ארוס אונ הט אים גיזאגט וואס פערלאנגסטו מיין זון הט דער מאן אים גיזאגט איך האב אוויכטיגע שאלה צוא פרעגין פר וואס די פוס פון די אפרוקאניר זענין ברייט. הט הלל אים גיענפערט וייל זיי וואנין צווישן זומפן אונ בלאטים. הט דער מאן צו אים גיזאגט איך האב נאך פיל שאלות צו פרעגין נאר איך האב מורא דו זאלסט ניט בייז ווערין. הלל הט אים גיענפערט אלי שאלות וואס דו האסט מעגסטו פרעגין. הט יענער גיזאגט צו הלל ביסטו דר נשיא פון ישראל קיין סך זאלין ניט זיין אזוי ווי דו ביסט. הט אים הלל גיפרעגט פר וואס מיין קינד וואס פר אשלעכטס האב איך דיר גיטאן. האט ער אים גיענפערט וייל איך האב דורך דיר אן גיווארען פיר הונדערט גולדין. אבער הלל הט צו אים גיזאגט זיי וייטער פארזוכטיג עס איז כדאי אז דו זאלסט פערלירן נאך דריי מאל אזו פיל אונ הלל זאל ניט ווערין אין כעס:

בעשרייבונג פון הילני המלכה

64 הילני המלכה איז גיוועזן אגעצען דינערין אונ זיא איז איבר גיגאנגן מיט אירע קינדער צום יודענטים. איר מאן הט גיהייסן מונבז קעניג פון אדאבני ביי דעם גרויסן טייך חדקל. זיין וייב הילני האט אים גיבוירן עטליכע זון דער יונגסטיר הט גיהייסן אוצאטוס. אים האבין די עלטערין ליבר גיהאט פון אלי

סינדר

קינדר און ווייל די עלטרין האבין ניט גיוואלט דר וועקין קיין קנאה און שנאה אין הארץ פון זייני ברידער אוף אים האבין זיי אים אוועק גישוקט צו איין אנדערין קעניג איינעם פון זיי אבעקאנטין ער זאל אין קעניגליכין הויז ערצויגין ווערין. דר קעניג הט אויך גיהאט אשיינע טאכטער. די צוויי יונגע מענטשין האבין זיך גיליבט און האבין גיהיראטעט. אין דר זעלביגר צייט איז דארטין גיקומין איין יוד ער הט גיהייסין חנניה. דער חנניה הט גיהאט איין גאנג אין דעם קעניגליכין הויז. ער הט גילערונט פר די טעכטיר פון דעם קעניג דיא יודישי אמונה מיט אלי אירע שענהייט און פראכט. און מיט דר קראפט פון זייני רייד הט ער אין זיי ארייין גיגעבין די ליבע צו דער יודישי אמונה. אוצטעס ווייב איז אויך גיוועזן איינע פון די וואס האבין גילערונט ביי חנניה די יודישע אמונה. זיין הארץ איז אויך גיווארין אן גיצויגין צו חנניהס רייד און ער הט מיט אים פיל פעברראכט און הט זיך ענטשלאסין מגייר צו זיין. און דר זעלביגי צייט איז גיקומין איוד אויך אין דעם קעניגליכין הויז פון מונבז. אין הט דס הארץ פון די קעניגין הילני צו גינייגט צום יודישין דת. אוצאטעס הט דר פון נאר ניט גיוויסט דער קעניג מונבז הט בדארפט צו שטארבין הט ער גילאזט אצואה דס אוצאטוס זאל ירשינען די מלוכה ווי ער איז גישטארבין זענין גיקומין די מיניסטארין צו דער קעניגין און האבין איר גיגעבין איין עצה מען זאל אלי פרונציו אום ברענגין כדי אוצאטעס זאל קענין זיכר זוצין אוף דר כסא המלוכה. אזו ווי דער מנהג איז ביי די ווילדי פעלקר. אבער די קעניגין איז שון גיוועזן צו פיל בקאנט מיט די יודישי גיזעץ הט זיא ניט גיוואלט טוען אזא אכזריות נאר זיא הט די פרונציו ארייין גיזעצט אין גיפענקעניש כדי זיי זאלין ניט שטערין איר זון אוצאטעס די מלוכה אן צו נעמין אבער איר עלטרין זון מונבז הט זיא די פרייהייט גיגעבין און הט אים גימאכט פר דעם שטעל פערטרעטיר ביז וואנין דר ברודר וועט קומין. אז אוצאטעס איז אהיים גיקומין איז ביי אים גיוועזן גירעכונט פר איין אכזריות וואס די מוטער הט זייני ברידר אין גיפענקעניש ארייין גיזעצט. ער הט זיי באלד פריי ארוס גילאזט און הט זיי גישוקט אין די קעניגליכי הייזיר דארט צו זיצין:

ער הט גיוואלט אין גאנצין צום יודענטום איבר גיין און זיך לאזין מל זיין נאר די מוטער הט אים דר צו ניט צו גילאזט ווייל זיא האט מורא גיהאט דס דיא פאדאנים זאלין ניט מורד זיין אן אים אויך זיין לעריר חנניה הט אים גיזאגט אז די מילה איז ניט די הופט זאכי פון דעם יודישקייט ער קען הייסין איוד אפילו אן מילה. אבער נאך דעם איז דארט גיקומין איין אנדערער יוד פון ארץ ישראל און הט גיטראפין דעם קעניג זוצידיג און לערנין אין תורת משה הט ער גיזאגט צום קעניג. עס איז ניט גלייך צו זיין און נעמאליט דען ניט מיט לערנין די תורה אליין איז איוד יוצא זיין שולדיקייט נאר ער מוז היטין צו טוען די מצות וואס שטיין דארין גישריבן. דער קעניג הט זיך ניט מער גיקענט איין האלטין און האט זיך גילאזט פון דעם יוד מל זיין. קיינער הט דר פון ניט גוויסט. נאר דר נאך אז אלי מיניסטארין האבין אן גינומין די יודישי אמונה האבין פיל שרים גישוקט צו דעם אראבישין קעניג אז ער זאל קומין מלחמה האלטין מיט זייער קעניג אוצאטוס

און

און זיי וועלין אים העלפין . אבער גאט האט אים גיהאלפין און ער האט מנצח גיוועזן אלי זייני פיינד :

די קעניגין הילני הט חשק גיהאט אוף דר עלטר צו פארין קיין ירושלים , זיא הט מיט גינומין איר זון מונבז און אוצאטעס הט מיט גישוקט זייני פינף זון זיי זאלין לערנין תורה אין ירושלים . איר קומין קיין ירושלים איז גיוועזן אגליק פר דיא יודין . דען דעמאלט איז גיוועזן אגרוסער הונגר אין ירושלים האט זיא אוף גיקופט תבואה אין אלכסנדריה און פייגין אוף דער אינזיל ציפערין און האט גיטיילט די ארומע לייט אויך הט זיא גישענקט אין דעם בית המקדש א גילדענים לייכטיר און א גאלדעני טאוויל וואס די פרשה סוטה איז דארוף גישריבין אויך איר זון מונבז הט גיגעבין די גאלדיני הענטליך צו די כלים . ווען ער איז גיווארין קעניג נאך זיין ברודרס טויט הט ער צו טיילט אלי אוצרות פר די ארומע לייט . האבין די מיניסטארין צו אים גיזאגט דייני עלטרין האבין גיזאמילט אוצרות און דו צו רויבסט זיי . הט ער זיי גיענפרט מייני עלטרין האבין גיזאמילט אוצרות אונטן איך זאמיל אוצרות אובין . מייני עלטרין האבין גיזאמילט אוצרות אין איין ארט ווי די האנד קען צו קומין איך זאמיל אוצרות ווי די האנד קען ניט צו קומין . מייני עלטרין האבין גזאמילט אוצרות וואס טראגין ניט קיין פרוכט און איך זאמיל אוצרות וואס טראגין יוא פרוכט . מייני עלטרין האבין גיזאמילט פר דער וועלט און איך זאמיל פר עולם הבא :

הילני המלכה איז צוריק גיקערט נאך איר לאנד און הט זייער לאנג גילעבט דען אוצאטום איר יונגסטיר זון איז אלט גיוועזן אז ער איז גישטארבין פינף און זובציג יאר און זיא הט נאך דעמאלט גילעבט . אז זיא איז גישטארבין הט דער קעניג מונבז גישוקט אירע ביינר און די ביינר פון זיין ברודר אוצאטעס אז מען זאל זייא קובר זיין אין ארץ ישראל אין דעם קבר וואס זיא הט פר זיך גיגראבין אכצעהן הונדערט פוס וייט פון ירושלים :

## בעשרייבונג פון ר׳ יהושע בן חנניה

65 רבי יהושע בן חנניה איז גוועזן פון די לוים וואס האבין גיזינגען אין בית המקדש ער איז גוועזן אגרויסר מאן . אבר ער הט זיינע קעניג-שאפט ניט בעניצט צום לעבענסמיטול . ער איז אליין גוועזן אבעל מלאכה אשמיד . אין דינים איז ער גוועזן אגרויסר מקיל . און הט זיך גיהיט נייע חומרות ארוף צו לייגין אוף דעם פאלק . נאך דעם חורבן הבית האבין זיך גיבילדעט אכתה פון פרומי מענטשין וואס האבין גוואלט גוזר זיין מען זאל מער קיין פלייש ניט עסין און קיין ויין ניט טרינקין וייל עס זענין בטל גיווארין די קרבנות און נסוך היין . האט רבי יהושע גיזאגט צו זייא אוף דעם אופן טאר מען דאך קיין ברויט אויך ניט מער עסין וייל עס זענין בטל גיווארין די מנחות . מען טאר קיין וואסר ניט טרינקין וייל עס איז בטל גיווארין נסוך המים . נאר מען טאר ניט גוזר זיין אגזירה אוף אציבור וואס דם רוב צבור קען ניט אויס האלטין די גזירה :

דער קיסר הדרינוס הט ערלויבט די יודין זיי זאלין בויען דם בית המקדש

אבר די שמרונים די אלטי פיינד פון די יודין האבין זיי פר מיאוסט ביי דעם קיסר הדרינום דס זיי וועלין מורד זיין אן אים. האט ער צוריק גינומן דעם דערקרעט זעניך די יודין זייער אויף גיבראכט גיוואריג אונ האבין גיוואלט מאכין ארעוואליציע. הט מען גישיקט צו זיי רבי יהושע בן חנניה ער זאל זיי איין שטילין. הט רבי יהושע צו זיי גיזאגט איך וועל אייך זאגין אמשל אלייב הט אמאל צוריסין אבהמה אונ זיא אויף גיפרעסין הט זיך אים גישטעלט אביין אין האלדז ניט ער הט גיקענט אראב שלינגען ניט אום שפייען. הט ער אויס גירופין ווער עס וועט קענין דעם ביין פון דעם האלדז ארויס נעמין דער וועט גוט בעלוינט ווערין. איז גיקומען אבאטשאן הט ארייין גישטעקט דעם שנאביל אין האלדז פון דעם לייב אונ האט דעם ביין ארויס גינומן נאך דעם הט דר באטשאן פערלאנגט בעלוינונג. הט דר לייב צו אים גיזאגט דו האסט שוין אגרויס בעלוינונג אז דו ביסט גיוועזן אין אהאלדז פון אלייב אונ ער הט דיך ניט אויף גיפרעסין אזו זענין מיר אויך מיר דארפין גאט צו דאנקין אז מען לאזט אונז לעבין:

ווי שיין זיין גאסט איז גיוועזן אין תורה אונ אין חכמה אזו מיאוס איז גיוועזן זיין גיזיכט. דעם קיסרס טאכטער הט צו אים אמאל גיזאגט שייני וויסענשאפט אין אפאסקיני כלי. האט רבי יהושע צו איר גיזאגט זאג מיר אין וועלכי כלים האלט מען וויין ביי דיין פאטער. הט זיא גיענטפערט אין ליימיני כלים. הט רבי יהושע צו איר גיזאגט אלי האלטין אין ליימערני כלים אונ ביי דיין פאטער אויך אין ליימערני כלים ביי אקעניג פאסט מען זאל דעם וויין האלטין אין זילבערני אדר גילדיני כלים. איז גיגאנגין די פרינצעסין אונ הט גיהייסין מען זאל דעם וויין איבר גיסין אין גילדיני כלים אבר באלד איז דר וויין זויער גיווארין איז זיא גיקומן צו רבי יהושע אונ הט אים פאר גיווארפין פר וואס ער הט זיא גיהייסין ארייין גיסין דעם וויין אין גילדיני כלים הט ער גזאגט יעצט זאלסטו וויסין אז מיט דר חכמה איז אויך אזו זיא קען זיך נאר איין האלטין ניט ביי אשיינעם מענטש. אין זיינע עלטערי יאהרין זענין ארויס נאך גרעסרי גזירות אויף יודין אונ רבי יהושע איז גיפארין קיין אלכסנדריה צום קיסר אים בעטין ער זאל די גזירות מבטל זיין אבר עס הט ניט גיהאלפין אונ פון גרויס קרענקונג איז ער גישטארבין:

בעשרייבונג פון רבי יהודה הנשיא ווס מען הט אים גירופין רבי אונ רבינו הקדוש:

66 רבי יהודה הנשיא דער מחבר פון משניות איז גיוועזן איינר פון די גרעסטי שטערין ווס לייכטין אויף דעם יודישען הוימיל. די חכמים האבין אויף אים גיזאגט אז פון משה רבינו ביז רבי איז ניט גיוועזן תורה אונ גדולה אויף איין ארט ער איז זייער רייך גיוועזן. ביז עס איז גיוועזן אשפראך ווארט אז דר שטאל מיינסטער פון רבי איז גיוועזן רייכר פון דעם מלך פרס זיין פאטר רבי שמעון בן גמליאל דר צווייטר איז גיוועזן אנשיא פון די סנהדרין אונ בשעת רבי איז גיבורין גיווארין זענין די יודין זייער אומגליקליך גוועזן שרעקליכע גזירות הט די רעמישע ממשלה גוזר גיוועזן אויף יודין זיי זאלין ניט האלטין די תורה ניט הוטין שבת אונ ניט מל זיין די קינדר. אבר דר נשיא ר' שמעון הט דארויף ניט גיקוקט הט מפקיר גוועזן זיין לעבין וועגין דר היילגי מצוה אונ הט זיין זון מל גיוועזן. די זאך איז באלד גיוואר גיווארין דעם רעמישר גובערנער. הט ער תפוס גינומן דעם נשיא מיט זיין

ווייב

וייב מיט דעם גיבוירענעם קינד אונ הט זיי גיבראכט קיין רום דר קיסר אליין זאל זאגין זיין משפט אוף אים וייל דער גובערנער הט ניט גיהאט קיין מאכט אמשפט צו זאגין אוף אזוי אגרויסין מאן ווי רבי שמעון. דס וייב פון דעם נשיא איז בעקאנט גיוועזן מיט דר קייזערין. זיא איז צו איר גיקומן הט איר דר ציילט דס אומגליק איז איר גיפאלין צו די פיס מיט טרערין אונ וויינען אז זיא זאל אויף איר רחמנות האבין אונ זאל איר העלפין אין איר נויט. די קייזערין הט גיהאט מיט איר מיטלייד אונ הט איר צו גיזאגט צו העלפין. די קייזערין הט אין דר זעלבי צייט אוך איין קינד גיבורין וועז רבי איז גיבוירין גיווארין הט די קייזערין גיזאגט צו איר. נעם מיין קינד מיט דיר אונ דיין קינד לאז ביי מיר אז דו וועסט גירופין ווערין פר דעם קיסר מיט דעם קינד צו אונטר זוכין אויב ער איז נימלת וועט דר קיסר זעהן דס מען הט אוף דיר נאר אבילבול גימאכט זיא האט אזו גיטאן אוף מארגין הט דר גובערנער גיבראכט דעם נשיא מיט זיין וייב מיט דעם קינד פר דעם קיסר אונ הט גיזאגט אז דער נשיא הט עובר גיוועזן דעם באפעל פון דעם קעניג אונ הט מל גיוועזן זיין זון דר קיסר הט גיהייסין מען זאל באלד אונטר זוכין דס קינד אבר מען הט גיזעהן אז דס קינד איז ניט גימלת. דער קיסר הט שטארק גיצערינט אוף דעם גובערנער אונ הט צו אים גיזאגט. איך האב דאך נאר אגזירה גיגעבין אוף די גימלתי צו וס האסטו מיר גיבראכט ניט גימלתי. דר קיסר הט גיהייסין דעם גובערנער בעשטראפין אונ דעם נשיא הט ער גישיקט בשלום אהיים אונ פון דער צייט אהן איז בטל גיווארין דיא גזירה אונ מען האט ערלויבט מל צו זיין די קינדר:

אין דר יוגענד הט ער זיך גיצייגט דס ער וועט זיין אגרויסער שטערין אין ישראל. ער הט ניט גילערינט ביי איין רבין. נאר ער הט דורך גיוואנדערט אלי ישיבות פון די גרויסי תנאים כדי איין צו זאמלין אלי הלכות אונ דינים וואס ער האט גיהערט אין יעדער ישיבה בעזונדר. אז ער איז אלט גיווארין פינף אונד צוואנציג יאר איז ער גיווארין אנשיא ביי די סנהדרין אונ אפערשט ביי יודין ער הט אוך זיין נשיאות שטרענג גיפירט:

מיט דעם רעמישען קיסר אנטונינוס איז רבי גיוועזן בעפריינדעט אזוי וויא צוויי ברידר זיי האבין ביידי צו זאמען גילערינט תורה דעמאלט איז דער קיסר גיזעסין אלאנגי צייט אין ארץ ישראל עס איז גיוועזן אהייל אין דר ערד פון דעם קיסרס הויז צו דעם הויז פון דעם נשיא אונ דר קיסר פלעגט קומן צו אים דורך דר הייל אונ פלעגין זיצין אונ לערנען. ער הט אים צו גיזאגט אז ער וועט האבין עולם הבא. איין מאל הט דר קיסר אים גיפרעגט אויב עס איז גוט פר אמענטש ער זאל מתפלל זיין צו גאט אגאנצין טאג. הט רבי גיזאגט אז דר מענטש איז מתפלל אן אוף הערונג קען דורך דעם ווערין דר כבוד פון גאט ערנידריגט די תשובה איז אים ניט גיפעלין. אויף מארגין פרוה איז רבי אריין גיקומן צום קיסר אונ הט אים דעם מארגין גרים אפ גיגעבין מיט דעם טיטול הער פון אלי הערין. אין אשעה ארום הט ער אים ווייטר אפ גיגעבין דעם מארגין גרים מיט דעם טיטול קעניג פון אלי קעניגין. אין אשעה ארום הט ער אים ווידר דעם גרים אפ גיגעבין מיט איין אנדרין טיטול. הט דר קיסר צו אים גיזאגט וס מאכסטו חוזק פון מיר.

הט

הט דר נשיא אים גינטפערט יעצט זעהסטו אז איך האב רעכט מען דארף ניט צו אפט אין היילינגטים אריין קומען:

אמאל הט דר קיסר גישריבן אבריף פון רוים צו רבי אז די קאסי איז ליידיג ער זאל אים געבין איין עצה ווי אזוי די קאסי פול צו מאכין. רבי הט דעם שליח אריין גינומן אין גארטין הט אויס גירוסין אגרויסי פלאנצונג אונ הט אוף זייער ארט קליינע פלאנצין אריין גיזעצט אונ הט דעם שליח גיהייסין צוריק פארין. ווייא דר שליח איז גיקומען צום קיסר הט ער אים גיפרעגט ווס דר נשיא הט גזאגט. הט דר שליח גענטפערט ער הט גאר ניט גזאגט נאר ער הט אזו אונ אזו גיטאן. הט דר קיסר פר שטאנין זיין מיינונג אז ער גיט אים איין עצה ער זאל אפ שאפין די מיניסטארין פון די גרוסי פאמיליען ווס נעמין גרויסי גיהאלטין אונ זאל זעצין קלענערי מענטשין אוף זייער שטעלי. איין מאל הט דר קיסר גיפרעגט ביי אים איין עצה איך וויל צוויי זאכין פון סענאט פוילין איינס מיין זון אסווירוס זאל קיסר ווערין נאך מיין טוט. צווייטינס אז די שטאט טבריה זאל זיין אפריי שטאט אבער איין זאך ווען זיי מיר טאן ביידי זאכין ניט הט רבי גנומען צוויי מענטשין הט איינם ארוף גיזעצט רייטינדיג אוף דעם אנדערין אונ אין די האנד פון דעם אייבערשטין מענטש הט ער גגעבין אטוב אונ הט גזאגט צו דעם אונטערשטין אז ער זאל הייסין דעם אייבערשטין ער זאל די טוב אוועק לאזין האט דר קיסר פר שטאנין זיין מיינונג ער הייסט אים ער זאל פוילין ביי דעם סענאט נאר איין זאך דס זיין זון אסווירוס זאל ווערין קעניג. דר נאך וועט ער הייסין ער זאל מאכין טבריה פר אפרייא שטאט:

אמאל הט רבי מיט זיין תלמיד רבי חייא דורך גירייזט אשטאט הט רבי גיפרעגט אפשר איז דא אין דר שטאט אתלמיד חכם וועל איך אים גיין מקבל פנים זיין. האבין די שטאט לייט אים גיזאגט עס איז אין שטאט דא איין תלמיד חכם נאר ער איז אבלינדער. הט רבי חייא צו אים גיזאגט איך וועל גיין בעזוכין אונ דו בלייב אין דר סטאנציע וייל דו ביסט דאך אנשיא דארפסטו צו היטין דיין כבוד. אבער רבי האט אים ניט גיפאלגט אונ זיי ביידי זענין גגאנגען בעזוכין דעם בלינדין. ווי זיי זענין ארוס גגאנגען הט דר בלינדער זייא גיבענטש מיט די ווערטער אזו וויא איר האט מקבל פנים גיוועזן אזעלבען וואס זעהט ניט נא־ ער ווערט גזעהן דר פר וועט איר מקבל פנים זיין אזעלכין ווס זעהט אונ ווערט ניט גזעהן. ווי זיי זענין ארוס גגאנגען הט רבי צו רבי חייא גזאגט דו האסט מיך גוואלט אפ האלטין פון צו גיין וואלט איך דאך אזא טייערי ברכה ניט גוועזן גיהאט:

בעשרייבונג פון ר׳ יוחנן בן זכאי

67 רבי יוחנן בן זכאי איז גוועזן פון הלל׳ס תלמידים. ער איז גיוועזן אין ירושלים איידער דר בית המקדש איז חרוב גיווארין. ער הט ניט גיוואלט הנ זה האבין פון כבוד התורה איז ער גיוועזן פיל יאר אסוחר אונ הט גיפירט אגרויסי ישיבה. זייני הויפט תלמידים זענין גיוועזן רבי אליעזר בן הורקנוס רבי יהושע בן חנניה רבי יוסי הכהן רבי שמעון בן נתנאל רבי אלעזר בן ערך. ווי די רומיים האבין בעלעגערט ירושלים האט ער גיהייסין מען זאל מאכין שלום מיט דעם פיינד אבער די קריגער האבין ניט גוואלט הערין. ער הט אבער גאנץ גיט גוויסט

אז די יודין ווערין ניט אויס פירין האט ער גיוואלט חאטשי ראטעווען דעם כבוד התורה אז די תלמידים זאלין ניט צו שפרייט ווערין אונ די תורה זאל גלערונט ווערין. האט ער גישיקט רופין אבא סקרא זיין שוועסטערס זון וואס ער איז גוועזן דר עלצטער פון די קריגר אז ער זאל זוכין מיטלין ווי אזו רבי יוחנן זאל קענין ארוס פון דר שטאט ווארום די קנאים האבין קיין מענטש ניט גיוואלט ארוס לאזין פון דר שטאט. האט ער אים גגעבין א עצה ער זאל זיך מאכין קראנק אונ עס זאל ארוס אפאנלאסקע (אקול) אז ער איז גישטארבין וועט מען אים אריין לייגין אין ארון געבין אים וועט מען לייגין א שטיק פר שטינקין פלייש אונ די תלמידים זאלין ארוים טראגין דעם ארון אוס דר שטאט אים צו בגראבין דר וייל וועט ער מיט זייני תלמידים ניצול ווערין פון דר שטאט. רבי יוחנן האט אזו גימאכט אבר ווי די תלמידים זענין גיקומין מיט דעם ארון צום טויער האבין די קריגער גיוואלט דעם טויטין מיט אשווערד דורך שטעכין כדי זיך צו איבר צייגין אוב ער איז ווערקליך טויט. האט אבא סיקרא צו זיי גיזאגט וואס וועלין די רומיים זאגין די יודין האבין זייער איינענים רב גישטאכין האבין זיי אים דורך גילאזט. רבי יוחנן איז ארוס אויסער דר שטאט אונ איז אריין גיקומין אין די לאגער פון די פיינד צו אספיינוס דר אנפירער פון די רומים אונ האט צו אים גזאגט פריד מיט דיר קעניג. האט אספיינוס צו אים גזאגט דו האסט דאפאלט פר דינט דעם טויט. ערשטונס די רופסט מיך קעניג אונ איך בין נאר קיין קעניג ניט. צווייטונס ווען איך בין יוא אקעניג פר וואס ביסטו צו מיר פריר ניט גיקומין ביז היינט. האט רבי יוחנן צו אים גזאגט דס וואס דו זאגסט אז דו ביסט ניט קיין קעניג זאג איך אז דו וועסט באלד ווערין קעניג ווארום דס בית המקדש קען ניט חרוב ווערין נאר דורך די האנד פון אקעניג. אונ דס וואס דו פרעגסט מיך פר וואס איך בין צו דיר ניט גיקומין ביז היינט. זאג איך דיר אז איך האב ניט גקענט וייל דיא קנאים האבין מיך ניט דורך גילאזט. דער ווייל איז אן גיקומין אשטאפעט פון רוים אז דער קיסר איז גישטארבין אונ אלי רעמר האבין אים גיקריינט פר אקיסר האט זיך דר קיסר איבר צייגט אז רבי יוחנן בן זכאי האט אמת גיזאגט האט ער אים זייער מכבד גיוועזן אונ האט אים גפרעגט וואס ער פר לאנגט פין אים האט ער אים גיענפערט איך פר לאנג דו זאלסט מיר איבער געבין די שטאט יבנה מען זאל זי ניט חרוב מאכן אונ איך וויל דארטין אישיבה גרונדין. דר ואספיינוב האט דס פר גרונג גיהאלטין אזא קליינונגקייט ער האט דס ברצון טוב ערלובט ער האט ניט גוויסט דס דער מיט גיט ער אניי לעבין אין די יודין אז זיי וועלין אוס ברייטין די תורה האבין זיי פר קיינים קיין מורא ניט ווארום די תורה וועט זייא שון אפריש לעבין אריין געבין אונ וועט זיי דער האלטין ביז אוף אייביג אז קיין פיילין אונ קיין בויגין וועט זיי ניט שאדין:

אין יבנה האט זיך אן גיהובין אניי לעבין פר די יודין. רבי יוחנן האט דארט גיגרונדיט סנהדרין אין דיא ישיבה אונ האט די תורה אוס גיברייט. אוך איז ער גיוועזן אגרוסר קענער אין אנדערי חכמות אין נאטור וויסונשאפט תכונה גימטריא אונ אין משלים שרייבין:

איין מאל איז רבי יוחנן גירייטן אוף איין אייזל אונ זייני תלמידים זענין נאך אים גיגאנגין. האבין זיי גזעהן ווי איודישי יונגי פרויא קלויבט אראפ די גיפאלני

קערנער צווישן דעם מיסט פון די קעמלין . ווי זיא האט דר זעהן רבי יוחנן האט זיא זיך אנידר גישטעלט אונ האט גיזאגט צו אים רבי גיב מיר פרנסה האט רבי יוחנן צו איר גיזאגט ווער ביסטו מיין טאכטער . האט זיא גיענפערט איך בין די טאכטער פון נקדימון בן גוריון . האט רבי יוחנן גיגעבין אזופק אונ האט גיזאגט צו זייני תלמידים איך דר מאן מיך אז איך האב אונטער גישריבן איר כתובה וואס איז גיוועזן גישריבן אמוליאן דינרים . האט ער גפרעגט מיין טאכטער ווי איז אהין גיקומין דיין פאטערס פרמעגין . האט זיא גיזאגט אזו זאגט מען אגלייך ווארט אין ירושלים אז מען זאלצט איין זיין געלד דאס הייסט אז מען בהאלט דאס געלד אונ מען גיט ניט קיין ארומע לייט פעלט דר נאך אונ עס ווערט פר לורין . מיין פאטער האט ניט גיגעבין צדקה ווי ער האט גיקענט דארום איז פון דעם פרמעגין ניט גיבליבין . האט רבי יוחנן זיך אן גירופין אונ גיזאגט וואל איז אייך ישראל ווען איר טוט דעם ווילן פון גאט קען קיין אומה ולשון אייך שלעכטס טאן . אבער אז איר טוט ניט דעם ווילן פון גאט גיט ער זייא איבער אין דיא האנד פון איין אומה שפלה . אונ ניט גראד אין דער האנד פון איין אומה שפלה נאר אויך אין די האנד פון זייערי בהמות : (כתובות סו)

רבי יוחנן איז גיוועזן אגרוסער צדיק ער האט קיין מאל ניט גרעט קיין דברים בטלים . ער איז ניט גיגאנגין ד' אמות אן תורה אונ אן תפילין שטענדיג איז ער גיוועזן דר ערשטער אין בית המדרש אונ אויך דר לעצטער . ער האט קיין מאל ניט אדרומיל גיטאן אין בית המדרש . מען האט אים קיין מאל ניט גיטראפין זיצן אונ שווייגין נאר שטענדיג גלערינט . ער האט קיין מאל ניט גזאגט עס איז שון צייט אוף צו הערין לערנין חוץ ערב פסח אונ ערב יו"כ . אז רבי יוחנן איז קראנק גווארין צום שטארבין זענין גקומין זייני תלמידים אים מבקר חולה זיין . האבין זיי גיזעהן דאס ער וויינט האבין די תלמידים צו אים גזאגט פר וואס וויינסטו האט ער צו זיי גזאגט ווען מען וואלט מיך גפירט פר אקעניג אבשר ודם צום משפט וואלט איך דאך אויך גיוויינט . חאטשי זיין כעס איז ניט אוף אייביג . ווען ער זאל מיך זעצין אין גפענקעניש איז ניט אוף אייביג . ווען ער זאל מיך טייטין איז אויך ניט אוף אייביג אונ איך קען דאך אים איבר בעטין מיט רייד . אפשיטא אז מען פירט מיך פר דעם אלמעכטיגן גאט דר קעניג פון אלי קעניגין זיין כעס איז איין אייביגער כעס זיין שטראף איז איין אייביגער שטראף איך קען אים מיט קיין שום זאך ניט איבר בעטין זאל איך ניט וויינן . האבין די תלמידים צו אים גזאגט רבי לערין אונז דעם וועג פון לעבין . האט ער צו זייא גזאגט איר זאלט מורא האבין פר גאט אזו ווי איר האט מורא פר מענטשין ווארום אז אמענטש טוט איין עבירה וויל ער אז קיין מענטש זאל אים ניט זעהן חאטשי גאט זעהט אויך אין דער פארבארגינער שטעל :

רבי יוחנן האט גילעבט הונדערט אונ צוואנציג יאר אונ אז ער איז גישטארבין האט מען גיזאגט אז דער גלאנץ פון דער חכמה האט זיך אפ גיקערט :

בעשרייבונג פון ר' מאיר אונ זיין ווייב ברוריא

68 רבי מאיר איז גיוועזן איינער פון די גרעסטי תנאים אונ זייער צייט ער איז ארוס גיקומין פון גרים פון נירון קיסר וואס ער האט זיך מגייר גיוועזן בשעת ער

הט

הט בלעגערט ירושלים. ער איז גיוועז א תלמיד פון רבי עקיבא נאר בשעת עס איז ארוס גיקומין די גזירה אז די יודין טארין ניט עוסק זיין אין דר תורה אונ ניט מקיים זיין די מצות איז רבי מאיר אנטלאפין קיין בבל דער נאך אז די גזרה איז בטל גיווארין איז ער צוריק גיקומין קיין ארץ ישראל אונ ער איז גיוועז אן גישטעלט אין סנהדרין אונטער דעם נאמען חכם. זיין ווייב ברוריא איז אוך גיוועזן גילערינט אין דער תורה. איין מאל הט רבי מאיר גיהאט גרוסע צרות פון דיא שכנים זייא זענין גיוועז גרוסע רשעים הט רבי מאיר מתפלל גיוועז זייא זאלין שטארבין. הט זיין ווייב צו אים גיזאגט אין תהלים שטייט יתמו חטאים מן הארץ איז טייטש די זינדען זאל אוף הערין אבער עס שטייט ניט יתמו חוטאים די זינדיגע זאלין אוף הערין. דרום דארף אמענטש נאר מתפלל זיין אז דיא זינדען זאלין אוף הערין וועלין די רשעים ממילא ניט זיין. רבי מאיר הט גיהאט צוויי שיינע יונגליך אונ האבין גוט גילערנט. אמאל הט רבי מאיר גיהאלטין אין שול שבת אדרשה. אונ אין דר היים הט זיך גיטראפן אשרעקליכער אום גליק דס ביידי קינדר זענין גישטארבין. ברוריא הט זיי אין זייער שלאף צומער גילאזט אונ זיי בדעקט מיט אטיך רבי מאיר איז גיקימען פון דעם בית המדרש הט ער תיכף גיפרעגט וויא זיינע קינדר זענין. הט ברוריא גיזאגט זיי זענין גיגאנגין צום בעזוך ביי אגוטען פריינד. רבי מאיר הט זייני קינדער זייער ליב גיהאט אונ האט קיין געדילד ניט גיהאט צו ווארטין אבר ברוריא הט גוויסט מיט איר חכמה אים צו בערוהיגען ביז נאכט. אז רבי מאיר הט גימאכט הבדלה הט ברוריא צו אים גיזאגט ליבר מאן איך האב דיך איין עצה צו פרעגין איינער הט ביי מיר בהאלטין אטייערע זאך היינט איז ער גיקומן אונ הט גיבעטין די זאך צוריק. אצונד פרעג איך דיך אוב איך זאל אים די זאך אפ געבין. וואס פרעגסטו אזא נארישקייט האט רבי מאיר גיזאגט מיט פארוואונדערינג צו זיין ווייב גוויס מוזטו אים די זאך צוריק געבין אונ דו דארפסט אוף אים אוך קיין פראיבל ניט האבין אז ער נעמט די זאך צוריק. הט ברוריא דעם מאן אריין גפירט אין צומער ווי די טוטע קינדר זענין גילעגין זי הט אוף גידעקט דס טיך אונ הט צו אים גיזאגט. גאט הט אונז די צוויי קינדער צום פקדון גיגעבין היינט הט ער זיין פקדון בייא אונז גפאדערט צוריק מוזין מיר אים דאך צוריק אוועק געבין:

ברוריא איז גיוועזן די טאכטער פון רבי חנניא בן תרדיון וואס די רומים האבין אים פר ברענט וייל זיי האבין אים גפונען דאס ער האט גילערינט תורה מיט אגאנצי פארזאמלונג אונ זיין טאכטער הט מען אריין גיזעצט אין אבית זונות אין רום. ברוריא האט אלי מאל גיבעטין רבי מאירן אז ער זאל זיך סטארען איר שוועסטיר פון דעם בית זונות ארויס צו נעמין. רבי מאיר האט זיך דער צו ענטשלאסין ער הט זיך פר שטעלט פר ארעמישין ריטער אונ איז אריין גיקומן אין דעם בית זונות ווי זיין שוועגרין איז גיזעסין ער האט אבער גיוואלט וויסין אוב זיא איז נאך ערליך גבליבן איז ער צו איר צו גיגאנגין אונ הט איר אן געמיטעט צו איין עבירה. הט זיא אים גיענפערט אז זיא איז אנדה הט ער צו איר גזאגט ער וועט ווארטין ביז די צייט וועט פר בייא גיין הט זיא גיזאגט צו אים צו וואס דארפסטו מיך דא זענין פיל שענערי פון מיר. דער פון האט רבי מאיר פאר

שטאנין

שטאנין אז זיא איז נאך גאנץ ריין הט ער זיך גיגעבין צו בקענין ווער ער איז ער הט לאפקי געלד גיגעבין דעם וועכטר אונ זענין ביידי אנטלאפין. אבר באלד איז די זאך גיווער גיווארין הט מען אים נאך גיאגט גראד הט מען פר ביי גטראגן שפייז מיט שווייני פלייש רבי מאיר הט איין גיטונקט איין פינגער אונ האט אפ גילעקט דעם צווייטען פינגער. ווי די נאך יאגיר האבין דס גיזעהן האבין זייא גיזאגט דאס איז נישט רבי מאיר ווארום רבי מאיר וועט קיין טרפות נישט עסין האבין זיי אים אפ גילאזט:

רבי מאיר פלעגט אלע פרייטאג צו נאכטס זאגין אדרשה. דארטין איז גוועזין אפרויא וואס זיא הט ליב גיהאט צו הערין רבי מאירס דרשה. אמאל הט רבי מאיר זיך פארשפעטיגט מיט דער דרשה אונ די פרויא איז גיקומען נאך הויזע אז די ליכט זענין שון גוועזין אויס גיגאנגען דר מאן איז אויף איר בייז גוועזין אונ הט זי ארויס גיטריבן פון דר שטוב אונ הט צו איר גיזאגט אנדערש וועל איך דיך נישט אריין לאזין אין שטוב סאדען דו וועסט גיין אונ שפייען רבי מאירן אין גזיכט די פרויא הט נעבך נישט גוויסט וואס צו טאן דען ווי קען זיא טאן אזא שרעקליכע זאך גיין אונ שפייען רבי מאירן אין פנים. דער מאן הט זיא אבער נישט אריין גילאזט אין שטוב אונ דריי שבתים הט זיא זיך ארום גיוולעקיט ביז די זאך איז אן גיקומען צו רבי מאיר. הט רבי מאיר זיך גימאכט אז א אויג טוט אים וויי אונ הט גשיקט רופין די אום גלוקליכע פרוי זיא זאל אים אפ שפרעכין דס אויג אונ בשפייען זיבן מאל זיא הט אזוי גיטאן איצט זאגט רבי מאיר צו דר פרוי גייא אונ זאג דיין מאן. דוא האסט גיהייסין אז איך זאל איין מאל שפייען אין רבי מאירס פנים אונ איך האב גשפיגען זיבן מאל. ווי זיא גייט ארום האבין זיך די תלמידים דריבר פר וואונדערט דס ער הט אזו דער נידערט דעם כבוד התורה. הט רבי מאיר גיענפערט בין איך גרעסר ווי גאט. גאט הט גיהייסין מען זאל זיין נאמען אפ מעקין אין דיא מים המאררים כדי שלום צו ברענגין צווישען מאן אונ ווייב. דארף איך געווים טאן אזא זאך:

רבי מאיר הט אמאל גימאכט אגרייזע אופין וועג איז אים אוס גיקומין צו נעכטיגן אין א אכסניא. דער בעל אכסניא איז אבער גוועזין אחבר צו אחברה רובער. ביי נאכט פלעגט ער אוף וועקין די געסט אונ פלעגט זיי זאגין דס ער וועט זיי ווייזען דעם וועג ווי זיי זאלין גיין ער הט זיי אבר אוועק גפירט צו די רובער דארטין הט מען זיי גיהרגית אונ צו גינומען וואס זיי האבין גיהאט. דר בעל אכסניא הט אוך ר׳ מאירן אוף גוועקט פון שלאף אונ הט אים גיהייסן אוף שטיין אונ ער וועט אים דעם וועג ווייזן. אבר רבי מאיר הט אים גענפערט איך קען פון דאנען נאך נישט אוועק גיין ווייל איך ווארט אוף אגוטען פריינד וואס ער בדארף באלד אן צו קומן. דר גוטער פריינד הייסט כי טוב דר בעל אכסניא הט זיך גיטראכט גוט בעסר צוויי ווי איינר. ער הט אים דער ווייל צו רוה גילאזט. אבר אז עס איז טאג גווארען איז רבי מאיר אוף גשטאנען אונ הט גוואלט זיינע רייזע מאכען הט דער בעל אכסניא צו אים גזאגט ווי איז דיין פריינד כי טוב וואס דו האסט גזאגט אז ער וועט קומען הט רבי מאיר גיענפערט דר גוטער פריינד איז שון דא ווארום

עס

עס שטייט וירא אלהים את האור כי טוב. גאט הט גיזעהן די ליכטיקייט דאס עס איז גוט די ליכטיקייט הייסט כי טוב:

רבי מאיר אונ ר׳ יהודה אונ ר׳ יוסי זענין אמאל גיגאנגן אויף דעם וועג. האבין זיי שבת גיהאלטין אין אכסניא האבין זיי גיפרעגט דעם נאמן פון דעם בעל אכסניא הט מען זיי גיזאגט ער הייסט כידור. רבי מאיר הט זיין געלד אים ניט גיוואלט געבין צו בעהאלטין ווייל עס שטייט כי דור תהפוכות המה. כי דור איז אפארקערטר מענטש. אונ זייני חברים האבין יוא גיגעבין צו בעהאלטין. עס איז גקומן מוצאי שבת האבין זיי פערלאנגט זייער געלד צוריק הט דר בעל אכסניא אפ גילייקונט אז ער הט גאר ביי זיי ניט גינומן. האבין זיי דאס דער ציילט צוא רבי מאיר הט ער צו זיי גזאגט פר וואס האט איר פריער ניט גיקלערט וועגין זיין נאמען אזו ווי איך אבער הט געדולד מיר וועלין אייער געלד ארוס קריגן ר׳ מאיר הט זיך מיט אים אריין גילאזט אין אגישפרעך הט אים איין גילאדין אין אוויין שענק אונ הט מיט אים געטרונקן אגלעזיל וויין. הט רבי מאיר בעמערקט אויף זיין בארד ליגט שיליכטס פון ארבים. ער הט אווינק געגעבין צו זייני חברים זיי זענין אוועק גגאנגן אונ גקומן צו זיין וויב אונ האבין צו איר גזאגט דיין מאן הט אונז גיהייסין געבין דס געלד ווס ליגט אין שאנק. א סימן הט ער גיזאגט ער הט היינט גגעסין ארבים הט זי תיכף דס געלד צוריק גיגעבין. ווי דר מאן איז אהיים גיקומן אונ דם וויב הט אים דס דר ציילט הט ער זי טוט גישלאגין:

בעשרייבונג פון עקילוס וואס האט גיהייסין אונקלוס הגר

69 עקילוס איז גיוועזן אשוועסטער זון פון אדרינוס. ער איז גיוועזן זייער געבולדעט אונ אגרויסר עושר ער איז גיוועזן אקריסט דר נאך הט ער גיוואלט ווערין איוד. אמאל איז ער גקומן צו זיין פעטר אדרינוס אונ הט צו אים גיזאגט איך מאך ארייזע אין דר וועלט אונ וויל אן הייבין צו האנדלען זאג מיר מיט ווס זאל איך האנדלען. הט דר קיסר צו אים גזאגט די סחורה ווס הט אגרוסין ווערט נאר דר פרייז דר פון איז נידריג ווייל עס זענין דארוף וויינונ קייפער ווייל זייא פר שטיין ניט דעם ווערט פון דר סחורה זאלסטו קויפין. איז גגאנגן עקילוס אונ הט זיך מגייר גוועזן. הט אדרינוס אים גישיקט פרעגין ווי עס איז אים איין גפאלין זיך מגייר צו זיין הט עקילוס אים גיענטפערט דו האסט מיר אליין גיהייסין איך זאל קויפין אזא סחורה ווס זי איז פיל ווערט נאר זי שטייט נידעריג. דיא סחורה איז יודישע אמונה. דר קיסר הט גישיקט איין אבטיילונג זעלנער מען זאל אים ברענגין צו אים. אונ זיי זאלין מיט אים קיין ווארט ניט רעדין וועגין אמונה. זיי זענין צו אים גקומן הט ער גזאגט צו זיי איך וועל אייך עפעס פרעגין אהויפטמאן האלט אלעכט צו לייכטין דעם פולקאווניק. דר פולקאווניק לייכט דעם גענעראל דר גענעראל לייכט פר דעם קעניג. אבער דר קעניג לייכט אויך פר איין אנדערין. האבין זיי גיענטפערט ניין ווייל ער איז דר גרעסטער פון אלי. הט ער צו זיי גזאגט אבער גאט איז ניט אזו. ער הט גילייכט דעם וועג פר די ישראל. אזו ווי עס שטייט גאט איז גגאנגן פר זיי מיט אפייערדיגע זאל צו ווייזין דעם וועג אונ צו בעלייכטין ווי זיי האבין דס גיהערט האבין זיי זיך מגייר גוועזן. הט דר קיסר איין אנדערי אבטיילונג גישיקט אונ הט זיי שטרענג פארבאטין מיט אים גאר ניט צו ריידין.

זייא

זיי זענין צו אים גקומן אונ ער איז מיט זיי גגאנגן ווי ער איז ארום גגאנגן פון דר טיר הט ער גילייגט די האנד אוף דר מזוזה אונ הט אן גיהויבן צו לאכין. האבין זיי אים גיפרעגט וואס ער לאכט. הט ער זיי גיענטפערט דר מנהג פון א קעניג אז ער זיצט אונוויינוג אונ זייני קנעכט היטין אים פון דרויסין. ביי גאט איז פר קערט ער זיצט אונוויינוג אונ זייני קנעכט זוצין אונוויינינג אונ ער היט זיי פון דרויסין אזו ווי עס שטייט לאזט זייני קנעכט היטין אים פון דרויסין. באט וועט היטען דיין ארום גיין אונ דיין ארייןגיין פון היצט ביז אייביג. האבין זיי זיך אויך מגייר גיוועזן מער הט ער שוין נאך אים ניט גישיקט:

עקילוס הט גילערינט תורה ביי רבן גמליאל רבי יהושע ורבי עקיבא אונ הט גיהיט צו טאן אלי מצות פון דר תורה זיין פאטר איז גיוועזן א געצען דינער. איז ער גישטארבין אונ הט איבער גילאזט א גרויסע ירושה אונטר דער ירושה איז אויך גיוועזן געצען בילדער הט ער דר פון ניט גיוואלט קיין הנאה האבין אונ הט די בילדער אין ים אריין גיווארפין:

עקילוס הט די תורה איבר גיזעצט אוף גרוביש ווייל דאמאלס האט מען גירעט גרוביש. דר נאך הט איינר דס איבר גיזעצט אוף ארמית אונ דס איז דר תרגום אונקלוס וואס איז גידרוקט אין חומש. ווארום דר וואס הייסט אוף גרוביש לשון עקילוס הייסט ער אוף ארמית שפראבי אונקלוס:

בעשרייבונג פון ר׳ שמעון בן יוחאי

70 ר׳ שמעון בן יוחאי הט מחבר גיוועזן דס הייליגע ספר הזוהר. אין דער צייט פון ר׳ שמעון בן יוהאי הט די רעמישי רעגירונג גיוואלט גוזר זיין אוף דיא יודין אז זיי זאלין ניט האלטין קיין שבת. אונ זאלען די קינדר ניט מל זיין. אונ זאלין ניט היטן מצות נדה. איז גיוועזן צווישין די יודין א גרויסער חכם ר׳ ראובן אוסטרובולי איז ער גיגאנגען צום קיסר אונ צו דיא מיניסטארין אונ האט זייא גיזאגט איך וועל אייך עפיס פרעגין. וועמ׳ עס הט א פיינד וואס וויל ער צו וויל ער דר פיינד זאל רייך ווערין אדער ארום. האבי זיי גיענפערט נווים ער זאל ווערין ארום. הט ער צו זיי גזאגט פר וואס ווילט איר די יודין זאלין ארבייטין אום שבת. בעסער לאזין זיי רוען וועלין זיי ווייניגער פר דינען. האבין זייא דיא גזירה פון שבת מבטל גיוועזן. דאן הט ער זיי גיפרעגט אז איינר הט א פיינט צו וויל ער דר שונא זאל שטארק זיין אדר שוואך. האבין זיי גיענפערט גווים ער זאל זיין שוואך. הט ער צו זיי גיזאגט איז דאך בעסר די יודין זאלין זיך מל זיין וועט פון זייא אברינען בלוט וועלין זיי שוואך זיין. האבין זיי די גזירה פון מילה מבטל גיוועזן. דר נאך הט ער זיי ווייטער גיפרעגט אז איינר הט א שונא וויל ער דען דר פיינד זאל זיך מערין. פר וואס ווילט איר די יודין זאלין ניט היטן דיא מצוה פון נדה וועלין זיי דאך מער קינדר האבין. הט מען די גזירה פון נדה אויך מבטל גיוועזן. דר נאך איז מען גיוואר גיווארין אז ער איז א יוד האט מען דיא גזירות ווידער גימאכט. איז ר׳ שמעון בן יוחאי גיפארין צום קעניג קיין רוים. דאמאלס איז דעם קעניגס טאכטר זייער קראנק גיוועזן אונ ר׳ שמעון הט זיא גיהיילט הט ער דר פר גיפוילט ביים קעניג ער זאל די גזירות מבטל זיין: (מעילה י״ז)

מעשיות וואס געפינען זיך אין מדרש אונ אין ילקוט

71 א מלך הט אמאל גימויערט א גרויסין פאלאץ. אונ הט לוטער שטומע מענטשין

מענטשין גימאכט צו וועכטיר דעם פאלאץ צו היטען. די שומרים זענין זעהר צו פרידען גיוועזין מיט זייער שטאנד און האבין דעם קעניג בצייגט זייער דאנקבארקייט דורך צייכין און האנד באוועגונגין. דא הט זיך דר קעניג גיטראכט. ווי וואלטין מיר שון מענטשין גידאנקט וואס קענען זייערע גידאנקין דורך ווערטער אוס דרוקין ער האט דיא וועכטיר אפ גישאפט און האט גיזעצט אין זיין פאלייץ רעדינדיגי שומרים. אבער דר קעניג הט זיך זייער בטראגין. די שומרים האבין נאכהער בטראכט פר די רעכטי בעלי בתים און האבין דעם קעניג שלעכטיקייט און אום דאנק בארקייט גצייגט. דא הט זיך דער קעניג אן גירופן זאלין שוין בעסר די שטומע שומרים צוריק קערין אוף זייער ארט. אזו איז אויך גיוועזן ביי דר בעשאפונג פון דר וועלט. פריר איז גיוועזן אלין אן גיפולט מיט וואסר אבר די שטומע גיוועסרין האבין גאט גלויבט און גידאנקט אזו ווי עס שטייט מקולות מים רבים אדירים משברי ים אדיר במרום יי דאס הייסט דיא שטימין פון דיא שטארקע גיוועסרין מאכין בעקאנט ווי גאט איז שטארק אין הימל. גאט האט גיזאגט אז דם וואסר וואס הט קיין מויל ניט לויבט אזו גאט ווי וואלטין שון מענטשין גאט גילויבט. און הט דעם מענטש בשאפין די מענטשין זענין אבער שלעכט און זינדיג גיוועזן און האבין ווידער גישעניגט גאטס בפעל. דא הט גאט אום גירופין שון בעסר עס זאל זיין אזו ווי עס איז פריר גיוועזן. און הט גיבראכט דם מבול אוף דר וועלט: (בראשית רבה ח)

72 תרח אברהם'ס פאטר הט גימאכט געצען בילדער צום פערקופין איין מאל הט תרח גידארפט אוועק פארין הט ער דם גישעפט איבר גיגעבין זיין זון אברהם דא איז גיקומען א מענטש און הט גיוואלט קופין א גאט. ווי אלט ביסטו' הט אים אברהם אבינו גיפרעגט. צווישין פופציג און זעכציג יאר' האט דער מענטש גיענפערט. דס איז טרוריג' הט אברהם צו אים גיזאגט אז איין מאן פון זעכציג יאר זאל בעטין צו א גאט וואס איז נאר עטליכי טעג אלט. דר מאן האט גילאזט די געטיר אין די רוה און איז פר שעמט אוועק גיגאנגין פון אים. באלד דארוף איז גיקומען א פרוי און הט גיבראכט א שיסל פון פיין מעל צום קרבן פר די געצין ווי זיא איז אוועק גיגאנגין הט אברהם גינומען א האק און הט צו האקט אלע געצין נאר דעם גרעסטין געץ הט ער גילאזט שטיין און הט ארין גישטעקט די האק אין זייני הענד. ווי תרח איז פון דר רייזע צוריק גיקומין און הט גיזעהן די גיוואלטיגע צערשטערונג אונטר די בילדר. הט ער גירופין זיין זון אברהם און הט אים גיפרעגט וואס פר איין אים גליק איז דא פארגעפאלין. הט אים אברהם אזו גיענפערט א פרוי הט גיבראכט א שיסל מעהל מקריב צו זיין פר די געטיר איך האב די שיסל פר זיי אנידר גישטעלט אבר עס איז א גרוס גישלעג גיווארין צווישן זיי איטליכר הט גיוואלט פריר די האנד אין דער שיסל ארין שטעקין אבר דעם גרעסטין גאט הט דם פר דראסין פר וואס די געטיר זענין אונארטיג. הט ער גינומען א האק און הט צערשלאגין אלי זייני חברים. טרייבסטו עפיס מיט מיר שפאס. הט תרח צארנוג אנגישריי גיגעבין אוף זיין זון קען דען א שטיק האלץ עפיס טאן אזעלכי זאכין. ליבר פאטער הט אברהם אים גיענפערט לאזין דיינע אוירין הערין וואס דיין מויל רעט. ווען דיין מויל רעט אז דיין גאט קען אזעלכי זאכין ניט טאן

פר

פר וואס דינסטו צו אים . אבער דר בייזר נתרח הט זיך גיט גיוואלט בערוהיגין
מיט די רייד פון אברהם . אונ איז גיגאנגין דעם זון איין קלאגין ביי דעם קעניג
נמרוד . דר קעניג הט גילאזט ברענגין אברהם צו זיך אונ זאגט צו אים בוק דיך
פר דעם פייער מיין גאט . הט אברהם אים גיענטפערט פר וואס איז ניט בעסר זיך
צו בוקין פר דעם וואסר וואס עס איז שטארקיר ווי דס פייער. ווייל דס וואסער
לעשט יוא אוס דם פייער. נוא בוק דיך פר דעם וואסר הט נמרוד צו אים גזאגט
פר וואס ניט בעסר זיך צו בוקין פר דעם וואלקין וואס טראגט דאס וואסר . האט
אברהם צו אים גיזאגט. נוא בוק דיך פון מיינט וועגין פר די וואלקין . הט נמרוד
צארניג צו אים גיזאגט. פר וואס ניט בעסר זיך צו בוקין פר דעם ווינד וואס צוא
טרייבט דעם וואלקין . זאל אזו זיין הט נמרוד אים גיענפערט . פר וואס ניט בעסר
זיך צו בוקין פר אמענטשין וואס ער קען דער טראגין דעם ווינד הט אברהם צו
אים ווייטער גיזאגט . נמרוד הט מער קיין געדילד ניט גיהאט מיט אים צו ריידין
אונ הט אנישריי גיגעבין אוף אברהם בוק דיך שנעל צום פייער. ווען ניט וואַרף
איך דיך גלייך אין פייער אריין. אונ דיין גאט זאל קומען דיך ראטעווין פון
מיינע הענד . אברהם איז גיווארין אריין גיווארפין אין קאליך אובין אבר דאס
פייער הט אים גאר ניט גישאט . אונ איז גאנץ גיזונד צוריק ארויס גיקומען פון
קאליך אובין . אברהם הט גהאט אברודר ער האט גיהייסין הרן ער איז אויך
גיפרעגט גיווארין צו וועלכין גאט ער דינט . ער האט אבער אוך ניט גיקענט
ענטשלוסין וואס צו טאן. אויב ער זאל האלטין מיט אברהם זיין ברודר אדער ער
זאל זיך באקענין מיט זיין פאטערס געטצין. הט ער זיך גיטראכט ער וועט זעהן
וואס מיט אברהמ׳ן וועט זיין . ווען ער וועט ניצול ווערין פון קאליך אובין וועט
ער זיך באקענן צו דעם גאט פון אברהם. ווען אבער ניט וועט ער האלטין מיט
זיין פאטער. ווי אברהם איז גליקליך פון דעם קאליך אובין ארוס גקומען . האט
הרן גיזאגט דס ער דינט אוך צו אברהם׳ס גאט. הט דר קעניג גיהייסין מען זאל
אים אוך אריין ווארפין אין דעם קאליך אובין . אבער ער איז אין דעם אויגין
בליק פר ברענט גיווארין ווי מען הט אים נאר אריין גיווארפין : (בראשית רבה לז)

73 נאך דעם ווי אברהם האט ארוס גיזאגט זיין זון ישמעאל פון זיין הויז
ווייל ער איז ניט גיוועזן גאטס פארכטיג . הט זיין פאטרלובי ווידער זיך דר מאנט
אן זיין זון . אונ הט גיוואלט דעם פר שטויסינים זון ווידער זעהן . זיין וייב שרה
האט אים דער צו דיא ערלובנים גיגעבין. נאר מיט דעם תנאי ער זאל איר צו
שווערין דס ער וועט פון זיין קעמיל ניט אראפגיין אונ ניט אין ישמעאלס גיצעלט
אריין גיין . נאר ער וועט זיך בעגינוגין זוצעדיג אוף דעם קעמיל זיין זון זעהן .
אברהם הט דר צו איין גווילוגט. אונ הט זיין רייזע אין דר וויסטי גמאכט. ביז
ער איז גליקליך אן גיקומן צו דעם גיצעלט פון זיין זון. אבר ישמעאל איז גראד
ניט גיוועזן אין דר היים . אברהם הט גילאזט זיין שניר ארויס רופין אונ הט זיא
גיבעטין זיא זאל אים געבן אטרינק וואסר. זי הט אים אבר גיענטפערט מיט כעס
ביי מיר איז ניט דא קיין ברויט אונ קיין וואסר אונ איז צוריק אין גיצעלט אריין
גילאפן . אברהם הט גיהערט אין דרויסין ווי זיין שניר שלאגט אונ שעלט אירע
קינדר נאר אן דר בארימעג . די זאכע הט אים זייער גיקרענקט הט ער זיין שניר
ארום

ארוס גירופן אונ הט איר גזאגט זאג דיין מאן דס איין אלטר מאן איז דא גוועז ער זעהט אזו אונ אזו אויס אונ ער לאזט אים זאגין אז ער זאל אויס רייסן דעם נאגיל פון זיין גיצעלט אונ זאל איין אנדרין נאגיל אריין שלאגין. ישמעאל איז אהיים גקומן הט זיין ווייב אים אלעס דר ציילט ווס אברהם הט איר גזאגט. אונ הט אים גישולדערט ווי דר אלטר מאן הט אויס גיזעהן הט ער תיכף פר שטאנין אז דר אלטר איז גוועזן זיין פאטער אברהם. ווס הט אים גיהייסן ער זאל זיין שלעכטע ווייב ארוס טרייבין. ער הט אזו גיטאן. אונ הט חתונה גיהאט מיט איין אנדרי פרויא אגוטע אונ איין ערענטליכע נאך עטליכע יאר האט אברהם ווידער גוואלט באזוכן זיין זון. אונ שרה הט אים ערלויבט צו דר רייזע מיט דעם זעלביגן תנאי ווי צום ערשטין מאל. אברהם איז ווידר גקומן צו זיין זוהנ'ס גיצעלט אונ איז גיבליבן שטיין אין דרויסין. אונ ישמעאל איז ווייטר אין דר היים ניט גוועזן נאר ישמעאל'ס ווייב איז צו אים פריינדליך ארוס גגאנגן אונ הט אים גיבעטין ער זאל אראפ קריכן פון דעם קעמיל אונ אין דעם גיצעלט אריין גיין ער זאל זיך פון זיין רייזע אויס רוען אונ דס הארץ דר קוויקין. אברהם הט אבר ניט גיוואלט עובר שבועה זיין איז ער גבליבן זיצין אויף דעם קעמיל. אונ הט צו איר גזאגט זאג דיין מאן אז איין אלטר מאן איז דא גוועז ער זעהט אזו אונ אזו אויס אונ ער לאזט אים זאגן אז דר נאגיל ווס איז אריין גישלאגן אין זיין גיצעלט זיצט זייער פעסט. אונ ער זאל אים ניט אויס רייסין. ישמעאל איז אהיים גקומן הט זי אים דר ציילט ווס דר אלטר הט אים גילאזט זאגן. ישמעאל הט פר שטאנן אז זיין פאטער איז דא גוועזן הט ער זיך זייער גפרייט אונ הט זיך בשלאסען אויך זיין פאטער צו באזוכין. הט ער גנומן זיין ווייב אונ איז מיט איר גירייזט נאך דעם לאנד פלשתים ווי אברהם האט גוואנט. דער פאטער האט זיך מיט זיין זון אונ מיט זיין שניר זייער גיפרייט אונ ישמעאל איז ביי זיין פאטער אברהם געבליבען אלאנגע צייט (ילקוט בראשית צח)

74 פרעה דר קעניג פון מצרים הט גהאט אחלום. ער איז גיזעסין אויף זיין קעניגליכן שטיל נעבין אים איז גשטאנען איין אלטר מאן אונ הט גיהאלטין אין דר האנד אוואג שאל אונ הט די וואג שאל אויף גיהאנגן פר פרעה. דער אלטר הט צו זאמן גיבונדן אלי גרויסע לייט פון מצרים אונ הט זיי אויף גילייגט אויף איין וואג שאל אונ איין קליין זייגעדג שעפסעלע הט ער גילייגט אויף דר צווייטער וואג שאל. אבר דס שעפסעלע הט אראפ גוואגן די אלי גרויסע לייט. דר קעניג הט זיך אויף גהאפט אונ האט דר ציילט דעם חלום די חכמים פון מצרים. דיא חכמים זענין זייער דר שראקין גווארין הערענדיג דעם חלום. אונ האבין אזו פותר גוועזן. עס וועט גיבוירן ווערין אקינד ביי די יודין ווס וועט אמאל דס גאנצע לאנד מצרים צערשטערין. דרום האבן זיי דעם קעניג איין עצה גגעבן אז אלי זכרים ווס וועלין ביי יודין גיבורן ווערין זאל מען זיי אין טייך אריין ווארפן: (ילקוט שמות קסד)

### משה ווען ער איז גוועזן אקינד

75 ווען די טאכטער פון פרעה הט משה רבינו פון דעם וואסר ארוס געצויגין האט זיא אים איבר גגעבן זיין מוטער יוכבד צום זייגען. דר נאך אז ער האט גיקאנטשעט דס זייגן הט אים די מוטר גבראכט צו פרעה'ס טאכטער אונ זי

האט

הָט אִים גֶעהַאלְטֶן וִוי אֵיין אֵייגֶן קִינְד זִי הָט אִים גֶילִיבְּט וִוי אַ צֶערְטְלִיכֶע מוּטֶער. עֶר אִיז זֵייעֶר אַ שֵׁיין קִינְד גֶוועֶן אוּן זִי הָט אִים אַלֵי מָאל גֶבְּרַאכְט צוּ אִיר פָּאטֶער פרעה צוּם מָאל צַייט. אַלֵי וָוס זֶענֶען דָארְט גֶיזֶעסֶן הָאבֶּן אִים גֶקִישְׁט אוּן גֶיהַארְזְט. אֵיין מָאל הָט אִים פרעה גֶנוּמֶען אוֹיף זַיין שׁוֹס אוּן הָט זִיךְ מִיט אִים גֶעשְׁפִּילְט דָס קִינְד הָט אַרָאפּ גֶנוּמֶען דִי קְרוֹין פוּן פרעה'ס קָאפּ אוּן הָט זִיךְ אָן גֶיטָאן אוֹיף זַיין קָאפּ. דִי אַלֶע הֶערִין וָוס זֶענִין דָארְטִין גֶיזֶעסִין אוּן הָאבֶּן גֶיזֶעהֶן וָוס דָס קִינְד הָט גִיטָאן הָאבֶּן זֵיי דִי זַאךְ אִיבֶּער גִינוּמֶען. אוּן דִי צוֹיבֶּרֶער הָאבֶּן גֶזָאגְט אַז דָס קִינְד וֶועט זַיין דֶר מַאן וָוס וֶועט דֶעם קֶענִיג שְׁטוּרְצֶען פוּן זַיין מלוכה. דְרוּם הָאבֶּן אַלֵי מסכים גֶוועֶן מֶען זָאל דָס קִינְד לָאזֶען הַארְגֶענֶען אָבֶּער יתרו אֵיינֶער פוּן דִי מִינִיסְטָארִין הָט זִיךְ אוֹיף גִיהוֹיבֶּן פוּן זַיין שְׁטוּל אוּן הָט גֶזָאגְט עֶס אִיז אוּמְרֶעכְט מֶען זָאל אַזַא שֵׁיין קִינְד טֵייטֶען אֵיידֶער מֶען אוּנְטֶער זוּכְט אוֹיבּ עֶר הָט דָס גִיטָאן מִיט זַיין פַארְשְׁטַאנְד. דְרוּם זָאל מֶען מַאכֶען אַ פְּרָאבֶּע אוֹיבּ דָס קִינְד הָט פֶערְשְׁטַאנְד אָדֶער נִיט. מֶען זָאל אַנִידֶער שְׁטֶעלִין צְווֵיי שִׁיסְלֶען אֵיינֶע זָאל זַיין אָן גִיפוּלְט מִיט דִימַאנְטִין אוּן דִי אַנְדֶערִי מִיט בְּרֶענֶעדִיגֶע קוֹילִין אַז דָס קִינְד וֶועט חַאפִּין דִימַאנְטִין אִיז אסימן אַז דָס קִינְד אִיז פֶערְשְׁטֶענְדִיג. אַז דָס קִינְד וֶועט אָבֶּער חַאפִּין דִי בְּרֶענֶעדִיגֶע קוֹילִין אִיז אסימן אַז זַיין פֶערְשְׁטַאנְד אִיז נָאךְ נִיט עֶנְטְוִויקֶעלְט אוּן מֶען דַארְף אִים דֶער פַאר נִיט שְׁטְרָאפִין. דִי עצה אִיז גֶפֶעלִין דֶעם קֶענִיג אוּן אַלֵי מִינִיסְטָארִין אוּן מֶען הָט גֶמַאכְט דִי פְּרָאבֶּע. דֶר קְלֵיינֶער הָט גֶוואלְט אוּם שְׁטְרֶעקִין דִי הַאנְד צוּ דִי דִימַאנְטִין אָבֶּער אַ גֶעטְלִיכֶע קְרַאפְט הָט זַיין הַאנְד צוּ גֶעצוֹיגִין צוּ דִי בְּרֶענֶעדִיגֶע קוֹילִין. דָס קִינְד הָט פוּן שְׁמֶערְצִין גִישְׁרִיגֶען אוּן הָט גִיחַאפְּט דִי הַאנְד מִיט דִי קוֹילִין צוּם מוֹיל אוּן הָט זִיךְ דִי צוּנְג אָפּ גִיבְּרֶענְט פוּן דֶעמָאלְט אָן אִיז עֶר גֶוָוארֶען אכבד פה אוּן הָט נִיט גֶקֶענְט גוּט רֵיידִין דְרוּם הָט עֶר זִיךְ בַּיי גָאט עֶנְטְשׁוּלְדִיגְט אַז עֶר קֶען נִיט גֵיין צוּ פרעה הֵייסִין דִי קִינְדֶער ישראל אַרוֹס שִׁיקֶען פוּן מצרים וַוייל עֶר אִיז אכבד פה: (שמות רבה א׳)

76 אֵיין מָאל אִיז גִיקוּמֶען צוּ רבי אליעזר אַ פְּרוֹיא אוּן הָט אִים דֶר צֵיילְט דָס זִיא הָט גִיזֶעהֶן אִין חלום דָס דֶר בַּאלְקִין פוּן הוֹיז אִיז צוּ בְּרָאכִין גִיוָוארֶען. הָט רבי אליעזר אִיר פותר חלום גִיוֶועזֶען דָס זִיא וֶועט הָאבֶּן אזכר אִין דִיזֶעם יָאר אוּן אַזוֹ אִיז גִיוֶועזִין. אִיבֶּער אַ יָאר אִיז זִיא ווִידֶער גִיקוּמֶען צוּ רבי אליעזר אוּן הָט אִים דֶעם זֶעלְבִּיגֶען חלום דֶר צֵיילְט הָט עֶר אִיר ווִידֶער אַזוֹ פותר חלום גִיוֶועזֶען צוּם דְרִיטֶען יָאר אִיז זִיא ווִידֶער גִיקוּמִין צוּ רבי אליעזר מִיט אַזא חלום אָבֶּער זִיא הָט רבי אליעזר נִישְׁט גִיפוּנֶען אִין דֶר הֵיים הָט זִיא דֶעם חלום דֶר צֵיילְט דִי תלמידים הָאבֶּן זֵיי אִיר פותר גִיוֶועזִין דָס אִיר מַאן וֶועט שְׁטַארְבִּין אִין דֶעם יָאר. דִי פְרוֹיא הָט בִּיטֶערְלִיךְ גֶווֵיינְט ווִי זִיא אִיז אַרוֹס גִיגַאנְגֶען אִיז רבי אליעזר אָן גִיקוּמֶען אוּן הָט זִיא גִיפְרֶעגְט פַאר וָוס זִיא ווֵיינְט הָאט זִיא אִים דֶער צֵיילְט דִיא גֶשִׁיכְטֶע הָט רבי אליעזר גִיזָאגְט צוּ זַיינֶע תלמידים אִיר הָט אִיר מַאן גֶהַרְגֶית. ווֵייסְט אִיר דֶען נִישְׁט דָאס אַלֶע חלומות גֵייעֶן נָאךְ דֶעם אוֹיס רֵייד פוּן מוֹיל אַזוֹי ווִיא מֶען אִיז פותר אַזוֹ וֶוערְט גֶשֶׁעהֶן:
(מדרש איכה רבתי כגוים)

77 צְווֵיי בְּרִידֶער זֶענֶען גִיוֶועזֶען אִין אַ שְׁטָאט אֵיינֶער אִיז גִיוֶועזֶען אַ גְרוֹסֶער בעל צדקה וָוס עֶר הָט גִיהַאט הָט עֶר צוּ טֵיילְט דִי אָרוֹמֶע לַייט. דֶר אַנְדֶערֶער אִיז גֶוועֶן

אאכזר

א אכזר ער הט קיין גראשין נישט גיוואלט געבין אארומאן חאטשי ער איז רייך גיוועזן אונ הט קיין קינדר נישט גיהאט. עס איז גיוועזין דער לעצטר טאג חול המועד סוכות דס איז הושענא רבה הט דר בעל צדקה צעהן רובל גינומין איין צו קופין עסין אוף יום טוב פר וייב אונ קינדר. געהענדיג אוף דר גאס הט ער גיטראפן די גבאי צדקה וואס זענין גיגאנגין קלובין פר ארומע לייט נדבות אוף יום טוב איז ער צו זיי צו גיגאנגן אונ הט זיי אוועק גיגעבן די צעהן רובל וואס ער הט ביי זיך גיהאט. ער האט זיך גישעמט צוריק צו קומען צו זיין וייב מיט ליידיגע הענד איז ער גיגאנגען אין בית המדרש הט ער גיזעהן ווי קינדר שפילין זיך מיט אתרוגים. הט ער ביי זיי גבעטין זיי זאלין אים שענקין דיא אתרוגים ער הט איין גיפאקט די אתרוגים אין אזאק אונ הט זיך גיזעצט אוף אשיף אונ איז אנטלאפין פון זיין וייב ער איז גיקומען אין ארעזודענץ שטאט וואס דר קעניג איז קראנק גיווארן אוף לייב שמערצין. אונ דיא דאקטורים האבין קיין מיטל נישט גיפונען די שמערצין צו שטילן. איז גיקומן א מלאך צו חלום דעם קעניג אז וועט ער וועט עסין אתרוגים וואס די יודין האבן מיט זיי גיבענשט וועט ער גיזונד ווערין דר קעניג הט גיהייסין ארום שיקן שלוחים צו זיכן ווער עס הט אזעלכי אתרוגים. זענען זיי אוך אוף די שופין גקומן אונ האבן גיפונען אידיל זיצענדיג אוף אזאק פרעגין זיי אים וואס ער הט אין זאק הט ער זיי גזאגט דס ער הט אתרוגים וואס יודן האבן מיט זיי גיבענטש אום סוכות. זיי האבן אים באלד צום קעניג אוועק גיפירט ער הט פון די אתרוגים גיגעסין אונ איז געזונד גווארין. דר קעניג הט גיהייסין מען זאל אים אן פולין דעם זאק מיט גאלדענע דיקאטען אונ אים אפ שיקען בכבוד נאך זיין שטאט צוריק. ווי ער איז גקומען אין זיין שטאט ארין זענין אלי איין וואהנר אים אקעגין גיגאנגן. אוך זיין רייכר ברודר איז ארום גגאנגן אקעגין אים אבר ווי דר רייכר ברודר הט גיוואלט אריבר גיין איבר די בריק הט זיך זיין פוס אוס גיגליטשט אונ איז ארין גפאלין אין טייך אונ זיך דער טרינקן אונ דער ברודר הט גירשינת זיין פרמעגין: (ויקרא רבה לז)

78 אין רבי עקיב"ס צייטן איז גיוועזין אריכר מאן ער הט גהייסן נתן. ער הט זיך פרליבט אין אפרוי א אשת איש זיא הט גיהייסן חנה. די ליבע איז אזו גרוס גוועזין אז ער איז דאדורך שרעקליך קראנק גווארין אונ הט גיפרעגט דיא רופאים איבר זיין קראנקהייט. האבען זייא גזאגט דס ער הט קיין רפואה ניט געזונד צו ווערין ביז ער וועט ממלא זיין זיין ברענעדיגע תאוה מיט דר פרוי חנה. די רופאים האבן זיך א עצה גהאלטן מיט די חכמים וואס צו טאן. האבן די חכמים גזאגט בעסר זאל נתן שטארבין אונ זאל ניט טוהן אזא גרויסין הטא. האבן דיא רופאים גפרעגט אפשר איז מעגליך אז ער זאל זיך וועניגסטינס מיט איר אונטר האלטין האבן די חכמים גזאגט בעסר זאל נתן שטארבן אונ זאל זיך מיט איר ניט אונטר האלטין נתן איז פון טאג צו טאג קראנקער גווארין:

דר ווייל הט זיך גטראפין דס חנה'ס מאן איז גווארין אגרויסר בעל חוב אונ איז גווארין ארין גזעצט אין גיפענקניש פר זיינע שולדען. חנה הט נעבאך גימוזט ביטר ארבייטען זיא הט גישפינן פלאקס אונ גוועבט אונ הט קוים איר לעבענס מיטל פר דינט פר איר אונ איר מאן. איין מאל איז חנה גקומ: צו איר

מאן אין גיפענקניש הט זי אים גפונען זעהר טרויריג און פערוויינט הט זיא אים גיפרעגט פר וואס וויינסטו היינט מעהר ווי אלי מאל. אוי מיין ליב ווייב איך קען שוין מיינע צרות ניט ערטראגין הט ער צו איר גזאגט איך ווינטשע מיר שון בעסר דעם טוט ווי לאנג נאך וועל איך זיצן אין דעם גריב אן האפעניג אוף בעסערי צייטין. אז דו וואלסט גוואלט מיך באמת ראטעווען וואלסטו דס לייכט גקענט. זאג מיר ליבר מאן וואס זאל איך טאן. איך וועל מיין לעבין מקריב זיין פר דיר איך וועל אלץ טאן וואס דו וועסט מיר הייסין און דיך צו ראטעווען. אזו הט חנה גיזאגט צו איר מאן און טייכין טרערין האבין דאבייא גילאפין. אז דו ווילסט מיך באמת ראטעווען הט דר מאן צו איר גזאגט זאלסטו גיין צו דעם רייכין נתן ער זאל דיר אסומע געלד בארגין איך זאל קענין די חובות בעצאלין. וואס שפרעכסט דו הט זי אגישריי גיטאן און איז אפ געשפרינגן צוריק וייסט דו דען ניט דס ער ליבט זיך אין מיר און ער איז קראנק וויא קען איך צו אים גיין ווי קען איך מיינע עהרע מייני רעליגיאן מיינע מענטשליכקייט פר קויפן. איך האב מיך דס ניט גירעכט דו זאלסט מיך צו אזא זאך צו רעדין. זי איז פון גרויס כעס אנטלאפין און איז דריי טעג צום מאן ניט גגאנגן. אין פערדין טאג איז זי גגאנגן זעהן וואס איר מאן מאכט. אבער דר מאן הט אוף איר אגעשריי גגעבן ארויס מערדרין דו ווילסט אז איך זאל שטארבין און נאכהער וועסטו קענן חתונה האבין מיט דיין געליבטן נתן. איך פר שטיי דיך גוט איך וויס דייני גידאנקן. מיין ליבער מאן הט זי אים מיט וויינע רייד גיענטפערט. איך האב אוף דיר קיין פר איבעל ניט פר דיינע שטרענגע ווערטר וייל איך קען דיינע לאגע איך וויס דיינע שמערצין. אבר בארעכין דיך ווי איז דס גיהערט גווארין דס אמאן זאל הייסען זיינע אייגעני ווייב געהן און פראנריינוג זיך. ווי קענסטו דס פון מיר פערלאנגן זיא הט אן גיפאנגן שרעקליך צו וויינן דר מאן איז צו איר צו גגאנגן און הט זי גבעטין אז זי זאל אוף אים ניט בייז זיין פר אזעלכי רייד דען ער הט נאר פון שמערצין גירעדט. דו מיין ווייב גיי אהיים און לאז מיך אליין אפשר וועט גאט זעהן מיין פיין און וועט מיר שיקען זיינע הילף:

חנה איז גגאנגן אהיים און הט דעם טאג גפאסט און מתפלל גיוועזן אז זי זאל ניט גישטרוכילט ווערין אין אזא שרעקליכען חטא. און איז גגאנגען צו נתן ווי זי איז נאר אין טויער פון זיין הויף גיקומן זענן די משרתים גילאפין אן זאגען אז חנה איז צו אים גיקומן הט נתן צו זיי גיזאגט אויב עס איז אמת ווי איר זאגט וועל איך איך שענקין די פרייהייט. חנה איז צו אים ארייַן גיקומן הט ער זיך אוף גיהובין פון זיין שטיל און איז גילאפין אקעגין און הט צו איר גיזאגט. מיינע ליבע חנה וואס פר לאנגסט דו פון מיר מיין האלב פרמעגין גיב איך דיר אוועק. הט חנה צו אים גיזאגט מיין פערלאנגן פון דיר איז דו זאלסט בארגין מיינעם מאן אסומע געלד ער זאל קענן בצאלין זיינע בעלי חובות און זאל צוריק פריי ווערין. נתן הט באלד בעפוילין זיינע קנעכט און מען הט איר גלייך דס גיגעבן ווי פיל זיא הט פערלאנגט. נאכהער הט נתן צו איר גזאגט זעה מיינע ליבע חנה. איך האב דיין וואנטש ערפולט יעצט ערפול אוך דו מיר מיין וואנטש דו וייסט דאך דס איך בין דורך מיינע ליבע צו דיר קראנק גיווארין. נאר דו

אליין

אליין קענסט מיר העלפן פון מיינע קראנקהייט האב דאך רחמנות אויף מיר און ראטעווע מיין לעבן. הט חנה אים געענטפערט איך בין אין דיינע הענד דו קענסט מיט מיר טאן וואס דו ווילסט. אבער גידענק מיין הער דו שטעסט היינט ביי צוויי וועגען. איין וועג פירט צום לעבן און דער צווייטער צום טוט. דערמאן דיך דאס מיט דער שמוציגע תאוה וואס גוועהרט נאר א אויגען בליק פרשפילסט דו דיין גאנצעס גליק דיינע גאנצי צוקינפט און הארגעסט נאך צוויי מענטשן מיך און מיין מאן. וואס דויערט די מענטשליכע תאוה נאר איין מינוט אבער דער נאך וועט אים זיין הארץ פר ווילדעט מאכן זיין גאנצן לעבן. איך בעט דיך מיין הער ביינ אנידער דיין יצר הרע בעצווינג דיין תאוה. מאך מיך ניט אסור אויף מיין מאן אויף אייביג זעה איך בין דאך נאר אשוואכי פרויא איך ליב דיך אויך פון גאנצן הארצן און דאך שטארק איך מיך מיינע תאוה צו בעצווינגן. איך זאל מיין לעבן ניט פר זינדיגן אויף אייביג:

ווי נתן הט געהערט אירע שיינע רייד. איז ער אויף געשטאנען און געפאלן צו דער ערד און הט מתפלל גוועזן צו גאט ער זאל אים העלפן דעם יצר הרע גובר צו זיין. גאט הט אים אויך דער העהרט און זיין תאוה איז אפ געלאזט געווארן פון אים. דער נאך הט ער צו איר געזאגט. געבענטש זאלסטו זיין צו גאט דאס דו האסט מיך אפ געהאלטן פון אזא גרויסן חטא. געה בשלום נאך הויז. חנה הט דעם מאן באלד בעפרייט פון תפיסה. זיא הט אים אויך דער ציילט וואס עס איז גוועזן צווישען איר און נתן. אבער דער מאן הט איר ניט גוואלט גלייבן און ער הט זיך אפ געשייד פון איר:

איין מאל ווי רבי עקיבא איז געזעסן מיט זיינע תלמידים און גילערונט הט ער געזעהן דורך דעם פענסטער אמענטש רייטן אויף אפערד און אויף זיין קאפ לייכטעט ווי דער גלאנץ פון הומל הט ער גיפרעגט זיינע תלמידים ווער איז דאס דער מאן וואס רייט דא און אנטקעגען הט א תלמיד געענטפערט דאס איז דאך נתן דער נואף הט רבי עקיבא געהייסן מען זאל אים ארין רופן. נתן איז ארין געקומען און רבי עקיבא הט אים גיפרעגט זאג מיר וואס פר אמצוה האסטו געטאן וואס אויף דיין קאפ שיינט אזא גלאנץ. הט נתן אים דער ציילט די גאנצי געשיכטע מיט דער חנה הט רבי עקיבא אים געבענטש און הט גזאגט דו האסט דיין יצר הרע גובר גוועזן דרום שיינט די שכינה פון דיר. יעצט מיין זון זעצע דיך אין מיין ישיבה דו וועסט לערנען תורה און וועסט נאך אגרויסער מאן ווערין. נתן הט אים געפאלגט און הט זיך גינומען צום לערנען ביז ער הט געקריגן אגרויסן נאמען אונטער די יודען:

איין מאל איז גיקומען דער מאן פון חנה צו רבי עקיבא אים עטוואס צו פרעגן וועגן אזאך הט ער געזעהן ווי נתן זיצט אין דער ערשטי שורה פר רבי עקיבא הט ער גיפרעגט איינעם פון די תלמידים ווי אזוי איז נתן דער הולטייא געקומען צו דיזע שטופע. האבן זיי אים דער ציילט די גאנצע געשיכטע. אצונד הט ער גוויסט דאס זיין ווייב איז ריין און ערליך און האט מיט איר גילעבט וויא עס דארף צוא זיין. נתן האט געקריגען דעם צו נאמען צוציתא דאס הייסט שטראהלון און לייכטין: (סדר הדורות אות ד')

79 עס איז געוועזן אפרומער מאן הט געלעבט גליקליך מיט זיין פרוי און איז

זעהר

זעהר רייך גוועזן. אבער דר נאך איז ער ארום גווארין אונ הט זיך פר דינגן פר א טאגלעהנער צו ארבייטין אין פעלד. ער הט נעבאך זעהר שווער אונ בוטר גיארבעט שווייס האבען זיך פון אים גיגאסין אזו ווי וואסר אבער זיין ווייב הט אים שטענדיג גיטרייסט. איין מאל איז צו אים אין פעלד גיקומן אליהו הנביא אונ הט צו אים גזאגט זאלסט וויסן דאס דו וועסט האבען זעהן גליקליכע יארין אין דיין לעבן נאר דו קענסט אויס קלויבין וועלכי יארין דו ווילסט יעצט אדער שפעטער אויף דר עלטער. הט דר חסיד גיזאגט צו אליהו איך וויל געהן א עצה האלטין מיט מיין ווייב. ער איז גקומן צו זיין ווייב אונ הט איר דם גיזאגט הט זיין ווייב אים גיענטפערט וום זאלין מיר זארגין אויף שפעטער בעסר פריער וויא שפעטער. ער איז גגאנגן צוריק אין פעלד אונ הט תשובה גיבראכט צו אליהו הנביא דם ער וויל בעסר באלד האבין די צעהן גוטע יאר. הט אליהו הנביא צו אים גזאגט גיי אהיים וועסטו שוין זעהן דם גאט הט דיך בעגליקט ער איז גיגאנגן צו הויזע הט ער גיטראפן זיין ווייב ארויס געהענדיג אים אנטקעגין אונ הט אים אן גזאגט דם זי הט געפונן א אוצר. דר חסיד איז פון יעצט זעהר רייך גווארין. זיין ווייב הט אבער גידענקט אן די ווערטר פון אליהו הנביא הט זיא גזאגט צום מאן גאט הט אונז גגעבין אפקדון מוזין מיר זעהן דעם פקדון צו בענוצין כדי אז עס וועט קומן די צייט דעם פקדון אפ צו געבין זאלין מיר ניט פר גאט בעשעמט ווערין. זיי האבן גיטיילט פיל צדקה אונ דר זון הט אלץ וום זיי האבין צו טיילט אין בוך גישריבן:

עס הט זיך גיענדיגט די צעהן יאר איז אליהו הנביא ווידר גיקומן צו דעם חסיד אונ הט גזאגט איצט בון איך גיקומן אפ צו נעמן ביי דיר דעם פקדון וום איך האב דיר גיגעבן צו באהאלטין. הט ער גזאגט צו אליהו הנביא איך האב ביי דיר גינומן דעם פקדון מיט מיין ווייבס רשות מוז איך דיר אפ געבן אויך מיט איר רשות. ער איז גיקומן אונ הט דער צײלט זיין ווייב דם אליהו הנביא איז גיקומן בעטין צוריק דעם פקדון. הט זי צו אים גזאגט גיי זאג דעם אלטין מאן אויב ער הט גיפונן זעבערי העגד איבר צו געבין דעם פקדון. מען זאל מיט דעם געלד מעהר צדקה געבן וועל איך דם געלד צוריק געבין. אז נישט בעט איך עס זאל ביי אונז בלייבן. וויא אליהו הנביא הט דאס גיהערט האט ער דאס פאר מענין ביי זיי צוריק גילאזט: (ילקוט רות)

### דיא גיגעטע פרויא

80 רבי יוסי הגלילי הט גיהאט זייער א שלעכטע פרוי. זיא איז גיוועזן זיין שוועסטערס טאכטר אבער זיא הט אים זייער שלעכט בהאנדעלט אונ פלעגט אים צו שעלטן אין די אויגן פון זיינע תלמידים איין מאל הט ער צו זיך איין געלאדן רבי אליעזר בן עזריה צו מיטאג קומענדיג אין זייני וואנונג פרעגט רבי יוסי זיין ווייב וום זיא הט אן גיגרייט אויף מיטאג הט זיא אים מיט כעס גיענטפערט קראט האב איך דיר גיקאכט אונ איז פון דער שטוב ארוס גילאפן. רבי יוסי איז צו גיגאנגן צו דר קעך אונ הט גיפונן אגיבראטינע הין הט רבי אליעזר צו אים גיזאגט אנם איז דיר גישעהן דען פון קראט איז גווארין אהין. נאך דעם הט רבי אליעזר אים גיפרעגט פר וום עך ניט נעמט קיין גט זיין ווייב. האט רבי יוסי גיזאגט וום זאל איך טאן דיא

כתובה אירע איז גרוס אונ איך האב איר ניט צו געבן. הט רבי אליעזר אים גגעבן די ניינטיגע סומע אונ ער הט זיין ווייב גיגט. זיא הט דער נאך חתונה גיהאט מיט דעם וועכטער פון דר שטאט אבר דר וועכטער איז בלונד גוואָרן ער הט ניט מעהר גיקענט אין זיין דינסט בלייבן. אונ הט גימוזט בעטלן. זיין ווייב הט אים אין אלי גאסן ארום גיפירט גאר אין דר גאס ווי רבי יוסי הט גוואנט הט זי אים ניט גוואלט פירן. דר בלונדר הט אבר גוויסט אלי ווינקליך פון דר שטאט הט ער דס בימערקט אונ הט זיא גיפרעגט פר וואס זיא פירט אים ניט אין דר גאס ווי רבי יוסי וואנט ער איז דאך זייער אגוטער מענטש וועט ער אונז געבן אגוטע נדבה. זיא האט אבר אים ניט גיוואלט פאלגן. הט ער זיך מיט איר גיקריגט. אונ פון קריג איז גיקומן צו שלעג. אין דר זעלביגע צייט איז רבי יוסי פר ביי ניגאנגען אונ הט גיזעהן וויא דר וועכטער שלאגט זיין ווייב. איז ער צו גיגאנגען צום וועכטער אונ הט אים גיפרעגט פר וואס שלאגסטו דיין ווייב. הט דר וועכטער אים גיענטפערט פאר וואס איז זיא אזוי שלעכט אונ וויל מיך ניט פירן אין דר גאס וויא רבי יוסי וואהנט ביי אים וואלט איך אגוטע נדבה בקומן. רבי יוסי האט אויף זיין געשידענע ווייב רחמנות גיהאט אונ האט זיי אפ גיגעבן א וואהנונג אונ אויך גיגעבן זייערי גאנצי פרנסה וואס זייא האבען געברויכט: (בראשית רבה יז)

81 אקויפמאן הט מיט זיין זון גמאכט אגרויסי נסיעה איבר דעם ים. אונ הט גיפירט מיט זיך אזאק אן גפולט מיט גאלדשטוקליך דר קאפיטאן הט אים אן גוויזן אפינצטער ווינקל אין שיף הט דר סוחר גהערט וויא די מאטראזין רעדין איינר מיט דעם אנדערן דס מען זאל דעם סוחר מיט דעם זאהן אין וואסר אריין ווארפן אונ דס געלד ביי אים צו נעמין. דעם סוחר איז גווארען ביטער אופען הארצן אונ הט גזיכט אפלאן ווי זיין לעבען צו ראטיווען ער הט אן גיפאנגן זיך קלאמערשט צו קריגן מיט זיין זוהן אונ הט זיך גמאכט אזו וויא ער איז אין כעס. אונ פון כעס הט ער דעם זאק מיט גאלד אין ים אריין גווארפן. דורך דיזע חכמה הט ער זיין לעבן דר מיט גראטיוועט דר נאך אז זיי זענין גיקומן אויף דער יבשה. איז גיגאנגן דר סוחר אונ האט דיא גאנצע גשוכטע דער ציילט אין סאנד אונ האט איין גקלאגט דעם קאפיטאן אויף אפערלארינע סומע. אונ דער רעכטער האט גפסקית אז דער קאפיטאן מיט דיא מאטראזין זאלן בייא צאלען דעם סוחר די גאנצע פר לארינע סומע: (מדרש קהלת עת לבקש)

82 איינר איז גקומען צו רבי יוסי בן חלפתא ער זאל אים פותר חלום זיין אים הט זיך גחלומת ער זאל גיין נאך דר שטאט קפודקיאה אפ צו נעמן א אוצר וואס זיין פאטר הט אים צו ירושה איבר גלאזט. הט רבי יוסי זיך גפרעגט אוב זיין פאטר איז אמאל גיוועזן אין קפודקיאה אבר דר זוהן הט גזאגט ער ווייסט זיכר דס זיין פאטר איז אין זיין לעבן אין קפודקיאה ניט גוועזן. רבי יוסי הט אביסל נאך גדאכט אונ הט אים גזאגט גייא צייל אפ אין דיין שטוב דעם צוואנציגסטן באלקען דארטן וועסטו גיפונען דעם אוצר. ביי מיר אין שטוב איז אין גאנצן קיין צוואנציג באלקענס ניט דא הט דר מאן גזאגט צו רבי יוסי. איך וויים אז ביי דיר אין שטוב זענין ניט דא קיין צוואנציג באלקונס. נאר הייב אן צו ציילן פון אנפאנג ביז צום סוף. דער נאך צייל צוריק אז דו וועסט קומן צו דער צאל צוואנציג וועסטו דיך



דארטן

דארטן אפ שטעלן אונ וועסט אונטער זיבען דעם באלקן. דער מאן איז גגאנגען נאך הויז אונ הט אזו גטאן ווי רבי יוסי הט גיהייסן אונ הט ווירקליך גיפונען דעם אוצר אזו וויא רבי יוסי הט אים גזאגט:

וויא די תלמידים האבן דס גהערט האבין זיי זיך זייער פר וואונדערט איבר דעם פתרון אונ האבין רבי יוסי'ן גפרעגט פון וואנין האט ער גיוויסט אזו פותר צו זיין. הט רבי יוסי זיי גיענטפערט דיא זאך איז איינפאך איך האב גקאנט זיין פאטער ער האט גרעד האלב גרעכיש. אין גרעכיש איז קפו באלקען דקיא צוואנציג. גיווים הט דר זוהן גהערט פון פאטר פאר זיין טויט די ווערטר מטמון קאפו דאקיא. אונ אזוי וויא ער האט דיזע ווערטר גטראכט אזו האט זיך אים נחלומר ביי נאכט: (בראשית רבה פ' ס"ח)

83 ווער עס הט גלערונט תורה אונ לערונט זיא ניט מיט אנדערי איז גלייך צו אהדס אין דער וויסטע ווס קיינער גניסט ניט פון זיינעם שיינעם ריח אבר דר ווס לערונט אויך מיט דעם אנדערן איז גלייך צו אהדס אין דער מדבר וואס איינר גפונט אים אונ ווערט איבער ראשט מיט פרייד ביי דעם אן בליק: (ראש השנה כג)

84 נאך דעם חורבן בית המקדש איז גיוועען גרויסע גזירות אויף יודין. זייא זאלין קיין תורה ניט לערנען אונ די מצות ניט האלטען. דרום זענען גיוועען די יודען גיצווינגען זיך צו פר שטעלן פר גוים אבר אין דר שטול האבען זיי די תורה גהאלטען עס איז דעמאלט גוועען אקצב וואס הט גיהאט גקאכט פלייש צו פר קויפן. עס איז גיוועען ביי אים צו קריגען כשר אונ טרפה. אז עס איז אריין גיקומען אמענטש צו אים עסין אונ ער הט ניט גיוויסט אויב ער איז איוד אדער ניט. הט ער גהאט דעם סימן אז יענר איז זיך גגאנגען וואשען הט ער אים גגעבן כשר פלייש. אז יענער איז זיך ניט גגאנגען וואשן צום עסין הט ער גוויסט אז ער איז ניט קיין יוד האט ער אים גגעבען חזיר. איין מאל איז אריין גיקומען דארט איוד צו עסין ער האט זיך אבר ניט גיוואשן הט דער קרעמער אים גיגעבן חזיר פלייש. ביי דעם בצאלען האט ער ביי אים פאר לאנגט צעהן מנה. האט דער קופער צום קרעמר גיזאגט נעכטן האב איך דיר בצאלט נאר אכט מנה. איך האב דיר היינט גיגעבן חזיר פלייש וועייל דו האסט דיך ניט גיוואשען צום עסין. האט דער קרעמר אים גיענטפערט. דער פון האבן די חכמים גיזאגט. אז וועגען מים ראשונים האט איין יוד גיגעסין בשר חזיר:

איינר הט גיגעסן צו מיטאג ארבים. ער הט זיך אבר ניט אפ גיוואשען נאך דעם עסין אונ זיך ניט אפ גיווישט דס מויל איז אים גבליבן אצייכן פון די ארבים אויף זיין מויל אונ איז אזו ארויס גיגאנגען אויף דער גאס. איין באטרעגר הט אים בגעגונט אויף דר גאס איז ער גילאפן צו זיין ווייב אונ הט איר גיזאגט דיין מאן הט דיר גיהייסן דו זאלסט מיר געבן דס פינגעריל ווס דו טראגסט א סימן הט ער דיר גיהייסן זאגן ער הט היינט גיגעסן ארבים. דאס ווייב הט אים גיגלייבט אונ הט אים דס פינגעריל גיגעבן. דר מאן איז גיקומן אהיים הט ער גזעהן אז זיין ווייב האט ניט דס פינגעריל אויף דעם פינגער הט ער זיא גפרעגט ווי איז דס פינגעריל הט ייא צו אים גזאגט דו האסט דאך גיהייסן דעם אונ דעם געבן. דו האסט אים נאך גזאגט א סימן וואס דו האסט היינט גיגעסן. דער מאן איז בייז גיווארן אונ

הט

האט דעם ווייב אקלאפ גיגעבן אז זיא איז גיפאלן אונ גישטארבן דארום האבן די חכמים גיזאגט אז דורך מים אחרונים הט מען גיהרגת אנפש: (במדבר רבה ג׳)

85 אין דער שטאט צפורי איז גיוועזן אקצב ארשע. ער הט יודן פר קופט בשר נבלה וטרפה. איין מאל ערב יום כפור הט ער זיך גוט אן גשיכערט אונ איז ארוף אוף דעם דאך אונ איז אראפ גיפאלן אונ גשטארבן. די הינד האבן גלעקט זיין בלוט. הט מען דס דר ציילט רבי חנינא אונ האבן אים גיפרעגט אוב זיי זאלן די הינד אוועקיאגען. הט רבי חנינא גיענטפערט לאזען זיי לעקין זיין בלוט. ער הט די הינד גרובט ביי דעם לעבען דען אן שטאט די נבלות וטרפות פר די הינד צו ווארפן וואס די תורה זאגט לכלב תשליכון אותו הט ער דס פר קויפט יודן אצונד דארפן די הינד זייער חלק אפ נעמן: (ויקרא רבה פ׳ ה׳)

86 רבי עקיבא פלעגט שטענדיג מאכן אנסיעה אין ווייטע לענדר צו זאמן צו נעמן נדבות פר די ארומע תלמידים וואס זיצען אונ לערנין ווען ער פלעגט צו קומן אין דר שטאט אנטוכיא איז ער אריין גגאנגען צו איין רייכען מאן וואס הט גיהייסן אבא יודן. ער פלעגט געבן צו רבי עקיבא אגרוסע נדבה. אבר ביי רבי עקיבא׳ס לעצטר נסיעה איז אבא יודן ארום גיוועזן אונ הט קיין נדבה ניט מעהר גיקענט געבן עס הט אים נעבך זייער גיקרענקט. איז ער גיקומען אונ הט דער ציילט זיין ווייב אז רבי עקיבא איז גיקומן אין שטאט אונ ער האט גאר ניט צו געבן הט זיין ווייב צו אים גיזאגט זיא אזוי קענסטו זאגן דס דו האסט גאר ניט דו האסט דאך נאך אשטוק פעלד פר קוף אהעלפט פעלד אונ גיב דיין נדבה אזו ווי תמיד. דר מאן הט זיין ווייב גיפאלגט אונ הט פר קויפט אהאלב פעלד אונ האט גיגעבען זיין נדבה צו רבי עקיבא. אונ רבי עקיבא האט אים גיבענטשט. אין איינעגע טעג ארום הט אבא יודן גיאקערט אין זיין פעלד הט זיך זיין קיה אום גגלוטשט אונ איז גיפאלן אונ הט אפוס צו בראכן. אבא יודן הט שטארק גוויינט דען די לעצטי שטוצע פון זיין פרנסה איז אים צו גינומען גיווארן. אבר וויא ער איז גיגאנגען אוף הייבן די קיה פון דר ערד הט ער גזעהן איין אוצר אין דר ערד. אבא יודן הט גידאנקט גאט פר דעם נס וואס ער הט מיט אים גיטאן. אין איאר ארום איז רבי עקיבא ווידר אהין גיקומן אונ הט נאך גפרעגט וואס אבא יודן טוט האבן די שטאט לייט אים גיזאגט אז אבא יודן איז אצונד זייער רייך ער הט אגרוס פר מעגין. רבי עקיבא הט אים באזוכט אונ אבא יודן האט זיך מיט אים זייער גפרייט אונ הט אים נאטורליך גגעבן אגרוסע נדבה לוט זיין רייכטום: (ויקרא רבה פ״ח)

87 איינר הט גילאזט פר זיין טויט אצואה אז זיין זון זאל אים אנדערש ניט ירשענען ביז ער וועט משוגע ווערן. איז די צואה גיקומן פר רבי יוסי בן יהודה הט ער ניט פר שטאנען די מיינונג דר פון. איז רבי יוסי גיגאנגען צו רבי יהושע בן קרחה פרעגין ער זאל אים ערקלערן וואס דר פאטר הט דא גמיינט מיט דר צואה. וויא ער איז גיקומן צו רבי יהושע הט ער גיזעהן דורך אשפאלט פון דר שטוב ווי רבי יהושע קריכט אוף אלע פיר אוף דער ערד אונ זיין קליינער זוהן האלט אים הונטען ביי די פאלע אונ רבי יהושע לופט איבר דעם צימר אזו ווי אפערד. רבי יוסי הט גיווארט ביז רבי יהושע איז אריין גיקומן הט רבי יוסי אים גיפרעגט וואס די מיינונג איז פון דר צואה. הט רבי יהושע אן גיהובן צו לאכען אונ הט גזאגט

ערשט

ערשט פר איין מינוט הט זיך מיר די זעלבי זאך גטראפן. ווייסטו דען ניט אז איינר וואס הט קינדר מאכט ער זיך מיט זיי משוגע דר פאטר הט גימיינט מיט דר צוואה אז ער זאל ניט נעמן די ירושה ביז ער וועט האבן קינדר: (ילקוט תהלים)

88 אפאר פאלק האבן גילעבט צעהן יאר צוזאמן אונ האבן ניט גיהאט קיין קינדר. זענין זיי גיקומן צו רבי שמעון זיך צו גטען. הט רבי שמעון צו זיי גזאגט איר הט אפ גילעבט צעהן יאר אין גלוק אונ פרידען דארפט איר אייך אפ שיידן אויך אין שמחה אונ פרידן. גייט אצונד אהיים אונ מאכט אמאל צייט אונ פרייד אייך פר דעם שיידונג דר נאך וועט איר קומן צו מיר. דס פאר פאלק האבן אים גיפאלגט אונ זענין אהיים גיגאנגן האבן גמאכט אבאל אונ האבן זיך זייער משמח גיוועזן. אין דר גרעסטר שמחה הט דר מאן גזאגט צום ווייב די טייערסטי זאכן וואס דו זעהסט אין שטוב קענסטו דיר מיט נעמן אין דיין פאטערס הויז. דער נאך אז דר מאן איז אנשלאפן גיווארן הט זיא באפולען די קנעכט זיי זאלן נעמן דעם הער אזו ווי ער ליגט אין בעט אונ אים אוועק טראגען אין איר פאטערס הויז אזו האבן די קנעכט גטאן. אין דר פריא אז ער הט זיך אויף גחאפט הט ער גיזעהן אז ער איז ניט אין זיין הויז הט ער גפרעגט זיין ווייב ווי ער געפינט זיך אצונד. הט זיין ווייב אים גיענטפערט דו האסט מיר אליין געהייסין איך זאל אויס קלויבען די טייערסטי זאכן פון דיין הויז אונ אוועק טראגן אין מיין פאטערס הויז. איך האב קיין טייערי זאכן ניט גיפונען ווי דיך אליין האב איך גיהייסן מען זאל דיך אוועק טראגן אין מיין פאטערס הויז. דר מאן הט די מעשה דער ציילט צו רבי שמעון. הט ער אויף זיי מתפלל גוועזן אונ די פרויי הט גיהאט אזוהן: (מדרש שה"ש)

89 דריי פריינד הט אמענטש. קינדר אונ קרובים. פרמעגן. אונ מעשים טובים. פר זיין שטארבן רופט ער דעם ערשטן גוטען פריינד די קינדר זיי זאלין אים העלפין. אבר זיי ענטפערן אים מיר קענין דיר גאר ניט העלפען אזו וויא עס שטייט אח לא פדה יפדה איש. איין ברודר קען דעם אנדערן ניט אויס לייזען פון דעם טויט. ער רופט דעם אנדערן פריינד דס געלד צו הילף. אבר אויך דס געלד ענפערט אים איך קען דיר גאר ניט העלפען אזו ווי עס שטייט לא יועיל הון ביום עברה. עס העלפט ניט פר מעגין אין דעם טאג פון צארן. ער רופט דעם דריטען פריינד די מעשים טובים צו הילף. זיי ענפערן אים ווען דו וועסט קומען צו דעם משפט פר גאט וועלין מיר שון דארטן זיין אונ מיר וועלין פר דיר שפרעכין אזו וויא עס שטייט דיינע צדקות וועלן טרעטען פר דיר ווען גאטס כבוד וועט דיך איין זאמלען: (ילקוט תהלים תתל"ט)

90 גאט הט די פרויי ניט גוואלט בשאפן פון אדם'ס קאפ כדי זיא זאל ניט שטאלצירן אונ טראגען אין דר הייך דעם קאפ. פון דעם אויג ניט. זיא זאל ניט אויף אלעם ווארפן איר אויג. פון דעם אויער ניט. זיא זאל ניט אלס הערן וואס מען דארף ניט. פון דעם מויל ניט. זיא זאל ניט צו פיל פלודערן. פון דעם הארץ ניט. זיא זאל ניט צו פיל קנאה האבין. פון דר האנד ניט. זיא זאל ניט איבעראל אירע הענד ארייין שטעקין. פון דעם פוס ניט. זיא זאל ניט צו לויפען. ווי דען גאט הט בשאפן די פרויי פון דר רופ פון א פרבארגענעם ארט. אבר די פרזיכט הט ניט

גיהאלפן. אלע פעלער וואס גאט האט געוואלט פר מיידן ביי דר פרוי צום סוף גיפינן זיך די אלע פעלער ביי אלע ווייבער: (בראשית רבה יח)

91 רבי שמעון בן גמליאל האט אמאל גזאגט צו זיין קנעכט קויף מיר אגוטס געריכט צו מיטאג. איז דר דינר גנאנגן אונ האט גקופט אצונג. דעם אנדרין טאג האט רבי שמעון גזאגט צום דינר ער זאל אים קופן אשלעכטס געריכט צו מיטאג. האט דר קנעכט ווייטר גקופט אצונג. ווי זאל איך דס פר שטיין האט רבי שמעון צו זיין קנעכט גזאגט נטכטין אז איך האב דיר גיהייסן קופן אגוט געריכט האסטו ניקויפט אצונג אונ היינט ווייטר אצונג. איך האב גאנץ ריכטיג גטאן האט דער קנעכט גיענפערט. ווען די צונג איז גוט איז זי די בעסטע זאך אוף דער וועלט אונ ווען דיא צונג איז שלעכט איז זיא דיא ערגסטע זאך אוף דער גאנצער וועלט: (ויקרא רבה לג)

92 פר וואס זענן די פונגר פון מענשן שפיטצוג. כדי אז ער וועט הערן נבול פה אדער אנדרי שלעכטע רייד זאל ער מיט די פונגר די אויערין צו שטאפין. ווארום איז דס אויער לעפיל ווייך כדי אז דר מענטש הערט שלעכטע רייד זאל ער זיך מיט דעם לעפיל דאס אויער צו שטאפן: (כתובות ה׳)

93 רבי יוחנן איז גינאנגן מיט זיין תלמיד אוף דעם וועג זענין זיי פאר ביי גינאנגען פר אפעלד האט רבי יוחנן גיזאגט צום תלמיד דס פעלד איז אמאל מיין גיוועזן אונ איך האב עס פר קופט אונ פון דעם געלד האב איך גיהאט צו לעבן איך זאל קענין זיצן אונ לערנן. דר נאך זענין זיי גינאנגען פר אויין גארטען האט רבי יוחנן אויך גיזאגט אז דער ווין גארטען איז אמאל זיין גיוועזן אונ ער האט עס פר קויפט כדי ער זאל קענין זיצען אונ לערנען. דער תלמיד האט פון דעם גיהאט גרוס קרענקונג אונ האט גוויינט. פרעגט אים רבי יוחנן וואס וויינסטו. האט אים דער תלמיד גיענטפערט עס קרענקט מיך וואס דו האסט אלדונג פר קויפט אונ אוף דיין אלטי יארען ביסטו ארום. האט אים רבי יוחנן גיענטפערט דארפסט גאר קיין קרענקונג ניט האבן. דען מיט דעם געלד האב איך מיר איין גיקופט תורה ווארום איך האב גיהאט פון דעם געלד צו לעבען האב איך גיקענט זיצען אונ לערנען. אונ די תורה באשוצט מיך אוף דער וועלט אונ וועט מיך בשוצען אוף יענער וועלט: (ילקוט שמות)

94 ווען יעקב אבינו האט גישיקט צו עשו זיינע מתנות אונ האט גיוואלט מיט עשו גוט ווערען האט ער צו אים גיזאגט וויא איך האב גיזעהן דיין פנים איז מיר אזו וויא איך וואלט גיזעהן דס פנים פון גאט. רבי לוי ערקלערט דיזע ווערטער אזו איינר איז אמאל גיווארען איין גילאדן צו אמאל צייט. זיצענדיג ביי דעם מאל צייט האט דר גאסט במערקט צו זיין שרעקין דס דער ווירטה וויל אים ערמארדן. האט דער גאסט גיזאגט צו דעם ווירטה דיינע שפייזען שמעקין אזו גוט וויא דיא שפייזען וואס איך האב גיגעסן ביי דעם קעניג. אז דער ווירטה האט דער הערט אז ער איז ביי קאנט מיט דעם קעניג האט ער אן גיפאנגען מורא צו קריגען אים עפיס צו טאן דער וייל האט דר גאסט זיין לעבן גיראטעוועט. אזו איז אויך גיוועזן מיט יעקב. ער האט דר מאנט זיין ברודר פון גאט וואס ער בשטראפט פר יעדער זינד האט עשו מורא גיקריגען אים עפיס צו טאן: (סוטה מא)

95 ווען יתרו'ס טעכטער זענין צוריק גיקומן פון ברונען געשווינדער וויא צו טאג האט זיך דער פאטער פאר וואונדערט. זיי האבן אים ערציילט דאס אמצרי ה זיי גיהאלפן פון די הענד פון דיא פאסטעכר. דער מדרש ערקלערט דאס מיט א משל. איינער איז גיווארן גיביסען פון א וואלד עזיל אין דעם פוס ער איז שנעל גילאפין צום טייך די וואונד אויס צו וואשן און פון בלוט צו ריינעגען. דער ווייל האט ער דער זעהן א יונגל איז אריין גיפאלן אין טייך און ווערט דער טרונקען דער מאן האט אים שנעל פון טוט גיראטעוועט דאס יונגל האט צו אים גיזאגט דיר האב איך מיין לעבן צו פר דאנקן. אבער דער מאן האט אים גיענפערט ניט מיר האסטו צו פר דאנקען נאר דעם וואלד עזיל וואס האט מיך גיביסן אין פוס דען ווען ניט ער וואלט איך אהער ניט גיקומן און דו וואלסט דער טרונקן גיווארן. אזו איז אויך י מיינונג. אזו האט משה גיזאגט צו דיא טעכטער פון יתרו ניט איך האב אייך גיהאלפן נאר דער מצרי וואס איך האב אים גיהרגית ווארום ווען ניט ער וואלט איך ניט גיברויכט אהער צו קומן: (שמות רבה א)

ביישפילע פון חיות. וואס מען קען זיך דר פון לערנין חכמה און מוסר.

96 אמאל איז א פוקס גיקומן צו א וויין גארטען וואס איז גוועזין ארום און ארום פר שלאסן. נאר דורך א קליינע עפענונג האט מען גיקענט אריין גיין אבער פאר דעם פוקס איז דאס צו קליין גיוועזן. וואס האט דער פוקס גימאכט ער האט גיפאסט דריי טעג ביז ער איז גיווארן מאגער און האט גיקענט אריין אין גארטען דורך דיזע קליינע עפינונג. ער האט דארטן גיגעסין די טרויבן נאך לוסט און איז ווידער פעט און דיק גיווארן ער האט גיוואלט ארויס דורך די עפענונג. עס איז אבער ווייטער גוועזין צו ענג און האט ניט גיקענט ארויס גיין. ער האט ווידער גיפאסט דריי טעג ביז ער איז גיווארן מאגער און איז ווידער ארויס. אין דרויסן האט ער זיך גיקערט צום ווייך גארטן און האט גיזאגט. וויין גארטן וויין גארטן ווי שיין ביסטו ווי זיס זענין דיינע פרוכט עס איז א אמתר גן עדן ביי דיר צו פאר בלייבן אבער וואס ניצט דאס אלץ אזו וויא מען קומט אריין מוז מען צוריק ארויס גיין:

אזו איז דאס אין דער וועלט וויא מען קומט נאקיט אין דער וועלט מוז מען נאקיט צוריק ארויס גיין: (מדרש קהלת ה')

97 אמאל האט דער רעמישער קיסר הדרינוס גוזר גיוועזן אז יודען זאלען ניט לערנין די תורה אבער רבי עקיבא האט ניט גיקוקט אויף דער גזירה און האט פאר זאמולט יודן און האט מיט זיי גילערנט תורה. האט אים פפוס בן יהודה גיפונען זיצענדיג און לערנין האט ער צו אים גיזאגט האסטו דען קיין מורא ניט פר גזירת המלכות האט רבי עקיבא אים גיענטפערט איך וועל דיר זאגען א משל א פוקס איז אמאל פאר ביי גיגאנגען פאר א טייך האט ער גיזעהן וויא די פיש לופן הין און הער מיט אנגסט און שרעקין. האט ער צו זיי גיזאגט. וואס האט איר אזו מורא האבען זיי צו אים גיזאגט מיר האבן מורא פאר די נעטצן וואס די מענטשן האבן אויס גברייט אונז צו פאנגן. ווייסט איר וואס איך וועל אייך זאגן האט דער פוקס צו זיי גיזאגט קומט ארויס אויף דער יבשה מיר וועלן וואגען צו זאמן אין שלום ושלוה אזו וויא אונזערי עלטערן האבן צו זאמן גיוואונט. האבן די פיש אים גיענפערט דו ביסט דער קלוגסטער פון די חיות ווי קומסטו צו רידן אזא נארישקייט. ווען מיר זיצן

אין

אין וואסר וואס דאס איז אונזער היות אונזער לעבען האבען מיר מורא. אפשיטא ווען מיר וועלן ארוים גיין אויף דער יבשה וואס אונזער אויף האלטען אליין קען אונז ברענגען דעם טוט דארפען מיר אוודאי מורא צו האבען. אזו איז אויך דאס זעלביגע ווען מיר באשעפטיגן זיך מיט דר תורה וואס זיא איז אונזער לעבען אזו ווי עס שטייט כי היא חייך ואורך ימיך און מיר האבען מורא. אז מיר וועלן אויף הערען צו לערנען וויא וועלן מיר דאמאלס ברויכען מורא צו האבען: (ברכות ס"א)

98 בבא בן בוטא א תלמיד פון הלל הנשיא האט גיהאט זייער אפיינעם כאראקטער. אין זיינע שכנות האט גיוואוינט א פאר פאלק דער מאן איז גיוועזין פון בבל און די פרוי פון ארץ ישראל. וויל דיא שפראכען זענין אין פיל זאכען פארשידען גוועזין האבען זיי זיך ניט גיקענט פארשטיין און דר פון איז מחלוקת ארוים גיקומען. איין מאל האט דר מאן גיזאגט צו זיין ווייב קאך מיר א פאר לונזען. זיא האט די ווערטער גינומען פונקטליך און האט אים גיקאכט צוויי לונזען. צום צווייטען מאל האט ער גיהייסען קאכין פיל לונזען האט זיא אים פולע טעפ אן גיקאכט. איין מאל האט ער איר גיהייסען קויפן אוגערקס. בוצינא הייסט אין דער בבל שפראכע אוגערקעס אבער אין ארץ ישראל האט גיהייסען בוצינא ליכט איז זיא גיגאנגען און האט גיקויפט ליכט. דר מאן איז גיווארען אומגעדולדיג האט ער צו איר גיזאגט מיט כעס גיי צו ברעך די ליכט אן די טהור. בבא הייסט אין דר בבל שפראכע טהור. זיא האט אבער גימיינט אז דר מאן הייסט איר דיא ליכט צו ברעכען אויף דעם קאפ פון בבא בן בוטא זיין שכן. זיא האט דעם מאן פונקטליך גיפאלגט און האט גיווארפען די ליכט אויף בבא בן בוטא'ס קאפ. דר גילערנטער בבא איז ערשראקען גיווארען און האט זיא גיפרעגט מיין טאכטער וואס האסטו דא גימאכט. מיין מאן האט מיר דאס גיהייסען און איך מוז אים פאלגען האט די פרוי פלעגמאטיש גיענטפערט. ווען אזו האט בבא איר גיענטפערט ווען דו ביסט אזו גיהארזאם דיין מאן. זאל דיר גאט געבען קינדער מיט אזו א גידולד וויא בבא בן בוטא איז: (נדרים ס"ו)

99 רבן גמליאל און רבי יהושע האבען גירייזט אויף דעם ים איז רבן גמליאל אוס גיגאנגען זיינע שפייזען און האט גימוזט אן קומען צו רבי יהושע ער זאל אים מיט עסין וואהרג אוס האלטען אויף דער גאנצער רייזע. האט רבן גמליאל גיזאגט צו רבי יהושע פון וואנען האסטו גיוואוסט אן צו גרייטען אזו פיל שפייז. האסטו דען גיוואוסט דאס די רייזע וועט אזוי לאנג גידויערין. יוא איך האב גיוואוסט האט רבי יהושע גיענטפערט עס איז דא א שטערין וואס גייט אויף איין מאל אין זיבעציג יאר און דיזער שטערן פאר פירט די שיפערס דרום האב איך מיר פראוויענט אן גיגרייט. ווען דו ביסט אזו גלערונט האט רבן גמליאל צו אים גיזאגט פאר וואס מוזטו דיך אזו פלאגען מיט דיין שטיקל ברויט. האט רבי יהושע אים גיענפערט וואס וואונדערכט דו דיך אויף מיר דו אליין האסט צווייא תלמידים וואס זייא זענין דיא גרעסטע מאטהעמאטיקר. זיי קענין משער זיין ווי פיל טראפען וואסר עס גיפינען זיך אין ים און זיי שטארבען פאר הונגר. ווי רבן גמליאל איז אהיים גיקומען האט ער זיי גישיקט רופען וויל ער האט גיוואלט זיי געבען אשטעלי זיי האבען פאר שטאנען רבן גמליאל'ס מיינונג האבען זיי ניט גיוואלט גיין. האט ער נאך זיי נאך אמאל גישיקט זענין זיי שון ניקומען האט ער צו זיי גיזאגט מיינט איר אז איך וויל אייך אהערשאפט געבען

איך

איך וויל אייך געבן א קנעכטשאפט. דען די עלטסטע פון דעם פאלק זענין נאר קנעכט צו דעם פאלק: (הוריות י')

100 רבי שמעון בן יוחאי הט אמאל בעזוכט זיינם אגוטן פריינד. הט ער בעמערקט דס אין דעם הויז פון זיין פריינד הערשט נאר קארג שאפט אונ שפאר זאמקייט איבר די מאסן. ער הט גיהערט ווי דער הער פון דעם הוז זאגט צו זיין בדינטען גיי אונ קויף לעבונס מיטל נאר וואס שלעכטער אביא בילוגר זאל זיין אבער ביי דעם מאל צייט ווען דער ווירט האט גימאכט לכבוד דעם גאסט הט זיך אזא רייכטהום בוויזען אז רבי שמעון הט זיך דארובר פר וואונדערט אונ הט גזאגט צום ווירט פר וואס ער הט נעכטן אזו אקארג שאפט בוויזען. הט דר ווירט אים גיענפערט. איר תלמידי חכמים זייט אן גזעהן אונ גיאכט וועגן אייער תורה אבער מיר ווערען נאר גיאכטעט וועגין אונזר געלד. דארום מוזען מיר זארגן דס געלד זאל ביי אונז בלייבן: (מדרש אסתר ב')

מה יתן לך ומה יוסיף לך לשון רמיה

101 וואס קען מען דיר נאך טאן דו פאלשי צונג הט גאט גזאגט צו דר צונג אלי גלודר פון מענטשן שטייען אבער דו מוזט ליגען. אלי גלודר פון מענטשן זענין אוים וועניג אונ דו ביסט אונעווייניג. דער צו האב איך דיך ארום גרונגעלט מיט צווי מויערין. מיט אמויער פון פלייש אונ אמויער פון ביין אונ דאך ביסטו פאלש וואס קען מען דיר נאך טאן: (ערכין ט"ו)

102 רבי שמעון בן לקיש איז אין זיין יוגענד ניט גיגאנגן אויף דעם ריכטיגן וועג. ער איז גיוועזן אין ארובר גיזעלשאפט. איין מאל הט ער זיך פר קויפט צו די לודים. דס איז גיוועזן אפאלק וואס האבן גיגעסן מענטשן פלייש. אונ אז איינר הט זיך צו זיי פר קויפט האבען זיי אים גיגעבען גוט צו עסין אונ טרונקען ביז זיי האבן אים גוט אן גיפאשעט דר נאך האבן זיי אים גישאכטען אונ אויף גיגעסין נאר פר זיין טוט האבן זיי אים גגעבן רשות דס ער קען זיך אום בעטען ביי זיי עפים אזאך וועלן זיי זיין בקשה ממלא זיין. רבי שמעון הט זיך אום גיבעטן ער וויל זיי זאלן אים ערלויבן זיי זאלען זיך אנידר לעגין אונ ער זאל זיי בינדען אונ איטליכן געבין אשלאג אונ אהאלבן שלאג. זיי האבן דס איין גיווילוגט. ער הט גינומן אזעקיל אריין גלייגט א שטיין הט דעם ערשטן אקלאפ גיגעבן איז אים באלד די נשמה ארויס אונ הט פר קריטשעט מיט די ציין הט רבי שמעון גיזאגט איי דו לאכסט פון מיר איך בין דאך דיר נאר אהאלבן קלאפ שולדיג. אזו הט ער אלעמן גיטייט. ער הט גיגעסן אונ גיטרונקן אונ איז אוועק פון דארט: (גיטין פ"ד)

דער תלמיד חכם אונ דער עם הארץ

103 דער תלמיד חכם איז גלייך אין די אויגן פון א עם הארץ ווי א גולדני כלי הט ער נאר מיט אים גישפראכען איז ער שוין גלייך ווי א זילבערנע כלי. האט דער תלמיד חכם פון אים הנאה גיהאט איז ער ביי אים גלייך ווי א ליימענע כלי. אז עס ווערט צו בראכען איז שוין קיין תקנה דער צו ניט מעהר דא: (סנהדרין)

אין

(א) אֵין אָדָם נוֹגֵעַ בְּמַה שֶּׁמּוּכָן לַחֲבֵירוֹ (יומא דף ל״ח) איין מענטש רירט ניט אן אין דר פרנסה וואס עס איז דעם אנדערן אן גיבריים. מען זאל ניט זאגן דער מענטש האט מיין פרנסה אוועק גינומען. דען וואס עס איז באשערט קען קיינר ניט צו נעמען:

(ב) אֵין מְשִׂיחִין בִּסְעוּדָה (תענית דף ה׳). מען טאר ניט רעדן בשעת ווען מען עסט. מען דארף אכטונג געבן מען זאל חלילה ניט איין שלונגען א ביינדל:

(ג) אֵין חָכְמָה לְאִשָּׁה אֶלָּא בְּפֶלֶךְ (יומא דף ס״ו). א נקיבה דארף נאר האבין קלוגשאפט אין האנד ארבייט ניט ביכער צו ליינען אזו וויא די נקבות זענין זיך יעצט נוהג דר עיקר איז זיא זאל זיין אגוטע ווירטען:

(ד) אֵין אָדָם דָּר עִם נָחָשׁ בִּכְפִיפָה (כתובות דף ע״ז). מען קאן ניט וואנען מיט א שלאנג אין איין שטאק. מיט א שלעכטען מענטש אויך מיט א שלעכט ווייב קען מען ניט וואנען באזאמען:

(ה) אֵין עָנִי אֶלָּא בְּדֵעָה (נדרים דף מ״א). ארום הייסט נאר דער וואס האט קיין ווייסענשאפט ניט. דען אז מען האט ניט קיין געלד הייסט מען נאך ניט ארום. וואָרן גאט ברוך השם קאן העלפן מען זאל פארדינען. אבער אז מען איז ארום אין דר תורה הייסט מען ארעכטער ארומאן. דען אז מען האט ניט גילערונט אין דר יוגענד קאן מען ניט:

דר דובנר מגיד פלעגט זאגין פר וואס אז עס קומט צו א עושר איין ארומאן אקאליקע גוט ער אים יוא א נדבה אונ אז עס קומט צו א עושר איין ארומאן א תלמיד חכם גיט ער אים ניט. דער תירוץ איז וויל איין ארומאן אקאליקע האט ער מורא ער זאל אליין אויך ניט ווערען. איבר דעם גיט ער אים כדי די צדקה זאל אים דער פון מציל זיין אבער איין ארומאן א תלמיד חכם איז ער זיכר אז ער וועט ניט ווערין וויל ער האט ניט גילערונט אין דער יוגענד:

(ו) אֵין הָאוֹרְחִים יְכוֹלִים לִיתֵּן מִמַּה שֶּׁלִּפְנֵיהֶם לְבָנָיו שֶׁל בַּעַל הַבַּיִת (חולין דף צ״ד). די אורחים טארן ניט געבן פון דעם וואס מען גיט זיי. צו די קינדער פון דעם בעל הבית. מיט פרעמדס גיט מען קיין צדקה ניט:

(ז) אֵין אָדָם נֶחְשָׁד עַל דְּבַר עֲבֵירָה אֶלָּא אִם כֵּן עָשָׂאָה וכו׳ (מועד קטן דף י״ח). מען איז קיין שום מענטש ניט חושד אויף אזאך סיידן ער האט זיא גיטאן. האט ער ניט אין גאנצען גיטאן. האט ער ווייניגסטונס עפיס דער פון גיטאן. האט ער גאר ניט גיטאן האט ער אין זין גיהאט צו טאן. האט ער ניט אין זין גיהאט צו טאן האט ער ווייניגסטונס גיזעהן וויא אנדרי מענטשן האבן עס גיטאן אונ ער האט הנאה גיהאב. די וועלט איז ניט משוגע אונ מן הסתם אז מען איז חושד א מענטש איז ער זיכער ניט ריין דער פון:

(ח) אֵין חָבוּשׁ מַתִּיר עַצְמוֹ מִבֵּית הָאֲסוּרִים (ברכות דף ה׳). דר גבינדינר קען זיך ניט אליין ארוס נעמען אויס דר תפיסה. יעדעס גישעפט מוז זיין דורך א מעקלר:

(ט) אֵין מְרַצִּין לוֹ לְאָדָם בִּשְׁעַת כַּעֲסוֹ (ברכות ז׳). מען קאן ניט איבער בעטען א מענטש ווען ער איז אין כעס. מען דארף צו ווארטען ביז דער כעס ווערט גישטולט. אונ דער נאך קאן מען אים ערשט איבר בעטען:

(י) אִיסְתְּרָא בְּלָגִינָא קִישׁ קִישׁ קָרְיָא (בבא מציעא). איין גרייצער אין א קריג

קלאפט

קלאפט אז עס איז דא אפולער קריג קלאפט עס ניט. א יוד א תלמיד חכם קלאפט נאר ניט מיט דר תורה וואס ער קאן. אבער אפראסטאק ווי באלד אז ער האט נאר עפים גילערונט שרייט אום אים שטענדיג ארום אונ ער רעד זיך איין אז קיינר איז צו אים ניט גלייך אקאראט ווי דם געלד אפולער קריג מיט געלד מענסטו שאקלן ווי ווייט דו ווילסט וועט עס ניט קלאפין אבער אז איין איינציגר גרייצר ליגט אין אקריג קלאפט דר גרייצר אונ מאכט אגישרייא:

(יא) איתתך גוצא גחין ותלחוש לה (בבא מציעא דף נ"ט). אז דיין ווייב איז גאנץ קליין בייג דיך אראפ אונ זאג איר אין אויער אריין. מען דארף קיין שום זאך ניט טוען אן זיין ווייבס עצה. ווארן ווער איז דען אזו קלאר אין זיין גאנצן שטאנד אזו ווי דם ווייב איבר דעם איז איר עצה די בעסטע:

(יב) אם הרב דומה למלאך ה' צבאות יבקשו תורה מפיהו ואם לאו אל יבקשו תורה מפיהו. אז דר רבי איז גלייך צו אמלאך זאלסטו צו הערין זיין תורה וואס ער וועט דיר זאגן. אבער ווען ניט זאלסטו זיין תורה ניט צו הערין. דען אז מען גוט אקינד צו אמלמד מוז מען קוקין אויב ער איז אפרומער יוד ווארין אז ער איז ניט קיין פרומער יוד קען זיך דם קינד פון אים אפ לערנן שלעכטי מדות:

(יג) איזהו עשיר כל שיש לו נחת רוח בעשרו (שבת דף כ"ה). ווער איז איין עושר דר וואס האט א תענוג פון זיין עשירות עס טרעפט זיך אז איינר האט אסאך געלד אונ ער האט אבער ניט קיין שליטה צום געלד. ער פרגינט זיך ניט דם לעבן אונ גיט ניט קיין גרייצר צדקה. אונ עס טרעפט זיך אמיטל מאן וואס ער האט יוא שליטה צום געלד אונ גיט צדקה. דר הייסט איין עושר:

(יד) אכול בצל ושב בצל ואל תאכל אווזים ותרנגולים ויהא לבך רודף עליך (פסחים דף קי"ד) עס ציבעלס אונ זיץ רוהיג אין שאטין אונ עס ניט קיין גענז מיט הינר דו זאלסט דיך דארפן דארוף ארום צו יאגן. עס איז בעסר צו עסין טריקן ברויט אונ מען זאל זיצן רוהיג אזו ווי אין שאטין. איידר צו עסין הינר אונ גענז אונ מען זאל עס ניט ערלך פרדינען:

(טו) אסיא דמגן במגן מגן שויא (בבא קמא דף פ"ה). אדאקטער וואס היילט אומזוסט איז טאקי ניט מעהר ווערט ווי אומזוסט. וואס עס קאסט געלד איז ווערט געלד:

(טז) אין עושין מצות חבילות חבילות (ברכות דף מ"ט). מען טוט ניט קיין מצות הארמעס וויים. דם טוען פון דר מצוה אליין איז ניט גענוג מען מוז דר ביי האבן אריינע מחשבה. איבר דעם איז ליבר צו טוען איין איינציגע מצוה מיט אריינע מחשבה איידר צו טוען אסאך מצות אין גילייף:

(יז) אין מביאין ראיה מן השוטה (נדה דף ל'). מען ברענגט זיך ניט א ראיה פון אנאר. דר מענטש מוז יעדר זאך טוען מיט איבר לייגונג. אונ אפילו אז ער האט גיזעהן אז אנאר האט גיטאן די זאך איז עס אים גראטן זאל ער זיך אויך ניט קיין ראיה ברענגען. ווארן אפילו אז דם נארישקייט גראט איז עס אויך אנארישקייט:

(יח) אין הקומץ משביע את הארי ואין הבור מתמלא מחוליתו (ברכות דף ג'). דר לייב קען ניט זאט ווערין פון אקליינם היישרק אונ דר גריב קאן ניט דר פולט ווערין פון דר ערד וואס מען האט פון אים אויס גיגראבן. דר מענטש קען פון זיך

אליין

אליין קיין פרנסה ניט האבן נאר ער מוז האנדלען מיט אנדרע מענטשין:

(יט) אין אדם עובר עבירה אלא אם כן נכנס בו רוח שטות (סוטה ג׳). דער מענטש טוט ניט אנדערש קיין שלעכטע זאך. סיידן עס קומט אים אן אנארישע גידאנקין. ווען דר מענטש זאל זיך איבר קלערין בשעת ווען ער טוט די עבירה ווי שלעכט דס איז אונ ווס פר אשטראף ער וועט דער פאר האבען אויף יענער וועלט וואלט ער גווים ניט גיטאן. נאר בשעת ווען ער טוט די עבירה קומט אים אריין א נארישר גידאנקין אונ ער ווייסט גאר ניט ווס עס טוט זיך מיט אים:

(כ) אומרים לצרעה לא מדובשך ולא מעוקצך (מדרש תנחומא). מען זאגט צו אבין איך וויל ניט דיין האניג איך וויל ניט דיין גיפט. זיין גוטין איז אויך שלעכט:

(כא) אל תרבה שיחה עם האשה (פרקי אבות פרק א׳) דו זאלסט נישט פיל רעדען מיט אנקבה. ווארן מען קען חו״ו קומען צו עבירות:

(כב) אל תדין את חבירך עד שתגיע למקומו (פרקי אבות פרק ה׳). זאלסט נישט משפטן דיין חבר ביז דו וועסט קומען אין זיין שטאנד. אז עס דאכט זיך אז איינר טוט אפעלר מוז מען זיך גוט איבר קלערין אויב דס איז טאקע אפעלר:

(כג) אל תתיאש מן הפורעניות (פרקי אבות פ״א). דו זאלסט דיר נישט איין רעדין אז דיך וועט קיין אומגליק נישט טרעפן דר מענטש זאל נישט זאגען איך בין אנגיד האב איך שון פר קיינם קיין מורא נישט. עס זאל זיך נישט טרעפין ווס עס קען זיך טרעפין:

(כד) אין קטיגור נעשה סניגור (ברכות דף כ״ו). דר קלעגר קאן ניט ווערן אגוטר מליץ. אז מען פר מאסרת איינם קאן מען שון נישט דר נאך אויף אים גוטין רעדן:

(כה) אל יוציא אדם דבר מגונה מפיו (פסחים דף ג׳). דר מענטש זאל קיין שענדליך ווארט נישט ארוס רעדן. אז מען רעט זאל מען רעדן שיינע ווערטר נישט מיאוסע:

(כו) אל יטיל אדם אימה יתירה בתוך ביתו (גיטין דף ו׳). דר מענטש זאל קיין גרויסע מורא נישט מאכן אויף זיינע הויז מענטשין. ער דארף טאקי זעהן אז זיי זאלין פר אים דרך ארץ האבן. אבר נישט אז זיי זאלן זיך פר אים שרעקין:

(כז) אל ישנה אדם בנו בין הבנים (שבת דף י). מען זאל נישט איין קינד בעסר בעהאנדלען ווי די אנדרי. אונ אויף דעם זאגט די היילגע גמרא אז דורך אקליין שטיקיל זיידן צייג זענען אונזרי עלטרין גיקומען קיין מצרים ווייל יעקב אבינו האט גימאכט זיין זון יוסף הצדיק אזיידן העמדיל אונ זיינע ברידר נישט. האבן זיי אים פר קויפט אונ עס איז אזו ווייט גיקומען בוז אונזרי עלטרין זענען גיקומען קיין מצרים:

(כח) אם פגע בך מנוול זה משכהו לבית המדרש (סוכה דף י״ב). אז עס בגעגינט דיך דר שענדליכע יצר הרע שלעפ אים אין דעם הויז אריין וויא מען לערינט תורה. עבירות טוט מען נאר אז מען לערינט ניט אבר אז מען זיצט אונ לערינט טוט מען קיין עבירות נישט:

(כט) אומרים מקצת שבחו של אדם בפניו וכלו שלא בפניו (עירובין י״ח). אז מען לובט אמענטש אונ ער הערט זאגט מען נאר עפעס פון זיין שבח אונ ווען ער איז נישט דא דר ציילט מען דעם גאנצן שבח ווארין אז מען לובט אמענטש צו שטארק אין די אויגין הט מען ביי אים אפנים ווי אשמייכלר אונ דס איז נישט שיין:

(ל) אין אדם נתפס על צערו (בבא בתרא דף י״ח). מען הט קיינם נישט פראיבל

צו האבין אויף דעם וואס ער רעט ווען ער איז אין צער. ווארין ווען ער איז אין צער ווייסט ער גאר נישט וואס צו טוען:

(לא) אין שוטה נפגע (ירושלמי תמיד). דעם נער גשעהט קיין שלעכטס. נישט עס געשיהט אים נישט. נאר ער פילט דס נישט ווארין ער איז ווי אבהמה:

(לב) אם עם הארץ חסיד אל תדור בשכונתו (שבת ע״ז). אז אגראבער יונג איז צו פרום זאלסטו נישט וואנען אין זיין נאם ווארין ער ווייסט נישט ווי אזו פרום צו זיין און קיינער איז אים נישט גלייך:

(לג) אנחה שוברת חצי גופו (ברכות דף נ״ח). דס זארגין צו ברעכט דעם קערפער פון דעם מענטש. ארבייטן שאט נישט גאר פון זארגין:

(לד) אפילו חרב חדה מונחת על צוארו של אדם לא ימנע עצמו מן הרחמים (ברכות דף י׳). אפילו עס ליגט אשארפע שווערד אויף דעם מענטשס האלז. זאל ער זיך אויך נישט פר מיידן פון בעטן. השי״ת איז אגוטער פאטער און העלפט יעדין יוד:

(לה) באבנתא דלבא תליא מילתא (מגילה דף כ״ד). אין פר שטיין פון דעם הארץ ווענט עס זיך. דר עיקר איז דס פרשטיין נישט דס זאגין:

(לו) בהדי הוצא לקי כרבא (בבא קמא דף צ״ב). דורך דעם דארין ווערט דר הארבוז גישלאגין אז עס קומט איין אומגליק אויף אשלעכטין מענטש טרעפט עס שון דעם ערליכן מאן וואס ער וואנט נעבין אים אויך אזוי ווי דר הארבוז אז ער וואקסט נעבן דארין און אז מען רייסט אוס דעם דארין רייסט ער זיך אויך מיט:

(לז) בירא דשתית ביה מיא אל תשדי ביה קלא (בבא קמא דף צ״ב). פון דער ברונע וואס דו האסט גיטרונקן וואבער טארסט דו נישט אריין ווארפין אשטיין. אז מען הט פון איינם אמאל גיהאט אטובה טאר מען אים קיין רעה נישט טוען:

(לח) במתא שמאי בלא מתא תותבאי (שבת דף קמ״ה). ביי זיך אין שטאט דארף מען זיך צו בייעהרין מיט דעם נאמן אבער אין אפרעמדי שטאט דארף מען זיך בייעהרין מיט די קליידר. ביי זיך אין שטאט מעג מען גיין ווי אזו עס איז דער עיקר איז נאר מען זאל זיך פירען ערליך. אבער אין אפרעמדי שטאט מוז מען גיין אין שיינע מלבושים ווארין מען קאן אים נישט:

(לט) ברא מזכה אבא (סנהדרין דף ק״ד). דר זון איז מזכה דעם טאטין עולם הבא. אז מען לאזט לערנען אקינד תורה און ער פירט זיך אין גאטס וועג הט דער פאטער אויך דר פון אשכר אויף יענר וועלט:

(מ) בשלשה דברים אדם ניכר בכיסו בכוסו בכעסו (עירובין דף ס״ה). אין דריי זאכן דר קענט מען אמענטש ביי דעם געלד ביי דעם גלאז ביי דעם כעס. דער עיקר איז די דריי מעלות נישט צו זיין אבאטריגער אין געלד זאכן און נישט אשכור און נישט צו זיין אבייזער:

(מא) בתך בגרה שחרר עבדך ותן לה (פסחים קי״ג). אז דיין טאכטער איז גרוס לאז בעדיי פריי דעם משרת און גיב אים איר פר אמאן. מען דארף אמיידיל יונג חתונה מאכן ווארין אז זיא ווערט עלטר פאלגט זיא שון נישט און נעמט זיך וואס פר אמאן זי וויל. דס מיינט די הייליגע גמרא גיב דיר וואס פר איין עצה דו ווילסט נאר גיב איר אמאן:

(מב) בתחילה היצר הרע דומה לחוט של משי. ולבסוף דומה כעבותות

הָעֲגָלָה (סוכה כ״ג). צוּם עֶרְשְׁטֶן רֶעט דֶער יצר הרע אָן צוּ גַאנְץ דִינְגֶע עֲבֵירוֹת אַזוֹי וִוי אַפָּאדֶם אוּנ דֶר נָאךְ רֶעט עֶר אָן צוּ אַזֶעלְכֵי וָוס זֶענֶען גְרָאבּ וִוי אַשְׁטְרִיק. דֶר שְׁטֵיינֶר אִיז פוּן דֶעם יצר הרע אַז צוּם עֶרְשְׁטֶן שְׁלָאגְט עֶר אָן אַקְלֵיינֶע עֲבֵירָה אוּנ אַז עֶר זֶעהְט אַז מֶען פָאלְגְט אִים שְׁלָאגְט עֶר שׁוֹן אָן אַזֶעלְכֶעס וָואס גָאט זָאל נָאר אָפּ הִיטֶן:

(מג) בָּתַר עַנְיָא אָזְלָא עֲנִיוּתָא (כבא קמא דף צ״ב). נָאךְ דֶעם אָרוּמַאן גֵייט נָאךְ דָס אָרוּמְקֵייט. אַלֵי בִּיטֶערֵי גֶישֶׁעפְּטִין זוּכִין אִים אָפּ:

(מד) גַבְרָא רַבָּא אָמַר מִלְּתָא לָא תַחַייכוּ עֲלָיו (כרבות דף י״ט). אַז אַגְרוֹסֶר מַאן זָאגְט אַזַאךְ טָאר מֶען אוֹס אִים נִישְׁט לַאכֶן. וָוארִין זַיינֶע וֶוערְטֶר זֶענֶען גְרוֹס חכמה אוּנ אפילו עֶס דַאכְט זִיךְ דִיר אַז דָס אִיז נַארֶשׁ טוּזְטוּ אָן הֶענְגֶען אַז דוּ פֶערְשְׁטֵייסְט עֶס נִישְׁט:

(מה) גדוֹלָה תשוּבָה שֶׁזְּדוֹנוֹת נַעֲשׂוּ לוֹ כִּזְכִיּוֹת (יומא דף פ״ו). תשובה אִיז אַזוֹ גְרוֹיס אַז דִי עבירות וֶוערִין מצות. אַז אֵיינֶר אִיז פְרוּם פוּן יוּנְגְוַוייס אָן אִיז שׁוֹן בַּיי אִים נִישְׁט אַזוֹ שְׁוֶוער אמצוה צוּ טָאן וָוארִין עֶר אִיז שׁוֹן גְוואוֹנְט. אַז אֵיינֶר אִיז אָבֶּער נִישְׁט פְרוּם אוּנ דֶר נָאךְ טוּט עֶר תשובה אוּנ טוּט מצות וֶוערִין אפילו אוֹיס דִי עבירות מצות וַוייל עֶר הָט זִיךְ אַזוֹ שְׁטַארְק אִיבֶּער גִיבּוֹגֶען:

(מו) גדוֹלָה מְלָאכָה שֶׁמְכַבֶּדֶת אֶת בְּעָלֶיהָ. דִי מלאכה אִיז אַזוֹ גְרוֹס אַז עֶס בַּייעֶהְרְט דִי מֶענְשִׁין וָוס אַרְבֵּייטֶן דֶר מֶענְטְשׁ דַארְף צוּ אַרְבֵּייטֶן אוּנ נִישְׁט זִיךְ צוּ פַר לָאזִין אוֹיף מֶענְטְשִׁינְס גָאבּ:

(מז) גִיוּרָא עַד עַשְׂרָה דָרָא לָא תְּבַזֶּה אַרְמָאֵי בְּאַפֵּי (סנהדרין דף צ״ד). אַגֶר אפילו בּוֹז צוּם צֶעהְנְטִין דוֹר זָאלְסְטוּ נִיט אַגוֹי מבזה זַיין פַר זַיינֶע אוֹגִין. אֵיין קרוב פַר דֶעם אַנְדֶערִין זָאלְסְטוּ נִיט מבזה זַיין אפילו עֶר אִיז מִיט אִים אִין גֶעקְרִיג וָוארִין עֶס פֶּרְדְרִיסְט אִים אַז אַפְרֶעמְדֶר רֶעט אוֹיף זַיין קרוב:

(מח) גַלֵּה סוֹדְךָ לְאֶחָד מֵאֶלֶף (יבמות דף ג). דַיין סוֹד זָאלְסְטוּ נִישְׁט מגלה זַיין נָאר אֵיין מֶענְטְשׁ צְווִישֶׁן טוֹזִינְד. אַסוֹד טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט פַארְטְרָאעֶן אפילו דֶעם בֶּעסְטִין פְרַיינְד:

(מט) גַם זוּ לְטוֹבָה (סנהדרין ק״ח). דָס אִיז אוֹךְ צוּ גוּטֶן. דֶר מֶענְטְשׁ דַארְף אוֹיף יֶעדֶר זַאךְ צוּ לוֹבֶּן גָאט אוּנ יֶעדוֹ זַאךְ דַארְף עֶר אוּם צוּ לֵייגֶן צוּ גוּטֶן:

(נ) דְדָא בֵּיהּ כּוֹלָּה בֵּיהּ דְּלָא דָא בֵיהּ מַה בֵּיהּ (נדרים דף מ״א). אַז דִי תורה אִיז דָא בַּיי אִים אִיז אַלְדוּנְג דָא בַּיי אִים אוּנ אַז דָס אִיז נִישְׁט דָא בַּיי אִים אִיז גָאר נִיט דָא בַּיי אִים. אַמֶענְטְשׁ וָוס קָאן לֶערְנֶען דֶר אִיז אַמֶענְטְשׁ אָבֶּער דֶר וָוס קֶען נִישְׁט מֶעג עֶר אפילו הָאבִּין אַסַאךְ גֶעלְד אִיז עֶר פָארְט אַגְרָאבֶּער יוּנְג:

(נא) דִזְקִיף לֵיהּ זְקִיפָא בִּדְיוֹתְקֵיהּ לָא לֵימָא לֵיהּ זְקוֹף בִּינִיתָא (בבא מציעא דף נ״ט). אַז אֵיינֶר הָט אַגִיהָאנְגֶענֶעם אִין דֶר משפחה טָאר מֶען אִים נִישְׁט זָאגִין הֶענְג מִיר אוֹיף דֶעם פִישׁ צוּ טְרִיקֶנֶן. וָוארוּם טָאמֶר וֶועט זִיךְ יֶענֶר פַר שֶׁעמֶן:

(נב) דַיָּהּ לְצָרָה בְּשַׁעְתָּא (ברכות דף ט׳). עֶס אִיז גִינוּג אַז מֶען הָט עגמת נפש וֶוען דִי צרה אִיז. אַמֶענְטְשׁ דַארְף נִישְׁט הָאבֶּן עגמת נפש אוֹיף שְׁפֶּעטֶר וָוארִין עֶס אִיז גִינוּג אַז מֶען הָט שְׁפֶּעטֶר עגמת נפש. דֶר דוּבְּנֶער מגיד פְלֶעגְט זָאגִין. דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף קֵיין מָאל נִישְׁט זָארְגִין וַוייל דָס וָוס עֶס אִיז שׁוֹן פֶערְגַאנְגֶען דָס אִיז

שון פר פאלין. וואס עס ווייזט זיין ווייסט מען נישט דען יעדר מענטש קאן גליקליך ווערין. איז דאך נאר די דאגה אויף דר רגע אונ וועגען ארגע איז נישט כדאי צו זארגן:

(נג) האי מאן דנותן ברכה לחבירו יאמר לו וכן למר (מגלה דף כ"ז). אז איינר גוט דעם אנדערין אברכה זאל ער אים ענטפערין. דיר אויך דס אייגעני. אז איינר זאגט דיר גוט מארגין זאלסט דו אים ענטפערין גוט יאר אז מען הט פון אמענטש אטובה דארף מען אים אפ טוען אטובה:

(נד) האי מאן דמוקים אזוזי מקרי נפש רעה (בב: מציעא דף נ"ב). דר וואס איז מדקדק אויף דעם געלד וואס מען גוט אים עס זאל נישט זיין צו ריסן איז אשלעכטר מענטש. ווארין געלד קאן מען תמיד אום ברענגן:

(נה) האי מאן דמיליד בחד בשבת יהי גבר דלא חדא ביה (שבת דף קנ"ו). דר מענטש וואס איז געבוירן דעם ערשטין טאג פון דר וואך דר איז אזא מענטש וואס עס איז נאר איינס דא אין אים נישט געמושטע מדות אדער גוט אדער שלעכט נישט מוטעל:

(נו) האי מאן דבתרי בשבת יהי גבר רגזן (שבת קנ"ו). דער מענטש וואס איז געבוירן געווארין דעם אנדערין טאג פון דר וואך דר איז אבייזר. האי מאן דבשלשה בשבת יהא גבר עתיר וזנאי (שבת קנ"ו). דר וואס איז געבוירן געווארין דעם דריטען טאג פון דר וואך דר וועט זיין איין עושר אונ איין זנאי. האי מאן דברביעי בשבת יהא גבר חכים ונהים (שבת קנ"ו). דר וואס איז געבוירין געווארין דעם פערדין טאג פון דר וואך וועט זיין אקלוגר אונ אליסטיגר מענטש. האי מאן דבחמישי בשבת יהא גבר גומל חסדים (שבת קנ"ו). דר וואס איז געבוירין געווארין דעם פונפטן טאג פון דר וואך דר וועט זיין אזא מענטש וואס ער וועט ליב האבן טובות צו טאן. האי מאן דבערב שבת יהא גבר חזרן במצות (שבת קנ"ו). דר מענטש וואס איז געבוירין געווארין דעם זעקסטן טאג דר וועט נאר נאך גיין מצות. האי מאן דבשבת בשבת ימות על דאחילו עליו את השבת (שבת קנ"ו). דר וואס איז געבוירין געווארין אום שבת דר וועט שטארבין אום שבת ווייל ווען ער איז געבוירין געווארין הט מען פון זיינעט וועגין מחלל שבת געוועזין:

(נז) האוכל בשוק דומה לכלב (קדושין דף מ'). דר וואס עסט אויף דר גאס איז גלייך ווי אהונד. אמענטש דארף זיך בכבוד צו האלטין. ווארין עס איז נישט שיין אז מען עסט אויף דר גאס:

(נח) האי מאן דדמיך בריש שתא דמיך מזליה (ירושלמי). דר וואס שלאפט אין אנהייב יאר דס הייסט ראש השנה שלאפט זיין מזל. איבר דעם איז זיך דער עולם נוהג אז מען שלאפט נישט ראש השנה ביי טאג:

(נט) הדיוט קופץ בראש (מגלה דף י"ב). דער גראבר מענטש שפרינגט צום ערשטן. אזו באלד אז מען רעט עפעס זאגט דער גראבר יונג באלד זיין דעה:

(ס) הזהרו בבני עניים שמהם תצא תורה (נדרים פ"א). זייט געווארינט אין די ארעמי קינדר ווארין פון זיי שטאמט ארויס תורה דס נגידישע קינד פלאגט זיך קיינמאל איבר דעם לערנען אבר דס געמיינע קינד מיטשעט זיך איבר לערנען:

(סא) המשיא בתו לעם הארץ כאלו כופתה לפני הארי (פסחים דף מ"ט). דער וואס מאכט חתונה זיין טאכטער מיט אגראבען יונג איז אזו נוט גלייך ער בינד זיא אונ לייגט זיא אנידער פאר אלייב. אגראבער יונג איז קעגין אלי זאכען אגראבער יונג:

(סב) ווי ליה להדא דאזלא ולא אתיא (שבת דף קנ"ב). אוף איין זאך איז זייער ביטער ווארין זיא גייט אוועק אונ קומט שון ניט צוריק דס מיינט מען די יונגע יארין זיי קענן שון ניט צוריק קומן איבר דעם דארף יעדר מענטש אין דיא יונגע יארין תורה צו לערנן:

(סג) זבין ולא תדול (יבמות דף ס"ו). פר קויף בדיי די שטוב זאכן אבוא זאלסט ניט פר ארומט ווערן. אמענטש וואס הט נישט קיין געלד זאל בדיי פר קופן די שטוב זאכן אבו ער זאל עפעס האנדלן:

(סד) זוודאי קלילי ואורחיה רחיקא (כתובות דף ס"ז). שפייז אוף דעם וועג האב איך ווייניג אונ דר וועג איז ווייט. דר מענטש זאל זיך ברעכנען אז ער וועט אמאל גיין אוף יענר וועלט אזא ווייטן וועג וואלט ער זיך אן גיגרייט אסאך שפייז דס הייסט מצות ומעשים טובים:

(סה) חכמה מפוארה בכלי מכוערה (תענית דף ז). איין זייער שיינע חכמה אין אפסקוני כלי. אמשל איינר קאן לערנן אונ ער איז אבער נישט פרום:

(סו) חסרי לגנב נפשיה לשלמא נקיט (סנהדרין דף כ"ב). אז דר גנב קאן נישט גנבנן ווערט ער איין ערליכר מאן:

(סז) חציפה נצח לכשרה (ירושלמי). דר עזות פנים איז מנצח דעם ערלכן מאן:

(סח) חש בראשו יעסוק בתורה וכן חש בכל גופו יעסוק בתורה שנאמר ולכל בשרו מרפא (עירובין נ"ד). עס טוט דיר ווי דר קאפ זאלסטו לערנן אפילו עס טוט דיר ווי דר גאנצר קערפר זאלסטו לערנן ווארין עס שטייט אין פסוק ולכל בשרו מרפא. דס איז טייטש צו דיין גאנץ פלייש איז די תורה אהיילונג:

(סט) טוביה חטא וזיגוד מנגיד (פסחים דף קי"ג). טוביה הט גזינדיגט אונ זיגוד זאל גשלאגן ווערין. אמשל יענר פר שולדיגט בייזערט מען זיך אוף מיר:

(ע) ימכור אדם כל מה שיש לו וישא בת תלמיד חכם (פסחים דף מ"ט). אמענש זאל אלדונג פר קופן אונ זאל נעמן אלמדינס אטאכטר פר אווייב. זיא קומט פון אפרום הויז איז זיא אוך פרום:

(עא) כל הדוחק את השעה שעה דוחקתו (ברכות דף כ"ג). דר וואס דריקט דיא צייט אונ וויל אוף אמאל רייך ווערין. דעם דריקט די צייט אליין צו. דר מענטש קאן נישט אוף איינמאל גליקלך ווערין. אלדונג מוז גיין פאמעלך:

(עב) כל אדם שיש בו תורה ואין בו יראת שמים דומה לגזבר שמסור לו מפתחות הפנימיות ומפתחות החצונות לא מסרו לו. (נדרים דף ל"ב). דער וואס קאן לערנן אונ איז נישט פרום דר איז גלייך צו דעם וואס מען הט אים גיגעבן די שליסל פון די אונווייניגסטע שטיבן אונ פון די אוסווייניגסטע שטיבן הט מען אים ניט גיגעבן נוא ווי אזו זאל ער אריין גיין. אז מען הט ניט דעם שליסל פון פרומקייט קאן מען נישט קומן צו דר תורה:

(עג) כל המספר לשון הרע וכו ראוי להשליכו לכלבים (פסחים דף קי"ח). דר וואס



רעט

רֶעט לשון הרע אוּנ הָט לִיבּ אָפּ צוּ רֶעכְטִין פוּן מֶענְטְשֶׁן אִיז וֶוערט מֶען זָאל אִים וַוארְפֶן פַר דִי הוּנְד. דִי הוּנְד בּוֹלְן אוּנ עֶר בּוֹלֶד:

(עד) כל פטפיא בישין ופטפיא דאורייתא טבין (ירושלמי במכות). יֶעדֶעם פִיהְל רֶעדִין אִיז פַּסְקוּנִי אָבֶער פִיהְל רֶעדִין אִין דֶר תורה אִיז שֵׁיין. מֶען דַארְף וֵוינִיג צוּ רֶעדִין אָבֶּר בַּיי דֶעם לֶערְנֶען מוּז מֶען זִיךְ גוּט אוּם שְׁמוּסֶן:

(עה) כל מזונותיו של אדם קצובין לו מראש השנה חוץ מהוצאת שבת ויום טוב והוצאת בניו לתלמוד תורה שאם פוחת פוחתין לו ואם מוסיף מוסיפין לו (ביצה דף ט"ז). אַלֶע בַּדֶערְפֶנִי"ש פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ וֶוערִין אִים אוּם גִיזֶעצְט אוּם ראש השנה אוּם גִינוּמֶן דִי הוצאות פוּן שבת אוּנ יום טוב אוּנ רבי גֶעלְד פַר דִי קִינְדֶר. אַז עֶר גוּט דַארוּף וֵויינוּג אוּם פַרְדִינְט עֶר דַארוּף וֵויינוּג. אוּנ אַז עֶר גוּט דַארוּף אַסַאךְ אוּם אִיז מֶען אִים מוסיף פַּרְדִינְסְט אַסַאךְ:

(עו) כל המענג את השבת נותנים לו משאלות לבו (שבת דף קי"ח). דֶער וָוס הַאלְט עֶרְלֶךְ שבת דֶעם גוּט השי"ת וָוס זַיין הַארְץ בַּאגֶערְט:

(עז) אין אדם נתפס על צערו (בבא בתרא דף ט"ז). מֶען קָאן נִיט בַּשׁוּלְדִינֶן אַמֶענְטְשׁ אַז עֶר רֶעט עֶפֶּעס וֶוען עֶר אִיז גִיקְרֶענְקְט דֶען זַיינֶע צרות רֶעדִין:

(עח) כל המיושן מחבירו יפה מחבירו (בבא בתרא דף נ"א). דִי זַאךְ וָוס אִיז עֶלְטֶער פוּן דֶעם חבר. אמשל אַיין אַלְטֶער מֶענְטְשׁ פַר שְׁטֵייט מֵיין פוּן דֶעם יוּנְגֶערִין:

(עט) כי מינצו תרי בהדדי הי מינייהו דקדים שתיק האי מיותר טפי (קדושין ע"ו). אַז צְווֵיי מֶענְטְשִׁין קְרִיגֶן זִיךְ דֶר וָוס שְׁוַוייגְט צוּם עֶרְשְׁטֶן דֶר אִיז מֶעהְר מיוחס. דֶר אֵיידְלֶר מֶענְטְשׁ הָט זִיךְ פַּיינְט צוּ קְרִיגֶען:

(פ) כמה גדולים דברי חכמים (יבמות דף קנ"א). וִוי גְרוֹס זֶענֶען דִי רֵייד פוּן דִיא חכמים אַז אַלְמְדִן זָאגְט אַזַאךְ חָאטְשֵׁי עֶר זָאגְט נִיט אטעם דַארוּף דַארְף מֶען אִים פָּארְט פָאלְגֶן:

(פא) לא ישנה אדם מאכסניא שלו (עירובין דף ט'). דֶר מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט עֶנְדֶערִין זַיין גַאסְט הויז נָאר וִוי עֶר שְׁטֵייט תמיד אַיין זָאל עֶר אַיינְשְׁטֵיין וָוארִין מִיר גֶעפִינֶן אַזוֹ בַּיי אברהם אבינו:

(פב) לא ישמח אדם בין הבוכים ולא יבכה בין השמחים (מסכת דרך ארץ). דֶר מֶענְטְשׁ זָאל נִיט זַיין לִיסְטִוּג צְווִישֶׁן דִי [illegible] נֶעדִינֶע אוּנ נִיט וֵויינֶעדִיג צְווִישֶׁן דִי לִיסְטִיגֶע צְווִישֶׁען וָוס פַר אַמֶענְטְשֶׁן עֶר אִיז אַזוֹ דַארְף עֶר צוּ זַיין:

(פג) לא המקום מכבד את האדם אלא האדם מכבד את המקום (תענית דף כ"ד). נִיט דָם אָרְט בַּאעֶרְט דֶעם מֶענְטְשׁ נָאר דֶר מֶענְטְשׁ בַּאעֶרְט דָם אָרְט. אַז מֶען זִיצְט אוֹיבִין אָהֶן אִיז מֶען נָאךְ נִיט אמיוחס דֶר עיקר אִיז אַז מֶען אִיז אַלֵיין אַמֶענְטְשׁ:

(פד) לא בכל שעתא ושעתא מתרחש ניסא (מגילה ז'). נִיט שְׁטֶענְדִיג טְרֶעפְט זִיךְ ניסים. אוּף ניסים קָאן מֶען זִיךְ נִיט פַרְלָאזִין:

(פה) לאו עכברא גנב אלא חורא גנב (קדושין נ"ו). נִיט דִי מָאהְז אִיז אגנב נָאר דָם לָאךְ וָוס זִיא בַּהַאלְט דִי גניבה דָם אִיז דֶר גנב. אמשל וֶוען דֶר גנב זָאל נִיט הָאבִּין וִוי צוּ בַּהַאלְטִין דִי גניבה וָואלְט עֶר נִיט גִנַבְעֶנְת:

(פו) לכותא ירקא ירקא שקיל (מנחות דף כ"ד). אִין דֶר שְׁטָאט וָוס עֶם אִיז דָא אסאך

אַסאַך גְרינְהַארְג צוּ פַר קוֹפְן בְּרֶענְג דַיין גְרינְוַוארְג אוֹךְ. אִין אַהֶנְדִיל שְׁטָאט קָאן מֶען סחורה פַּרקוֹפְן:

(פו) לְעוֹלָם יִדַּבֵּק אָדָם בְּטוֹבִים (בבא בתרא קט״י). דֶר מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ תמיד בַּהֶעפְטִין אִין גוּטְן. אַז מֶען נֶעמְט אַווייב זָאל מֶען זִיךְ נֶעמֶן פוּן אַגוּטֵי מִשְׁפָּחָה:

(פח) לְפוּם גַּמְלָא שִׁיחְנָא (כתובות ס״ז). וֶועדְלִיג דָם קֶעמִיל אִיז לָאד אָהְן דִיא מַשָׂא יֶעדֶע זַאךְ וָוס מֶען טוּט מוּז מֶען זִיךְ בַּרֶעכֶנֶן אוֹיבּ מֶען קָאן בַּשְׁטֵיין:

(פט) מוּתָּר לְשַׁנּוֹת מִפְּנֵי הַשָּׁלוֹם (יבמות ס״ט). מֶען מֶעג עֶפֶּעס לִיגֶענְט זָאגֶן פוּן שלום וֶועגִין:

(צ) מַלְּא צַנָּא דְּדוּבְשָׁא בְּזוּזָא וּבַבְלָאֵי לָא עָסְקוּ בְּאוֹרַיְיתָא (תענית ט׳). אַפִּילְן קוֹיפְן מִיילָן הָאבֶּן זֵיי פַר אַרייְנְשׁ אוּנ לֶערְנֶען וִוילֶען זֵיי נִיט דֶר וָוס זָארְגְט נִיט אוֹף פרנסה דַארְף דָאךְ צוּ לֶערְנֶען:

(צא) מִלָּה בְּסֶלַע וּשְׁתִיקְתָא בִּתְרֵי (מגילה י״ח). דָם וָוארְט אִיז וֶוערְט אֵיין גוּלְדֶען אוּנ דָם שְׁוַויינֶען אִיז וֶוערְט צְווֵיי גוּלְדֶען. דָם שְׁוַויינֶען אִיז תמיד בֶּעסֶר פוּן דֶעם רֶעדֶען:

(צב) מְלַח מָמוֹן חָסֵר (כתובות ס״ג). דָם זַאלְין צוּם גֶעלְד אִיז נָאר אַז מֶען נֶעמְט אַסאַךְ דַאפוּן אוּנ מֶען גוּט צדקה. אַז מֶען זַאלְצְט אַיין אַזַאךְ קָאן זִי לַאנְג גִידוּרֶען:

(צג) מִמָּארֵי רַשְׁוָתָךְ פָּארִי אַפְרָע (בבא בתרא דף צ״ה). פוּן דַיין בעל חוב לָאז דִיךְ בַּצָאלֶן אפילו מִיט קְלַייעֶן. אַז אֵיינֶר אִיז דִיר שׁוּלְדִיג גֶעלְד נֶעם בַּיי אִים דִיא עֶרְגְסְטֶע סחורה אוּנ לָאז דִיךְ נִיט:

(צד) מַעֲשֶׂיךָ יְקָרְבוּךָ מַעֲשֶׂיךָ יְרַחֲקוּךָ (עדיות י״א). דַיינֶע מעשים טובים וֶועלֶען דִיךְ גְנֶענֶען פַר הש״י אוּנ דַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מעשים וֶועלֶען דִיךְ דֶר וַוייטֶערִין פוּן הש״י. דֶר מֶענְטְשׁ אַז עֶר אִיז שְׁלֶעכְט טוּט עֶר זִיךְ אַליין:

(צה) כְּמָשָׁל לְסוֹפֵר שֶׁבָּא לְבֵית הַסֵּפֶר וּרְצוּעָה בְּיָדוֹ דּוֹאֵג מִי שֶׁרָגִיל לִלְקוֹת בְּכָל יוֹם (סוכה דף ס״ט) אמשל צוּ אמלמד עֶר קוּמְט אִין חדר אַריין מִיט אַקַאנְטְשֶׁעק. וֶוער שְׁרֶעקְט זִיךְ. שְׁרֶעקְט זִיךְ מן הסתם דָם יוּנְגֶל וָוס עֶר שְׁלָאגְט אִים תמיד. דֶר עֶרְלִיכֶר מַאן שְׁרֶעקְט זִיךְ פַר קֵיינֶם נִיט. אוּנ דֶער בַּאטְרִיגֶער שְׁרֶעקְט זִיךְ פַר יֶעדִין:

(צו) נָשִׁים דַּבְּרָנִיּוֹת הֵן (ברכות מ״ח). ווייבֶּער הָאבֶּן לִיבּ אַסאַךְ צוּ רֶעדִין אָבֶּער אַמַנְסְבִּיל שְׁפָּארְט זִיי וֶוער:

(צז) נְשֵׁי לְגַבֵּי נְשֵׁי שְׁכִיחָן דְּאָזְלֵי. גַּבְרֵי לְגַבֵּי גַּבְרֵי לָא שְׁכִיחַ דְּאָזְלֵי (יבמות דף כ״ו). דֶר שְׁטֵיינֶר אִיז אַז ווייבֶּר צוּ ווייבֶּר גֵייעֶן אֵיינֶע צוּ דֶר אַנְדֶערֶי אָבֶּער מַאנְסְלַייט גֵייעֶן נִיט אֵיינֶר צוּ דֶעם אַנְדֶערִין נָאר אִין גִישֶׁעפְט זַאכֶען:

(צח) נְשֵׁי מִנְצֵי בַּהֲדָדֵי (יבמות דף ס״ג). ווייבֶּער קְרִיגֶען זִיךְ שְׁטֶענְדִיג:

(צט) נַהֲרָא נַהֲרָא וּפַשְׁטֵיהּ (חולין י״ח). יֶעדֶע בָּאךְ צִיעֶט זִיךְ נָאךְ זַיין שְׁטְרוֹם. יֶעדֶע שְׁטָאט הָט זִיךְ זַיין מנהג:

(ק) נָפַל תּוֹרָא חַדֵּד לְסַכִּינָא (שבת ל״ב). אַז דֶר אָקְס אִיז אַנִידֶר גִיפַאלֶען שַׁארְף דָם מֶעסֶר זָאלְסְט אִים קוֹילִין. אמשל עֶס הֵייבְּט אֵיינֶם אָן נָאר שְׁלֶעכְט צוּ גֵיין זוּכִין אִים שׁוֹין אָפּ אַלֶע צרות:

(קא) וּרְשָׁא נַשְׁקִיךְ כְּנֵי כָּבִיךְ (חולין קנ״ז). אַז אַמֶענְטְשׁ פוּן דֶר שְׁטָאט נֶרשׁ קִישְׁט

# מילין דרבנן

קישט דיך צײלט ער דיינע ציין. אין דר שטאט נרש זענען געווען שלעכטי מענשן אונ פון אשלעכטין מענטש קאן מען קיין טובה ניט האבן:

(קב) נהר פקודאי לוייך מגלימא שפירא דחזי עלך (חולין קכ"ז). אז אמענטש פון דר שטאט נהר פקוד באלייט דיך. מן הכתם הט ער ביי דיר געזעהן אשיין מלבוש אונ ער וויל עס צו נעמן. די הייליגע גמרא ווארינט אז מען דארף זיך פון אשלעכטן מענטש צו היטן:

(קג) סבתא בביתא סימא בביתא (ערכין דף י"ט). אז עס איז דא איין אלט מענטש אין שטוב איז די ברכה אין שטוב. זי טוט אכטונג אויף די אלע זאכן אונ מען קאן זיך מיט איר אלדונג ראהטין:

(קד) סוף אדם למות (ברכות י"ז). דר סוף פון יעדן מענטש איז דם שטארבן דר מענטש זאל דם גידענקין וואלט ער קיין מאל ניט געזינדיגט:

(קה) עבד מלך כמלך (גיטין דף ס'). אקנעכט פון אקיסר דארף מען בכבוד צו האלטן אזו ווי אקייסר:

(קו) עבדא בישא בתר דעבדין מתמלכין (בבא בתרא ד'). אשלעכטער קנעכט נאך דעם ווי ער טוט אפ פרעגט ער:

(קז) עכברא דשכיב אדינרי (סנהדרין כ"ט). אמשל קענין אקארגין נאר ליגט אויף דעם געלד אזו ווי אמאהז ליגט אויף געלד אונ קען דר פון גאר ניט רירן:

(קח) על ג' דברים הקב"ה בוכה על מי שאפשר לו לעסוק בתורה ואינו עוסק וכו' (חגיגה דף ה'). אויף דריי זאכן וויינט גאט אונ איינס פון זיי איז דער וואס קאן זיצן אונ לערנן אונ לערונט נישט. ווארין ער פר לאסט דעם תכלית אונ האט אין זין נארישקייט:

(קט) עשירים מקמצין (מנחות פ'). די רייכע מענטשן זענען קארג דר מוטל מאן טראכט זיך. ער הט שוין ניט וואס אן צו ווערין. אדער דער עושר וויל אהן זאמלן אסאך געלד:

(קי) פירצה קראה לגנב (סוכה כ"ו). אצובראכענע טיער רופט דעם גנב. אז דר גנב זעהט אז מען טוט אויף אים נישט אכטונג דם מאכט אים פר אגנב:

(קיא) פשוט נבילה בשוק ואל תצטרך לבריות (פסחים י"ג). שונד בידיי אפ אנבילה אויף דר גאס אבי זאלסט נישט [illegible] כל זמן דער מענטש הט כח דארף ער צוא ארבייטן אונ צו פרדינען: